UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 81-82 - September 1975 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7692p7z0

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 81-82(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1975

Copyright Information
Copyright 1975 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

SEPTEMBER
1975

82-81

תשרי
תשל"ו

ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

סיוון האַמבורגער, פרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

7617 De Longpre Ave. — Los Angeles, Calif. 90046

SAMUEL WEISS, *Associate Editor*

S. SCHLOSSER, *Editorial Secretary*

S. BUNYAN, *Secretary Emeritus*

ALEX ROBIN, *Consultant*

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH • DAVID GOLDMAN • SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

153 So. Hayworth Ave. — Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 935-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

100

# אינהאַלט


רבקה קאָפּע: אַקאָרדן (ליד) — 3
רבקה סאַוויטש־גאַלאַמב: אין זכות פון ייִדישע פּרויען — 4
מלכה חפיץ־טוזמאַן: ברכה קודלי — 9
איש יאיר: צוויי לידער — 12
אברהם גאַלאַמב: דער ייִווא אין די ראַמען פון דער יידישער קולטור־געשיכטע 14
אַלעקס ראַבין: דער גייסט פון ייִווא — 21
משה שקליאַר: לידער — 24
אַריה פאַזי: ייִד, מענטש און רעליגיע — 27
חיים לייב פוקס: צוויי לידער — 34
יוסף לעפּטוויטש: דער ירושלימער פּען־קאָנגרעס — 38
יעקב זיפּער: שמשון דונסקי, דער מענטש און זיין שאַפן — 41
לילי בערגער: אַרנאָלד מאַנדעל — דער יידיש־פראַנצויזישער שרייבער — 46
ס. נוטקעוויטש: משה שקליאַרס ערשטער בוך לידער אין אַמעריקע — 53
זלמן שלאָסער: ייִדיש־קודש ווערטער וואָס מעסטן דעם הימל — 55
ס. שניאור: אַן איבערדיכטונג פון ביבלישן עפּאָס — 60
שאול מאַליץ: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — דיכטערין פון גלויבן — 63
ז. בן־אברהם: נייע ביכער (קורצע נאָטיצן) — 67
אַלעקס ראַבין: דער אַלט־נייער קריזיס פון דער ייִדישער פּרעסע — 70
שמואל ווייס: פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס — 71
שייע שיכאַטאָוו: „ייִווא־טאָג" אין לאָס אַנדזשעלעס (באַריכט) — 73
שרה לייבער: צום קאָנצערט פון די פערשקאָס אין לאָס אַנדזשעלעס — 74
יובילײ־פייערונג פון ציליע און שלמה צוקערמאַן — 75
אשר קיפּניס: אַ יאָר טעטיקייט פון ייִדישן קולטור־קלוב אין ל. א. — 79
ראש השנה באַגריסונגען — 84-90

אריה פּאַזי, רעדאַקטאָר
שמואל וויס, מיטרעדאַקטאָר
זלמן שלאָסער, סעקרעטאַר
ז. בובין, סעקר.־עמעריטוס

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען.

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

31טער יאָרגאַנג, נומערן 81־82 • האַרבסט 1975 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

## אַקאָרדן

הערנדיק דעם קאָמפּאָזיטאָר ראַפּאַצקיס געטאָ־ראַפּסאָדיע
און די סימפאָניע געווידמעט דער יום־כּיפּור־מלחמה.

ס'וואַיען קלאַווישן
דעם בראַזג פון מלחמה ;
דורך פייער־געזאַלפּן
פּלאַצט אויף די קאַרע
פון זאַפּטיקע טענער.

נעמען זיך טענער פאַרפלעכטן,
פאַרקראַמפּן,
און צאַפּלען צוזאַמען
מיט מענטשלעכע קולות
איבער מכשיר־קלאַוויר.

פּלוצים, גענאַדיק,
דורך שפּאַרע פון לעבן,
דורך געוואַלד און טעראָר
אַ נאָטע — אַ שטיינדל,
שפּרינגט אין אַ טייכל
און ראַיעט אויף איידל
רוואיקע רינגען...

וואַסערלעך רונדע,
פּלעסקען אויס „לעבן".
קלאַנגען געבאָדענע
אין שטערנע טרערן.

זיי הייבן אָן לעבן
אין מושלע פון אויער—

און דעקן, פאַרדעקן
דעם רעקוויעם טרויער!

*
**

פינגערנע פליגל
אויף נאָטן געשליפענע,
צער אויפגעפלאַסענער.
אין מיר אַ פאַרבליבענע,
פאַרשוואַרצט אַלע שפּיגלען.

אויגן פאַרשטיינטע,
רויטלעך געסטרוניקטע,
סירענעס צעוואַיעטע,
פון פינגער צעזוניקטע
אויף קלאַוויר און פּלאַטער.

כּיפּור־מלחמה,
אין מיין דמיון פאַררויכטן,
ס'האָבן פאַרטיליקטע
אין קלאַנג אויפגעלויכטן
פון סימפאָניע־ספּיראַל...

ווערטער איר מיינע,
אותיות געזאַנגלעכע
אין מוזיק באַלזאַמירטע,
פאַרשווינט, ניט פאַרגאַנגלעכע—
פאַרקריצט זיך אין אייביקייט!

רבקה סאַוויטש-גאָלאָמב

# אין זכות פון יידישע פרויען

פון דעם וויטן עבר טויכן אַרויס אָט די דאָזיקע באַצויבערנדיקע געשטאַלטן פון יידישע פרויען. ווי וווּנדערלעך עס איז געווען זייער אויסגעהאַלטנקייט, שטאָלץ, גבורה און קרבנות־גרייטקייט אויפן מזבח פון זייער יידישקייט — זייער עקשנות און אויסדויער. און ווער ווייסט — אפשר וואָלט דאָס יידישע פאָלק נישט זוכה געווען דעם אויפבוי פון בית שלישי, ווען ניט די באַשיידענע, צניעותדיקע, געטרייע יידישע פרויען.

מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט וואָס ווייסט זיין אָנהייב, זיין משפחה אָנגעהעריקייט. דאָס פאָלק האָט געדענקט זיין טאַטע־מאַמע: דעם פּאַטריאַרכאַלן אברהם אבינו און זיין עזר כנגדו — שרה אמנו. ווען מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער אונדזער געשיכטע פון די אָבות אָן, שופטים, מלכים... און איבער אַלע גלותן, זעען מיר תמיד, אין דער גאַנצער איביקייט, די ראָל פון דער יידישער פרוי, ווי זי צעמענטירט די יידישקייט, דעם קיום פון פאָלק און זיין המשך.

דער גאַנצער גורל פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע איז געלעגן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דער גייסטיק־שטאַרקער יידישער מאַמען. פון דער ערשטער יידישער פרוי, דער מוטער שרה, איז זי די עקרת הבית — די פירערין.

ניט אומזיסט שטייט אין די עשרת הדיברות „כבד את אָביך ואת אמיך" — די מוטער איז גלייך מיטן פאָטער. שוין אין חומש זאָגט גאָט צו אברהמען: „וואָס שרה וועט דיר זאָגן זאָלסטו טאָן." גיט נאָך צו די גמרא: „דיין ווייב איז אַ נידעריקע, בייג זיך איין צו איר און זאָג איר." אין תנ"ך איז דאָ אַ גאַנץ קאַפּיטל, אַ געזאַנג צו דער פרוי, דער „אשת חיל מי ימצא"; ערגעץ איז פאַראַן, אַז „ביתו של אדם זה אשתו" — די היים איז די פרוי.

אגב איז דערפון צו זען ווי בכבודיק אונדזערע אורפאָטערס האָבן זיך באַצויגן צו דער פרוי. ניט אומזיסט האָט מרים הנביאה נאָך אין מדבר פאַרפאַסט לידער, געשפּילט אויף דער האַרפע און פויק און באַגייסטערט דאָס פאָלק אין זיין שווערן וואַנדער־וועג.

עס שטייט: „בשביל נשים צדקניות נגאלו אבותנו ממצרים" — צוליב די ערלעכע פרויען זיינען אונדזערע אָבות אויסגעליזט געוואָרן פון מצרים. מיינען מיינט עס: יידן האָבן אויסגעהאַלטן און איבערגעלעבט אַזוי פיל גלותן און זיי זיינען אויסגעליזט געוואָרן אין זכות פון דער יידישער מוטער.

אין תנ"ך איז פאַראַן ווי די מוטער רחל באַוויינט אירע קינדער וואָס גייען אין גלות; און גאָט ענטפערט איר, אַז אין איר זכות וועט ער צוריקברענגען זיינע קינדער. די אגדה האָט זייער שיין באַפּוצט די נבואה: ווען מען פירט די יידן אין גלות, קומען אַלע אָבות בעטן פאַר זיי, אָבער זיי קענען גאָר ניט פועלן ביים שטרענגן, ברוגזן גאָט; עס פועלט אָבער דווקא די וויינענדיקע מוטער רחל — דער סימבאָל פון דער יידישער מאַמען.

אָן אַ שיעור דערציילונגען און לעגענדעס זיינען פאַראַן אין תנ"ך וועגן דער גבורה פון דער יידישער פרוי. דבורה הנביאה, יעל אשת חבר הקני — ביז חנה מיט אירע זיבן זין.

דורך אַלע פּיינען, חורבנות, קרייצוגן, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען — ביז צו לאַגערן, געטאָס, פּאַרטיזאַמען אין די וועלדער, ביז דער מלחמת השיחרור איז די פרוי קיין מאָל ניט אָפּגעשטאַנען. און אפשר גאָר פאַרקערט — האָט די יידישע פרוי — די דערציערין פון די יונגע דורות, אפשר האָט זי צוגעגעבן מוט און פעסטקייט, איר שטאָלץ און איר געטרייקייט צו יידישקייט; איר גרייטקייט צו לעבן פאַר איר פאָלק און זיך מקריב זיין, אויב ס'איז נייטיק, אין צייט פון סכנה. יאָ, מיר האָבן אָן אַ שיעור אַנאָנימע חנהס וואָס האָבן געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלן בעסער שטאַרבן אויף קידוש השם, איידער זיי זאָלן בייטן זייער יידישקייט. — און וואָס

קען זיין פאַר אַ מאַמען טייערער און הייליקער ווי דאָס לעבן פון אירע קינדער?...

* * * * *

די תקופה פון פינצטערן מיטלאַלטער. די פרומע גויאישע וועלט האָלט שטאַרק פון מאַטערן און פייניקן די שוצלאָזע יידן. איינע נאָך דער אַנדערער וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן די אַנאָנימע העלדינס פון טויט. אַלטע יידישע כראָניקעס דערציילן דאָס מיט באַוווּנדערונג. . . די כראָניקעס פון די קלויסטערס פאַרשוויגן דאָס אויך ניט.

די צייט פון די קרייצצוגן — אַ גרופּע יידישע פרויען זייַנען פאַרשפּאַרט אין אַ הויכער שול־פּעסטונג... אַרום דער שול שטייען די קעמפערס פאַר זייער גאָט פון „ליבע און רחמנות." שווערדן און שפּיזן זייַנען אָנגעשטעלט אַרויף צום פאַרפעסטיקטן דאַך פון דער שול. דאָרטן געפינען זיך די צניעותדיקע יידישע טעכטער. פון אויבן — אַ טויטע שטילקייט. פון אונטן — דאָס געזאַנג פון די גאָטספאָרכטיקע קריסטן. שפּיזן, שווערדן, צלמים און הייליקע בילדער, ברענענדיקע ליכט און הייליק טויף־וואַסער. דער אומגעדולדיקער המון קען זיך שוין ניט דערוואַרטן, די אויסגעמאַטערטע, אָבער פאַרעקשנטע יידישע פרויען זאָלן שוין זאָגן כאָטש איין קורצע פראַזע לכבוד דער הייליקער מאַמען. נאָר דעמאָלט וועלן זיי קענען ראַטעווען זייערע יונגע לעבנס פון אומקום. און וואָס קען זיין פאַר אַ יונגן מענטשן טייערער פון זיין לעבן?... זייַנען די פרומע קריסטן אַרום דער דער פאַרפעסטיקטער שול זיכער, אַז באַלד וועלן זיי האָבן די גרויסע מצוות צו ברענגען פאַרזינדיקטע יידישע נשמות אונטער די פליגלען פון דער אמתער אמונה. . .

אָבער ס'געשעט עפּעס וואָס איז אומגלייבלעך, דערשיטערנדיק! — אַ יונגע יידישע פרוי גייט צו צום ראַנד פון דאַך, גיט אַ שפּיי פון אויבן אויף אַ הייליק בילד.... טוט אַ שפּרונג גלייך אויף די אָנגעשטעלטע שפּיזן און שווערדן מיט אַ האַלבן ניט געענדיקטן שמע ישראל. . . גענוג איין בייַשפּיל אַזאַ, אַז צענדליקער אַנדערע זאָלן עס ניט נאָכטאָן.... די גויים אַרום האָבן זיך געצלמט פאַר שרעק, אַנדערע ווידער האָבן געמורמלט: „ווער ווייסט וואָס די דאָזיקע כישוף־מאַכערקעס קענען אַלץ אָפּטאָן?...

כראָניקס פון יענער צייט דערציילן ווי פאַרצווייפלטע מוטערס האָבן מיט די אייגענע הענט געקוילעט זייערע קליינע קינדער: — זאָלן זיי בעסער שטאַרבן ווי יידן איידער לעבן ווי גויים. אָט די דאָזיקע געפּלאָגטע און פאַרפאָלגטע יידישע פרויען האָבן געהאַט איבערמענטשלעכן כוח צו האַרגענען קינדער אויף לעבן און אויף קידוש השם.

* * * * *

די שפּאַנישע תקופה: — די צייט פון דער אינקוויזיציע: אין דעם טראַגישן קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע פעלן ניט קיין פאַקטן פון יידישער גבורה און מסירת נפש. די וווּנדערלעכע העלדין, גראַציאַ אַגילאַר, איז דאָך ווייט ניט די איינציקע. וויפל יונגע לעבנס זייַנען פאַרפייניקט געוואָרן אין די „הייליקע" מאָרד פאַבריקן פון דער אינקוויזיציע!... וויפל „הייליקע" שייטער־הויפנס האָבן אָנגעצונדן די פרומע קריסטן פאַרן גאָט פון „ליבע און רחמנות"... און וויפל אויסגעמאַטערטע, פאַרפייניקטע יידן האָט מען אַלץ געפירט אין שיינע געטלעכע פּראָצעסיעס מיט געזאַנג פון תהילים כדי צו ברענגען זיי ווי קרבנות צו יענעם גאָט פון ליבע. . .

אָט איז אַ כראָניק, איינע פון אַ סך:

אַ יונג יידיש מיידל ווערט געפייניקט אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע. מען פאָדערט פון איר זי זאָל אַרויסגעבן די יידן וואָס היטן אָפּ יידישקייט אין געהיים. די אינקוויזיטאָרן קענען ניט צוזען די ליידן פון דער שיינער יידישקע — דער טרויער און טיפער גלויבן שטראַלן אַרויס פון אירע גרויסע, שיינע אויגן. די בלאַסע ליפּן זייַנען פאַרעקשנט־פאַרביסן. אירע פעך־שוואַרצע האָר זייַנען אויסגעוויקט אין שווייס... אַרום און אַרום — דער ריח פון בלוט און די געשרייען פון די געפייניקטע. רעדט צו איר דער פייניקער: ער שרעקט זי, ער וואָרנט זי. ער וויזט איר ווי קונציק ער קען פייניקן מיט יסורים אָן אַ ברעג. פאַרוואָס זאָל אַזאַ שיינהייט אַזוי פיל ליידן... זאָג נאָר אויס ווו איז דאָס אָרט ווו דיינע מיטגלויביקע באַהאַלטן זיך אויס, וועסטו ראַטעווען דיין

יונג לעבן און זיין גליקלעך"... אָבער ניין! אַ האַלב טויטע, מיט צעבראָכענע גלידער, ליגט זי אויסגעצויגן אויף דער פּייני־קונגס־באַנק. אירע אויגן לייכטן, זי זעט עפּעס אַ וויזיע... איר אומגעבראַכטע מאַמע זעט זי... ווי פון אַ נעפּל אַרויס דערהערט זי דער טייערער מאַמעס זיסן קול... „מיין קינד, געדענק... נעם זיך אָן מיט מוט און גיב זיך ניט אונטער... דו ביסט ניט די ערשטע און ניט די לעצטע וואָס גייט אויף קידוש השם"... דאָס מיידל כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ טראַנס און שרייט אויס: „טו מיט מיר, שטן, וואָס דו ווילסט, איך בין גרייט אויף אַלץ!...

* * * * *

אויך דעם אינהאַלט פאַר זיין דערציי־לונג „די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע" האָט שלום אַש גענומען פון אַלטע קלויסטער־כראָניקס. אַ יונגע, שיינע בת ישראל האָט די מעגלעכקייט אויפגענומען צו ווערן ווי אַ געטין. דער המון קניט פאַר איר ווי פאַר אַ געטין. זי קלייבט אָבער בעסער אויס דעם טויט.

און אַזוי איז דער גאַנג פון אונדזער געשיכטע. תקופה נאָך תקופה. יעדערע מיט יידישע צרות און יידישער גבורה.

גזירת ת"ח, כמעלניצקיס פּאָגראָמען: די באַקאַנטע כראָניק פון נתן נאָטע האַנאָ־ווער („ביון מצולה") — אין דער כראָ־ניק זיינען פאַראַן וואונדערלעכע פּרויען־געשטאַלטן. אַ קאָזאַק האָט ליב אַ יידיש מיידל. ער וויל מיט איר חתונה האָבן. זי איז מסכים מיט איין תנאי — די חתונה זאָל מען פּראַווען אין אַ קלויסטער אויף דער צווייטער זייט פון טייך דניעפּר. ווען זיי גייען איבער דער בריק, שפּרינגט דאָס מיידל פון בריק אין וואַסער. זיך דער־טרונקען, אָבער די יידישקייט ניט פאַר־שוועכט.

שלום אַש דערציילט אין זיין „קידוש השם" — אויך פון יענער צייט, ווי דבורה־לע, אַ פּשוטע יידישע טאָכטער, געוואַקסן אַ סך יאָרן ביי איר שווער אין קרעטשמע, רעדט איין דעם קאָזאַק וואָס וויל מיט איר חתונה האָבן, אַז זי איז אַ הייליקע. זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי פאַרמאָגט אין זיך אַ געטלעכן כוח און אפילו אַן אמתע קויל קען איר ניט שעדיקן. זאָל ער טאַקע אויספּרוּוון און זען.. זי שטאַרבט פון זיין קויל אין די גאָלדענע שיכעלעך וואָס איר מאַן האָט איר געבראַכט פון לובלין.

י. ל. פּרץ דערציילט אין זיינע „דריי מתנות" וועגן דער צניעות פון אַ יידיש מיידל... אַ רבס אַ טאָכטער ווערט פאַר־משפּט מען זאָל זי צובינדן פאַר אירע לאַנגע צעפּ צום ווידל פון אַ ווילדן פערד. „זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער וואָס זי האָט פאַראומרייניקט מיט אירע פיס!" פאַר איר טויט בעט די פאַרמשפּטע עטלעכע שפּילקעס. דאָס איז איר איינציקער און לעצטער פאַרלאַנג. זי בייגט זיך איין און שפּילעט צו דעם זוים פון איר קלייד צו די פיס און שטעכט אַריין די שפּילקעס טיף, טיף אין איר לייב — עס זאָל איר קערפּער זיך ניט אַנטבלויזן, ווען דאָס פערד וועט זי שלעפּן איבער די גאַסן.

* * * * *

אויב דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דער דינט צום דערהויבענעם נאָמען „עם הספר", איז עס דאָך אויך נאָר אַ דאַנק דער יידישער פרוי. זי, די שוואַכע אשת חיל, האָט גענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דער פּרנסה, געזאָרגט פאַר דער גאַנצער משפּחה און געשלעפּט דעם יאָך פון אַלץ און אַלעמען. און געטאָן האָט זי עס מיט ליבע און געטרייקייט, כדי ער זאָל געזונט זיין, דער מאַן, זאָל מיט אַ רואיקן קאָפּ קענען זיצן און לערנען.

ביי שלום אַשן איז דאָ אַ קורצע דער־ציילונג וועגן אַ מאַמען, אַן אָרעמער אַל־מנה. זי שפּאָרט פון אירע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס און קלייבט עס אין אַ קליין קניפּל. ווען זי האָט שוין גענוג, שיקט זי אַוועק איר קליינעם זון לערנען אין ישיבה. ס'איז רירנד ווי זי באַגלייט איר זון ביז דער בויד, באַדינגט זיך מיטן בעל־עגלה און ווען די פערד זיינען שוין העט ווייט שטייט זי נאָך אַלץ און ווישט מיטן פאַרטעך שטיל די טרערן. דערנאָך לאָזט זי זיך צוריק אַהיים, ליגט אָן וועג, גייט אַרויף אויפן בית־עולם, קלאַפּט אָן אין קבר פון איר מאַן און שרייט אַריין: „זיי וויסן, אַז דיין זון איז נאָר וואָס אַוועק־געפאָרן אין דער ישיבה אַריין."

ח. נ. ביאַליק שרייבט וועגן זיין מאַמען:

„מיין מאַמע, זכרונה לברכה,
געווען אַ גרויסע צדיקת,
אַ ווײסטע אַלמנה געבליבן.
איין פרייטיק פאַרנאַכט,
עס גליט די שקיעה אין שפּיצן פון ביימער
און אין שטוב ניט קיין ליכט, ניט קיין עסן.
זי זוכט און מיט נסים פון הימל
געפונען צוויי פּרוטות.
ברויט אָדער ליכט? מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפט צוריק
און אין איר מאָגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט אויף צו בענטשן געטראָגן.״

* * * * *

דער גרעסטער און וווּנדערלעכסטער אויפטו פון אונדזער פאָלק איצט, אין אונדזער דור, איז זיכער דער אויפבוי פון אונדזער מדינה. ס'איז בלי שום ספק, אַז אָן דער עקשנות, אויסגעהאַלטנקייט, געטרייקייט און אויסדויער פון דער יידי־שער פרוי וואָלט דער בנין ניט געקענט מצליח זיין. האָט די פרוי צוזאַמען מיט איר מאַן, האַנט אין האַנט, געבויט און געקעמפט. יעדער אָרט און יעדער ווינקל דערציילט וועגן שותפותדיקער גבורה און מסירת נפש. האָט די פרוי אַליין גע־קעמפט און גלייכצייטיק געהאָדעוועט קינדער, אַז אויך זיי זאָלן שפּעטער קענען בויען און קעמפן. און אויב נייטיק, זיין גרייט זיך מקריב צו זיין, אויב חלילה די שעה זאָל קומען.

האָט רבקה גובער, אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלאָרן אירע צוויי זין אין מלחמת השיחרור (אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט) געלאָזט אויסקריצן אויף צוויי זילבערנע בעכערס די נעמען פון אירע יונג־אומגע־קומענע קינדער. ווען לייוויק האָט אַ דערשטוינטער דעהערט די טראַגישע פּאַ־סירונג, האָט ער אָנגעשריבן די צאַרטע פּאָעמע „צוויי זילבערנע בעכערס.״ דער מאַמען האָט ער געהייליקט זיין פּאָעמע. און אָט זיינען עטלעכע אויסצוגן:

„צוויי זילבערנע בעכער. אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געווען אַ ישראל־מלחמה, און איצט —
די שטילקייט פון נאָך ניט געזונגענע לידער.
די מאַמע וואָלט קענען די בעכער די צוויי
ביז איבער די ברעגן פאַרטרינקען מיט טרערן,
זי וויל אָבער בעסער, להיפך איר וויי,
זיי זאָלן דעם יום־טוב פון פּסח געהערן.

פאַרהאַלט זי די טרערן. זיי שטראָמען אַרויס
ווען ס'זעט ניט קיין אויג, און אויך דעמאָלט אפילו
ביים גראָז און ביים בוים, וואָס באַשאָטנט איר הויז,
זי בעט פאַר איר צער, פאַר איר טרויער מחילה.

מען האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַזינגען די אידעאַליסטישע יונגע מיידלעך, וואָס זיינען געקומען מיט יאָרן צוריק פון קליי־נע שטעטלעך העלפן צוריק אויפבויען דאָס פאַרוויסטע לאַנד. אָט אַ די אַ מייד־לעך, וואָס זיינען געקומען פון זאַטע היי־מען, האָבן אין ארץ ישראל געהאַקט שטיי־נער, געפלאַסטערט שאָסייען, געבויט הייזער — ביז די זון, דער קאַלך און שטויב פלעגן זיך איינעסן אין צאַרטן לייב.

ניט די קאָלאָניעס, ניט די קיבוצים וואָלטן אויסגעהאַלטן אָן דער געטרייקייט און עקשנות פון דער יידישער פרוי. חדרה וואָלט געבליבן ליידיק, מען וואָלט פאַר־לאָזן נהלל, און נאָך און נאָך ערטער, ווען ניט די איבערמענטשלעכע גייסטיקע און פיזישע כוחות פון די אַנאָנימע העלדינס.

און קאַפּיטל תל חי, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע! — האָבן דען די פרויען ניט געקעמפט צוגלייך מיט די מענער? צו־זאַמען מיט טרומפּלדאָרן און זיינע חברים?

און שרה אַראָנסאָן, וואָס האָט נאָך פאַר די טערקן, אין דער ערשטער וועלט־מל־חמה, זיך גענומען דאָס לעבן אין אַ דמשק־ער טורמע, איז זי דען אַ קלענערע העלדין פון איר ברודער אהרן?

אין אַלע ביטערע, בלוטיקע טעג זיינען דאָך דאָס געווען די פרויען, וואָס האָבן געמונטערט, געמוטיקט, מיטגעצויגן און מיטגעריסן מיט זייער ביישפּיל פון מסירת נפש.

און די אוימגליייבלעכע געשטאַלט פון אַ חנה סענעש, וואָס שרייבט אין איר לעצט ליד:

„אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות.
אשרי הלהבה שבערה בסתרי לבבות.
אשרי הלבבות שידעו לחדול בכבוד.“

(ווייל איז דאָס שוועבעלע וואָס איז אַליין פאַרברענט געוואָרן, אָבער ס'האָט אָנגעצונדן פלאַמען. ווייל איז דעם פלאַם וואָס האָט געפלאַקערט אין פאַרבאָרגעניש פון הערצער. ווייל איז די הערצער וואָס זיינען אויסגעגאַנגען מיט כבוד).

און די וווּנדערלעכע פרויען־געשטאַלטן אין די געטאָס און לאַגערן; אין די וועלדער און אין די פּאַרטיזאַנקעס, אין שפּיאָנאַזש־אַנטייל, די פאַרבינדעריגס צווישן געטאָ און געטאָ. עס איז נאָך ניט גענוג דערציילט געוואָרן וועגן זיי; וועגן דער דאָזיקער לעגענדאַרער גבורה, וואָס קיין אומה אין דער וועלט פאַרמאָגט עס ניט.

רחל קאַצענעלסאָן האָט געשריבן, אַז דער דאָזיקער כוח האָט זיין אורשפּרונג אין כאַראַקטער, דערציונג און לעבנסשטייגער פון פאָלק. די דאָזיקע העראָישקייט האָט געצויגן איר יניקה פון דעם מסירת נפש־קוואַל פון דער יידישער מוטער פון אוראַלטע צייטן.

די געשיכטע פון די יידישע פרויען אין די געטאָס — איז אַ געשיכטע פון בלוט און עקשנות־גרייטקייט. די דאָזיקע פרויען זיינען אַזוי נשמהדיק געווען פאַרבונדן מיט זייער פאָלק און זיינע ליידן, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסן צו סימבאָלן פון קדושה.

אָט וואָס עס האָט געשריבן רוזשקע, איינע פון די העלדינס פון ווילנער געטאָ:

„דאָס וואָס עס איז דאָרטן געשען טאָר ניט גיין פאַרלוירן. דאָס זיינען גרויסע אוצרות וואָס אונדזער פאָלק פאַרמאָגט און וואָס פון זיי דאַרף דאָס פאָלק שעפּן און שעפּן. אויב עס איז פאַראַן אַ געשיכטע פון אַ פאָלק, און עס איז פאַראַן אַ לעגענדע פון אַ פאָלק, דאַרפן די דאָזיקע פרויען אַריינגיין אין דער געשיכטע און אין דער לעגענדע און דאָרטן בלייבן אייביק אין זיכרון פון פאָלק. זיי טאָרן ניט פאַרגעסן ווערן, זיי זיינען צו טייער, זיי זיינען צו פיל פאַרבונדן מיט זייער פאָלק. זיי מוזן אַריינגעוועבט ווערן אין דער פאָלקס־לעגענדע און אַריינגעפּעדעמט ווערן אין לעבן.

כ'וועל נאָך צוגעבן אַן אויסצוג פון אַ בריוו וואָס אַ יידישע מוטער פון דער קאָוונער געטאָ האָט געשריבן צו אירע צוויי זין אין ארץ ישראל. דאָס איז געשריבן געוואָרן ערב איר אומקום. דעם דאָזיקן בריוו האָט אַ קריסט געפונען און עס איבערגעגעבן. עס איז ווי אַ מין צוואה:

„מיינע טייערע און גליקלעכע זין! עס איז שוין דריי יאָר ווי מיר זיינען באַגראָבן לעבעדיקערהייט. מיר שפּירן אַז אונדזער סוף איז שוין נאָענט. עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן. עס איז גוט וואָס מיר האַלטן שוין ביים סוף. עס איז אָבער שווער צו שטאַרבן אַ מינוט פאַר דער גאולה. הלוואי וואָלט איך אייך געקאָנט איבערגעבן בירושה די פעאיקייט זיך צו באַנוגענען מיט ווינציק; מיט דעם נאָר וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. ווען כ'וואָלט עס אייך געקענט אויסלערנען — וואָלט איר, די פרייע, שוין קיין מאָל ניט געווען אומגליקלעך.

„קינדער, נעמט זיך ניט צום האַרצן פון קלייניקייט און קליינלעכקייטן... זייט גוטע און געטרייע זין צו אייער געפּייניקט פאָלק. פאַרלאָזט קיין מאָל ניט אייער פאָלק און אייער לאַנד. איך בעט אייך, זייט גערעכט און יושרדיק. ווייסט ווי אָפּצושאַצן אייער גליק און נוצט עס אויס נישט פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע... באַקלאָגט אונדז ניט מיט טרערן און מיט ווערטער. מיר וועלן לעבן אין אייערע מעשים.“

ווער איז מסוגל צונויפצונעמען די טרערן פון יידישע מאַמעס? הייליקע טרערן, וואָס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן אין צייטן פון גרויל און פּיין! אויב אַ נשמה האָט אַ רעגנבויגן, ווען די אויגן האָבן טרערן — אויב דאָס איז אַזוי, פאַרמאָגט קיינער ניט אַזוינע קאָלירפולע, איידעלע נשמות ווי אונדזערע געפּייניקטע, גערודפטע, אָבער שטאָלצע, אויסגעהאַלטענע מאַמעס פון ווייטן און נאָענטן אַמאָל.

מלכה חפץ טוזמאַן / בוירקעלי, קאַליפ.

# ברכה קודלי

## (צו איר גרייכן דעם עלטער פון גבורה)

„ווי אַ שטורעמווינט וואָס רייסט אין האַרבסט דעם בלאַט פון בוים
ווי שוימענדיקע וועלן פון ים
וואָס שלאָגן מיט אימפעט אין פעלדז זיך אָפּ —
אַזוי וואָלט איך מיין לעבן אויסלעבן געוואָלט
און נאָך דעם — ווי אַ מידער זיין רו
וואָלט איך באַגעגענען דעם סוף פון מיינע טעג."

אַט אַזוי שוין פון ערשטן ליד אין איר ערשט בוך, אידענטיפיצירט זיך ברכה קודלי מיט דער נאַטור: שטורעמווינט, האַרבסט, בלאַט, בוים, וועלן, ים און פעלדז.

פון איצט אָן זיינען אַלע אירע עמאָציעס פאַרבונדן אָדער אָנגעקניפּט מיט נאַטור דערשיינונגען.

„אַרום דיינע אויגן טונקלען זיך סודות
וואָס רייצן
ווי רייפע פּירות אויפן בוים
אין האַרבסט."

אָדער:
און מיין טאַטנס שבת-נאַכטיקע געזאַנגען
פאַרזייען אין מיר דעם ערשטן פיבער
פון אַ ליד."

וואָס זעען מיר דאָ?
מענטשלעכע סודות און פּירות און האַרבסט און בוים. דעם טאַטנס געזאַנגען פאַרזייען אין אירע לידער, ווי מען פאַר-זייט בלומען.

און ווייטער:
„פון דיין יונגער ליבשאַפט שמעקט
מיט בעז.
דיינע האָר דערציילן שטילע טיפקייט
פון רייפן קאָרן.

אונטער פלאַטער פון דיינע ליפּן
צעבליט אַ פרילינג אין מיין בלוט
מיט צווייטן צוויט.

פאַרבענקטע בליקן
חלומען שוויגנדיק
ווי די זאָמען אין די זאַנגען."

שוייגנדיק ווי זאָמען אין זאַנגען איז אַ וואונדערלעכער פאַרגלייך.

און אַז ברכה זאָגט: מיינע טריט חלומען די ווייכקייט פון פרישן גראָז — דערזעט מען דעם גאַנצן מענטש וואָס איז ברכה קודלי — די דיכטערין.

ברכה האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג עפּעס נייעס. זלמן שניאור האָט אונדז דערלאַנגט דאָס מאַרגעריטקעלע; דער דיכטער עסעלין האָט דערקענט די מימאָזע, איז דאָס ביים יידיש לייענער געוואָרן עפּעס נייעס. אַ ייד האָט געוווסט אַ רויז, און דאָס איבעריקע איז געווען גלאַט אַ בלום. אַז אַ לערער אין אונדזערע שולן האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ געוויסע בלום אין אַ בוך האָט ער דעם קינד געזאָגט אַז דאָס איז אַ בלום אַזאַ, אָדער אַ בוים אַזאַ. אַזוי איז אויך געווען מיט קאָלירן: שוואַרץ, ווייס, רויט, געל, גרוי און בלוי. ביי ברכהן געפינען מיר

---

תהי נשמתן צרורה בצרור החיים!
זאָלן זייערע נשמות איינגעפלאָכטן ווערן אין בונד פון לעבן. און הלוואי זאָלן די היינטיקע מאַמעס ווייטער שפינען דעם גאָלדענעם שנור פון אונדזער געשיכטע — די געשיכטע פון אַן אַלט און גייסטיק-אַריסטאָקראַטיש פאָלק.
הלוואי זאָלן אויך די היינטיקע מאַמעס זוכה זיין צו ציען זייער יניקה פון די זעלבע קוואַלן, וואָס פון זיי האָבן געשעפּט אונדזערע אַמאָליקע מאַמעס.

שוין אַזעלכע קאָלירן: שאַרלאַך, סיריז,
פּורפּור, לילע און נאָך. און אַז זי זאָגט:
גאָט האָט זיך אין פאַרבן אַנטפּלעקט —
איז דאָס אַ דיכטערישער אמת.

ביימער גיט אונדז ברכה אַזעלכע: קי־פּאַריסן, מאַגנאָליאַ, אייקאַליפּטן, צעדער, מעלבורן, און אַנדערע. און דער גאָרטן פון יידישער פּאָעזיע האָט זיך צעבליט מיט ברכהס בלומען ווי קיין מאָל פריער. איך האָב אין אירע ביכער געפונען אַ צעטל בלומען אַזעלכע: נאַרציזן, בעז, פּאַפּי, רויז, טוליפּאַן, דאַפאָדילן, גירלאַנדן, לי־ליעס, היאַצינטן, קרעזאַנט, כריזאַנטעמע, אָלעאַנדער, פיאַלקעס, און פאַרגעסניטלעך און נאָך אַנדערע. און דאָס איז ניי אין דער יידישער דיכטונג.

און ברכה קומט צום בלום מיט מענטש־לעכע אַטריבוטן. ווען זי טוט אַנדערש, וואָלט געווען אַ פעלשונג. ווייל מענטש האָט ניט קיין בלום־דערפאַרונג; ער האָט נאָר מענטש־דערפאַרונג. ווען זי דער־ציילט אונדז וועגן האָסער־ליליעס וואָס וועלקן, לייענען מיר אַזעלכע שורות:

„אין די לעצטע רגעס
האָבן זיך פאַרחלשטע העלדזער
פאַרפלאָכטן
אין אַ פרעג־צייכן אַרונטערגעהאַנגען,
ווי גלייך זיי וואָלטן עפּעס עמעצן
געפרעגט."

האָבן די ליליעס, הייסט דאָס, העלדזער און חלשן ווי מענטשן.

אָדער ווען זי זאָגט: „ווייסע בלומען, צאַרט ווי האָפנונג." האָפנונג איז מענטש־לעך און טאַקע ווייס און צאַרט. מען באַ־דאַרף נאָר וועלן זיך צוהערן און מיר דערקענען אַ וועלט פון נייע באַגריפן.

אפילו די עראָטיק ווערט באַרייכערט דורך בלום־סימבאָל:

„מיט גרין און בראַנז פלאַטערן די
בלעטער,
צאַרטקייט פון סאַמעטענע קנאָספּן
האַלב פאַרמאַכטע
פלעכטן זיך אין גירלאַנדן אויס.
פאַר דעם סימבאָל פון אומשולד
ביי צנועהדיקע כלות."

דאָס איז זייער אַן איידעלער עראָטישער פאַרגלייך.

און אָט ווי צמחים טוען פּונקט ווי מענטשן: ברכה דערציילט אפשר גאַנץ אומשולדיק און שיין, דעם פּראָצעס פון ווערן: ווייץ ווערט ממש ווי אַ קינד אין דער מאַמעס טראַכט:

„אַ גאַנצן ווינטער
האָבן קערנער פון טיפער ערד
צום געזאַנג פון רעגן זיך צוגעהערט,
געדרימלט, געיערט.

אין פרילינג
געשטיפט זיך אויף זאַנגענעם רייץ
אין זומער
געוואַקסן, אויפגעגאַנגען,
ביז זאַנגען זיינען געוואָרן ווייץ."

און —

„מאַי,
דאָס וואָס איז פול מיט שטילן כישוף,
וואָס פלעכט זיך אַרום בלאַסע גירלאַנדן
און אַנטפּלעקט זיי אַ סוד
פון ערד און גאָט.

זייער אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן ווי ברכה פאַרמענטשט זאַנגען. זי זיינען ווי יונגע מאַמעס וואָס דערפילן דעם צי־טער פון ניי לעבן וואָס ווערט געבוירן דורך זיי:

„אַ דור פון שטאָלצע, רייפע זאַנגען
שושקען זיך אין פריידיקן ציטער.
מיט שווערער שפע בייגן זיי זיך פאַרן
שניטער."

מיר געפעלט דאָ זייער דער זאַג: „אַ דור זאַנגען." ס'איז באמת אַ דערפרישנדיקער פאַרגלייך. ווען מיר טרעפן זיך אָן אויף אַזעלכע נייעסן, האָבן מיר נאָר אַ ברכה פאַרן דיכטער.

לידער באַדאַרף מען קענען לייענען. מ'דאַרף קולטיווירן דעם געשמאַק כדי צו האָבן די פולע הנאה פון אַ וואָרט. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען דעם דיכטער דערקענען אין זיין אייגנאַרטיקייט.

ווען ברכה קוקט אויף אַ שיסל פירות אויף איר טיש, זעט זי זיי אַלע אין מענטש־לעכע מעלות: אַ קאַלטער אָראַנדזש, אַ נאַ־איווע פיג, אַ שמייכלענדיקע באַרנע, אַ לוסטיקע פלוים, אַ אַ זאַפטיקע אַפריקאָס און אַזוי ווייטער.

וועט איינער פרעגן: צו וואָס באַדאַרפן מיר אַט די אַלע זאַכן? וואָס גיט דאָס דער דיכטונג ?

דערויף וועל איך ענטפערן מיט אַ ציַ־טאַט פון רב נחמן בראַצלאַווער. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„ס'אַ זכיה עס איז צו קענען דערהערן דאָס געזאַנג פון צמחים, ווי יעדער גע־וויקס זינגט זיין ליבשאַפט צו גאָט. ווי וווּנדערלעך ס'איז צו הערן אַזאַ געזאַנג.

„מיט יעדן אָטעם־צי טרינקסטו אַריין די לופט פון גן־עדן, און ווען דו קערסט זיך אום צוריק פון פעלד, איז די וועלט אַ באַנייטע אין דיינע אויגן.“

באַנעמען מיר די וואונדערלעכע ווער־טער פון דעם בראַצלאַווער, באַנעמען מיר איך בעסער און נעענטער דאָס געזאַנג פון האַרץ.

און אַז ברכה קודלי זאָגט:

„איך ליג צו מיין פנים צו דער ערד
און אינטימער ווער איך מיט אַלץ וואָס
מיר איז באַשערט“

פאַרשטייען מיר דאָס, אָדער מיר ז אָ ל ן דאָס פאַרשטיין כדי צו דערקענען דעם דיכטער.

איך וועל פאַרענדיקן מיט אַ טייל פון אַ ליד, וואָס איז פון ברכהס נייעסטע לידער. דער נאָמען פון ליד איז: „קאַלי־פאָרניער מאַטיוון“:

„מיט מאַגישן געשוויג
מישט זיך דיין קלינגענדיקע וואָר
ווען אין דיינע וואַסערן שווימען אַרום
שטאָלצע, שלאַנקע שוואַנען.
זיי האַלדזן אַרום די ברעגן פון טייך
מיט זייער ווייסער גראַציע.
זיי מאַניעט דער אויפגעוואַכטער
אַראָמאַט פון מאַגנאָליע געשוויג.

ערב פרילינג קומען צו דיינע פּאַלמען
ווינטן פאַרבענקטע
און טראָגן אַוועק פון מערב צו מזרח
שטילקייט און רו.

צו דיינע ברעגן, קאַליפאָרניע,
אויף זוניקע סטעשקעס
קומען פאַרטרוימטע לייט זוכן
אַ פאַרשלייערטן פורפל
אין די עווערגרין בלעטער
און אין דער זון
זוכן זיי פאַרכישופטע מחשבה.

דיינע וואַסער־קוואַלן
שלעפּן אַראָפּ פון די בערג שניי־שאַלן,
פלעכטן אויס זילבערנע צעפּ
וואָס לויפן אַרונטער
מיט אַ דינעם, דינעם שפּריי
און זינגען אַרויס דעם זיסן ברוין פון
בערג
און די דורשטעניש פון זייערע קעפּ.

סיי ווינטער, סיי זומער שיכורן די בינען
מיט אַפּעלסינען צווייט.
די ליבשאַפט און די זיסשאַפט
פון דיין גלאָריע.“

ווידער זעען מיר דאָ ברכהס אייגנקייט: אַראָמאַט, מאַגנאַליע, געשוויג, פּאַלמעס, פורפל, עווערגרין, וואַסער־קוואַלן, שניי־שאַלן, אַפּעלסין־צווייט און נאָך.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

M. GOLDFARB

153 So. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 735-2950

פאַרוואַלטונג „חשבון“

איש יאיר / מאָנטרעאָל

# צוויי לידער

## ווער וועט באַפעלן דער נאַכט?

**בעלות.**

די זון בליקט אַפּער פון ראַגאָזשעס־שוואַרץ.
לויבט זיין הייליקן נאָמען. דעקעס חושך, פאַרשאַרצט.
גייט־אויף אין שטאָלצער פּראַכט.
די וועלט גליט מלא־חדווה: ריקודים אין די סקווערן.
ווער וועט באַפעלן דער נאַכט, מיין פינצטערטוך אַפּווערן?

זייד־פּאַווע שוועבט זאַכטיק אין לילא טרוים־בוך.
דעם פאַרשטויסענעם דינסטל פּאַסט פרינצלס גאָלד־שוך.
טאַנצן, און האַלדזן, און ששון, אין סקווערן.
מיין פאַרביקע פּאַווע, פאַרבלאַסט האָסט די ספערן:
ווער האָט דיך, אין מיט פּלי, צו נידער געשאָסן?
ווער האָט מיך, אין נאַכטיקע קייטן פאַרשאָלטן

אַש — אויף מיין קאָפּ. זאַק — אויף מיין לענד.
איך טאַנץ אויף לוויות; אויף שמחות, כ'טו קלאָגן.
ווי אַשמדאי — געבונדן — און מיט גליק, כ'בליק די פּלאָגן.
חושך־ממשלה, הפקר־קאָשמאַרן,
מיין לעצט שפּראָצל זונרויז, אום וואָרמעס, פאַרקוואָרן.

**שקיעה.**

דער ווידער אַנטרונען פון סכך:
ס'האָט אַ דרימל געטאָן, אייביק־וואַך.
דער קיילער פאַרדינט זיך זיין קעסט:
פּישטשעט פּחד פון יעדערער נעסט.
קאָרטשעט זיך זון אין טייכן פון בלוט.
קני, מענטשל! זאָג: „הודו!” זינג „גוט!”...

אונטערטעניקע זיסקייט — באַרוט...
נידערט, פאַמעלעך און שווער,
די אַשיקע טוך, איבער סקווער...
ווער וועט פאַרווערן דער נאַכט,
מיך פאַנגען, אין תהום פון איר טראַכט?...

# זומער־רעגן

קנוילן כמאַרע הענגען שווער.
אַנטענעס שטעלן־אַן געהער.
שפּיזל־באָרד דאַרנט דעכער.
טעלעוויזאָרס האָרכן העכער.

רייסט זיך דראָט צו שטאָל־וואָל צויטן,
וואָס באַמבלען זיך פון זוים דעם רויטן,
שמייסן אָנגעפּוישטע אייטערט —
צעגליט, באַהעלט פון שקיעה־שייטערס.

געשוואָלענע, ווי פּולע לאָגלען,
שוואַרצע וואָלקנס דראָען האָגלען;
וויבערס ווילדע, ליקעס שטויבן —
זאַנג צעשויבערט — דרעשן, רויבן.

טשופּרינעס קרייזלען זיך שוואַרץ־פּעך:
ריזן ווילדע — צום געפּעכט —
אויף צערייצטע ווידלטירן,
אַנטקעגן שטורעם, גאַלאָפּירן.

בייזע זשוברעס — קעפּ געבויגן —
רויטע יוכע אין די אויגן,
הערנער, אָנגעשפּאַנטע פּיקעס,
קראַכן, ווי אויף קיזל־שטיקעס.

בופלאָקסן — אין געראַנגל:
אין הימל, וואַלגערט ווער אַ מאַנגל,
קוילערט ווער אַ קלאָץ אויף שטיין,
קנאַקט אויף שפּליטערס שטשערבעס ביין.

רייט אַ לץ אויף בעזעם־בליץ,
אַ מזיק שלוקערצט, קייכט פון היץ.
פּלאַצט און קנאַלט אַ וואָלקן־בלאָז.
קנאַקלען טויזנט שערבלעך גלאָז.

פליצט דער שויבער וואַסער־שויטן,
צוואָגט די שטראָזן און די ברויטן.
טענצלט טרעפּל קעגן טראָפּ —
שטעקט די זון אַרויס דעם קאָפּ.

אברהם גאָלאָמב

# דער ייוואָ אין די ראַמען פון דער ייִדישער קולטור-געשיכטע

געקומען די צייט ווען מען דאַרף אויפנעמען דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ווי אַ דערשיינונג אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע. כּאַראַן צווייערליי דערשיינונגען: אַזוינע וואָס קענען זיין טומלדיקע, אָבער זיי און זייער טומל געהערן ניט צו דער געשיכטע, זיי וואַקסן ניט אַרויס פון דער געשיכטע, און זיי האָבן ניט קיין געשיכטלעכן כּאַראַקטער, מען קען פון זיי ניט לערנען דעם גאַנג פון דער געשיכטע. עס האָט געבלאָזן אַ ווינט, אָבער עס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן קלימאַט פון אָרט. און עס זייַנען פאַראַן דערשיינונגען וואָס זייַנען פּראָדוקטן און פאַקטאָרן פון דער געשיכטע. זיי וואַקסן אַרויס פון דער אַנטוויקלונג פון פאָלק און זיי זייַנען פאַקטאָרן וואָס בויען די געשיכטע פון זייער צייט. איז דער ייוואָ בפירוש אַזאַ געשיכטלעכע דערשיינונג. די געשיכטלעכע פּראָצעסן אין ייִדישן לעבן האָבן געבראַכט דעם ייוואָ צום לעבן; ער באַצייכנט אַ תקופה אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע, פון איר איז ער אויסגעוואַקסן און אין איר איז ער אַריינגעוואַקסן.

אַט איז געוואָרן פופציק יאָר ווי דער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן (אין 1925) אין ווילנע. ניטאָ יענע ווילנע, ניטאָ יענע ווילנער ייִדן; ניטאָ יענע סטימולן און יענע שפּראָצונגען, וואָס האָבן אַזוי כאַראַקטעריזירט די שטאָט ווילנע און דעם אייגנאַרטיקן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. געבליבן אייניציקע מאָהיקאַנער פון יענער ווילנע. זייַנען זיי צעשאָטן — יענער דאָ און אַ צווייטער — דאָרטן. זייַנען זיי מחויב צו דערציילן, מחויב איינצופאַסן דעם ייוואָ אין דער ראַם פון דער גאַנצער ייִדישקייט אין יענער צייט און אין יענעם אָרט. עס איז געווען פאַרן „מבול", ווי מען איז געוווינט אָנצורופן צייטן פון אַמאָליקע אַנדערע תקופות. די יענע תקופות קענען זיין אין יאָרן גאָר ניט „פאַרצייטן"; זיי בלייבן אין יאָרן נאָענט, אָבער אין געשיכטלעכן גאַנג — דאָך פאָרט פאַרצייטן. דער ייוואָ אַליין איז געווען אַזאַ פּראָצעס אין אונדזער געשיכטע. ער איז אַריינגעוואַקסן אין דער צייט און אין אָרט. זיין געשיכטע איז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די אידעע פון ייוואָ און זיין פּראַקטיק האָט אויסגעפילט אַ טייל פון ייִדישן לעבן.

האָב איך זיך געכאַפּט אַז איך בין דער אייניציקער וואָס איז דערווייל נאָך געבליבן פון יענעם עולם וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער ערשטער גרינדונג־זיצונג פון ייוואָ אין ווילנע. אַלע אַנדערע אָנטיילנעמער זיצונג זייַנען שוין אַוועק אין דער אייביקייט. האָב איך דערפילט מיין חוב צו דערציילן וואָס איך געדענק פון יענעם פּראָצעס אין ייִדישן לעבן.

## די צייט

עס איז געווען ערב דעם חורבן, אָבער עס איז אויך אָן דעם חורבן געווען דער סוף פון אַ לאַנגער תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע. עס האָט זיך געענדיקט די תקופה פון שטעטלעך, דער סוף פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, וואָס האָט זיך געצויגן טאָקע פון די צייטן פון תלמוד און ביז די ייִדישע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. די תקופה איז געווען די לענגסטע אין דער ייִדישער געשיכטע. אין גאַנץ מערב־אייראָפּע האָט זי זיך געענדיקט מיט דער אורבאַניזאַציע און מיט דער אַסימילאַציע. אין מזרח־אייראָפּע האָט זי זיך געצויגן מיט אַ הונדערט יאָר לענגער. אָבער אויך דאָ האָט זי זיך געהאַלטן אין ענדיקן. ייִדן האָבן געלעבט פאַר זיך, באַזונדער. פּריצים — אין הייפן, פּויערים — אין דערפער און ייִדן באַזונדער — אין דורכויס ייִדישע שטעטלעך, פאַר זיך, באַזונדער, אַנדערש. הונדערטער יאָרן ווייט פון יענע ניט־ייִדישע טיילן פון דער באַפעלקערונג. ייִדן אין

שטעטלעך זייַנען שטיגעריש געווען נע-
ענטער צו די יידן אין בבל, אײדער צום
שכנישן הויף און דאָרף פון זייער צייט.

אַז די תקופה האָט געהאַלטן אין ענ-
דיקן זיך. די עמיגראַציע האָט געהאַלטן
אין איין אויסליידיקן די שטעטלעך. יידן
זייַנען געלאָפן אין די שטעט אַריין, אין
נייע לענדער. די שטעטלעך זייַנען ביס-
לעצטנס אויסגעליידיקט געוואָרן.

**אין דער געשיכטע לאָזט יעדער תקופה**
איר ליטעראַטור. די ערשטע תקופה —
די תנכישע — האָט געלאָזן דעם תנ״ך.
די צווייטע תקופה — די תלמודישע —
האָט אָפּגעהאַקט דעם תנ״ך און געשאַפן
דעם תלמוד, וואָס האָט זיך געהאַלטן און
געלעבט ביזן אונטערגאַנג פון שטעטל.
די שטעטלעך האָבן געהאַט זייער ליטע-
ראַטור, זייער שפּראַך. דער תנ״ך מיט
איין שפּראַך — העברעיש; דער תלמוד —
מיט צוויי שפּראַכן — העברעיש און
אַראַמיש; די יידישע שטעטלעך אין מזרח-
אייראָפּע — מיט זייער ליטעראַטור און
מיט זייער שפּראַך — יידיש.

די דריטע תקופה — מיט דריי שפּראַכן,
מיט אַ קולטור וואָס איז ניט געווען ענלעך
צו די פריערדיקע, פון די פריערדיקע
תקופות, און ניט געווען ענלעך צו דעם
לעבן און צו דער קולטור וואָס האָט זיך
אָנגעהויבן אין די נייע לענדער, אין אור-
באַניזם בכלל.

דער תלמוד האָט אין זיין צייט ווי אָפּ-
געהאַקט דעם תנ״ך, ניט אַרייַנגענומען
די גאַנצע „כתובים אחרונים״ און ווער
ווייס וויפל נאָך אַנדערע ספרים וואָס זיי-
נען לחלוטין פאַרלאָרן געגאַנגען. עס איז
געווען אַ באַזונדערע אַכטונג צום תנ״ך,
און דאָך אים ווי פאַרביטן. אַזוי אויך האָט
די נייעסטע תקופה — די אורבאַנישע
ניט אָפּגעלייקנט, חלילה, די רעליגיעזע
ליטעראַטור און דאָך געהאַלטן אין שאַפן
אַ גרויסע און נייע ליטעראַטור פון שטעטל-
שן לעבן אין דער שפּראַך פון שטעטל.
די גאַנצע ליטעראַטור איז אָבער איינזיי-
טיק — זי איז שיינע ליטעראַטור און
פּאָעזיע. זי האָט אָבער ניט סומירט דאָס
שטעטלשע, דעם גאַנצן שטייגער. עס איז
קונסט אָבער ניט קיין וויסנשאַפט.
האָט אויך אַז דער וויסנשאַפטלעכער
סומירונג זיך פאַרמאָסטן דער ייווא. ער
האָט עס זיך פאַרמאָסטן צו שטודירן און
סומירן דעם גאַנצן קולטור-פאַרמעגן פון
דער תלמודיש-שטעטלשער תקופה. עס
זייַנען געווען און עס זייַנען דאָ אויך אַנ-
דערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ביי
יידן. זיי אַלע איגנאָרירן אָבער דאָס שטע-
טל. מען פאָרשט און מען שטודירט דעם
תנ״ך, דעם תלמוד, אָבער ניט דאָס לעבן
אין שטעטל. עס איז ווי אַ „באָיקאָט״
פון שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אויס-
מיידן דאָס שטעטל האָט אויך באַשטימטע
פסיכישע סיבות פאַרוואָס מען וויל זי
כסדר אויסמיידן, ניט שטודירן; פאַרוואָס
מען באַמיט זיך צו פאַרנעמען מיטן תנ״ך,
מיטן תלמוד, און מען זעט ניט, און מען
וויל ניט זען און וויסן, קענען דאָס שטעטל
מיט זיין גרויסער קולטור און שפּראַך.
מיר ווילן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט פסי-
כישע מאָמענטן פון דער דערשיינונג. דער
ייווא האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרנעמען
מיט דעם שטייגער, מיט דעם אַלזייטיקן
פאָרשן דאָס שטעטל און מיט דער קולטור
פון שטעטל. דאָס אַלץ איז אַ געביט וואָס
קיינע אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן
ווילן זיך מיט דעם ניט פאַרנעמען. דאָס
איז בנוגע צו דער צייט. דער ייווא האָט
זיך בפירוש פאַרמאָסטן צו פאַרנעמען זיך
מיט דער וויסנשאַפטלעכער סומירונג פון
דעם שטעטל און זיין קולטור.

## דאָס אָרט

דער ייווא איז אייגנטלעך פאַרטראַכט
געוואָרן ניט אין ווילנע. די אידעע איז
געקומען צופעליק פון בערלין. איך זאָג
צופעליק, ווייל אין בערלין האָבן דעמאָלט
צופעליק געלעבט אַ היפּשע צאָל יידישע
אינטעלעקטואַלן וואָס זייַנען געלאָפן פון
רוסלאַנד. אַז די אינטעליגענטן האָבן גע-
אָגראַפיש געלעבט טאַקע אין בערלין,
אָבער דער אינהאַלט פון זייער לעבן איז
בערלין ניט געווען. פון רוסלאַנד אַנט-
לאָפן, די רוסישע רעוואָלוציע איז געבליבן
ווייט. אין בערלין איז מען געווען און
געבליבן פרעמדע. האָט מען געלעבט און
ניט געוואָלט אַנטלויפן. זייַנען דאָרטן
אויפגעקומען פאַרלאַגן, אונטערנעמונגען,
אויסגערעכנט פאַרן יידישן פאָלק אין

פוילן, אין אַמעריקע, ניט פאַר בערלין. פון דאָרטן איז צווישן אַנדערע אויך געקומען די אידעע פון ייוואָ.

דעם געבוירעם פראָיעקט פון אַזאַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר דער יידישקייט וואָס לעבט נאָך האָט נחום שטיף (פסעוודאָנים „בעל דמיון") צוגעשיקט פון בערלין צו ד"ר מאַקס ווייַנרייך אין ווילנע. אַליין איז נחום שטיף שפעטער צוריק אַוועק קיין רוסלאַנד. זי האָט געלאָקט די יידישע אַנהיימישע אינטעליגענטן מיט דער ברייט־צעוויקלטער קולטור־אַרבעט, און אַלע האָבן זיי זיך צוריק־געקערט קיין רוסלאַנד כדי שפעטער אומצוקומען פון סטאַלינישן רוצחישן אַנטיסעמיטיזם אין אַ רעוואָלוציאָנערישער אויפלאַגע. שטיף האָט אָבער געטראָפן מיטן אַדרעסאַט צו וועמען ער האָט זיין פראָיעקט געשיקט.

ד"ר ווייַנרייך האָט זיך און זיין גאַנץ וויטערדיק לעבן אָפגעגעבן דער אידעע פון אינסטיטוט. ד"ר מאַקס ווייַרייך איז געווען ניט לאַנג צוריק פון דייטשלאַנד — ער מיט זיין יונגער פרוי רעגינע שאַבאַד — אַ טאָכטער פון דעם באַרימטן אין ווילנע, דאָקטאָר צמח שאַבאַד. ד"ר ווייַנרייך האָט ווי געזוכט אַ גרעסערע אַרבעט. ער האָט זיך ניט געקענט באַפרידיקן מיט דעם לערנען יידיש אין דעם יידישן לערערסעמינאַר. האָט ער פאַרטראַכט אַ „ווילביג" (ווילנער בילדונג געזעלשאַפט), האָט זי אים אויך ניט געקאָנט באַפרידיקן, אַזוי אויך די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „די בין". האָט ער זיך ווי אָנגעכאַפט פאַר דער אידעע פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. עס איז אַן אַל־יידישע זאַך, ניט בלויז אַ ווילנער ענין. עס איז געווען די צייט פון אויפבלי פון יידישער קולטור, יידישע שרייבערס, יידישע שולן. איז אויך געווען אָרט פאַר יידישער וויסנשאַפט.

די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָפגעגעבן מיט דעם יידישן לעבן; די יידישע שולן האָבן דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע זיך געשטעלט מיטן פנים צום יידישן היינט, אַנשטאָט וואָס ביז דעמאָלט האָט די דערציונג זיך געהאַלטן ביי דער קולטור פון די פריערדיקע תקופות — חומש, גמרא — אַלץ פון פאַרצייטן. די יידישע וויסנשאַפט איז געווען אויך פריער, עס איז אָבער געווען תמיד געשיכטע, די אַמאָליקע יידישקייט, ניט די יידישקייט פון היינט. שטיף האָט געוואָלט אָרגאַניזירן די וויסנשאַפט פון דער איצטיקער יידישקייט.

## די גרינדונגס פאַרזאַמלונג

זי איז צונויפגערופן געוואָרן אין דער דירה פון „צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט" (צב"ק), וואָס האָט געפירט מיט דרייצן יידישע שולן אין ווילנע, צוויי גימנאַזיעס, אַ יתומים הויז, און קורסן פאַר לערערס. — אַ גאַנצע מלוכה. אויסער דעם זיינען נאָך אין ווילנע געווען העברעישע שולן, רעליגיעזע שולן און חדרים. איך געדענק ניט מען זאָל זיך קריגן. צעטיילט, באַזונדער, אָבער אָן קריגערייען. אָט איז טאַקע אין דער דירה פון צב"ק צונויפגערופן געוואָרן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג וועגן אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

געווען דאָרט דער גאַנצער צענטראַלער בילדונגס קאָמיטעט, אויך אַנדערע פערזאָנען. גענוי געדענק איך ניט. דער פאָרזיצער איז, פאַרשטייט זיך, געווען ד"ר שאַבאַד. ווייַנרייך האָט געלייענט דעם בריוו פון שטיפן. קיין דעבאַטן זיינען ניט געווען און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַזאַ אינסטיטוט צו גרינדן. מען האָט זיך ניט אָפגעשראָקן פאַר אַרבעט, פאַר נייע אונטערנעמונגען... מען האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר בודזשעטן. זיי זיינען ניט געווען פאַר קיינע אונטערנעמונגען. וועט זיין נאָך אַן אינסטיטוציע און פאַר מעגלעכקייטן וועט שוין גאָט זאָרגן.

די ערשטע דריי מיטאַרבעטער זיינען געווען: ד"ר ווייַנרייך, זלמן רייזען און זעליק קאַלמאַנאָוויטש. די דריי זיינען געווען מענטשן מיט אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער, אָבער די אַרבעט האָט זיי פאַרבונדן. אַ גאַנצן טאָג האָט געאַרבעט נאָר קאַלמאַנאָוויטש. ער האָט קיין אַנדער אַרבעט סיי ווי ניט געהאַט. די איינציקע געצאָלטע אַרבעט פאַר אַ יידישן אינטעליגענט איז געווען נאָר לערעריי, איז ער אָבער לויט זיין נאַטור ניט געווען קיין גוטער לערער. אַ טיפער שפּראַכן־קענער, **אַ העברעיסט און יידישיסט איינציקע,**

איז ער געווען דער ממונה אויף די אויס־גאַבעס פון וויסנשאַפט־אינסטיטוט. און די אויסגאַבעס זיינען צום אָנהייב געווען אַ סך. די „ידיעות פון ייוואָ" און די „ייוואָ־בלעטער" פלעגן אַרויסגיין אַלע חודש.

ווייבריך און רייזען פלעגן קומען נאָר אין די אָוונטן. בייטאָג איז מען געווען פאַרנומען מיט די אייגענע אַרבעטן לשם פרנסה. דער ייוואָ האָט דאָך ניט געקענט געבן קיין חיונה. אַ חוץ דעם איז דאָך די דירה געווען גאָר פון צבּ"ק פאַרנומען.

די ערשטע אויפגאַבע פון ייוואָ איז געווען צו פּאָפּולאַריזירן די אידעע. מען האָט געוואָלט אַריינציען באַרימטע נעמען וואָס זאָלן אימפּאָנירן. פאַרשטייט זיך אַז פון גאָר די ערשטע איז געווען דובנאָוו. שפּעטער זיינען צוגעקומען עטלעכע יידן פון מערב־אייראָפּע — בלויז נעמען: — אַדלער, פרויד און נאָך עמיצער וואָס איך געדענק ניט.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו פאַרבינדן זיך מיט אַמעריקע. זי האָט געדאַרפט געבן, אויך אויף חיונה. האָט דאָך בכלל דאָס פּוילישע יידנטום אין יענע יאָרן געלעבט אויף דער הילף פון אַמעריקע און אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך געהאַלטן אויף אַט דער הילף... אַזאַ הילף איז באַלד געקומען. עס האָט זיך געגרינדעט די ייוואָ־אָפּטיילונג אין ניו־יאָרק. הגם קיין באַרימטע נעמען פון גרויסע יידן אין אַמעריקע האָט מען ניט געקראָגן. עס איז אין אַמעריקע געווען צו גרויס דער אָפּשטאַנד צווישן די אַמע־ריקאַניזירטע יידן און די אימיגראַנטן.

די ווייטערדיקע דירעקטע אויפגאַבע איז געווען אַריינצוציען וואָס מער אַרטיקע יידן אין דער אַרבעט. קיין טיטולירטע גע־לערנטע יידן זיינען אין פּוילן כמעט ווי ניט געווען. דערפאַר זיינען אָבער געווען ברייטע קרייזן באַוווסטזיניקע יידן. די יוגנט האָט זיך גרינג געלאָזט אַריינציען, און די פאָלקלאָר־זאַמלונגען האָבן גע־בומען כמעט ווי פאַרפלייצן דעם אינסטי־טוט. פאַר אַט דער זאַמל־אַרבעט פון פאָלקלאָר איז באַלד אָנגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער מיטאַרבעטער. שפּעטער איז געקומען פון ניו־יאָרק דער באַקאַנ־
ער האָט אָנגעפירט אַ פאָלקלאָר־קורס.
טער פאָלקלאָר־זאַמלער און פאַכמאַן קאַהאַן.

אַזוי איז דער ייוואָ כמעט באַלד געוואָר אַ באַליבטע פאָלקס־אינסטיטוציע. דערצו האָבן אויך געדינט די אָפטע רעפעראַטן אין ייוואָ. אין דער זעלביקער צייט אָבער האָט דער ייוואָ זיך באמת מיט אַלע כוחות צו בלייבן אין גאַנצן אומפּאַרטייאיש. דאָס איז אין יענע צייטן ניט געווען פון די גרינגע זאַכן. דער פאַרלאַנג צו אומאונ־טערטעניקייט האָט אויך דעצידירט פאַר־וואָס דער ייוואָ איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע און ניט אין וואַרשע. אין ווילנע איז די פּאַרטיי־צעטיילונג געווען ניט אין פאַרגלייך שוואַכער ווי אין וואַרשע.

## דער כאַראַקטער פון ייוואָ אין דער ווילנער תקופה; די ערשטע אויפגאַבעס

דער ייוואָ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין ווילנע מיט פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט געוואָלט צוציען צום ייוואָ וואָס מער אָנ־הענגער. עס זיינען אָבער ניט געפירט געוואָרן קיין געוויינלעכע פּראָפּאַגאַנדע־אונטערנעמונגען מיט רעדעס. דאָס זיינען געווען די אויסגאַבעס פון ייוואָ — די „ידיעות פון ייוואָ" און אויך די „ייוואָ־בלעטער." די אויסגאַבעס זיינען אַרויס אַלע חודש און יידן האָבן געלייענט.

ייוואָ־פריינד אין אַמעריקע זיינען אַלע געווען אימיגראַנטן: יידן פון מזרח־אייראָ־פּע. קיין דורותדיקע אַמעריקאַנער יידן האָבן שוין ניט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן ייוואָ. זיי זיינען שוין געווען ווייט פון דער פאָלקישער יידישקייט, וואָס איר האָט דער ייוואָ זיך פאַרמאָסטן צו דינען. אין די צוואַנציקער און אין די דרייסיקער יאָרן האָט אייגנטלעך דאָס פּוילישע יידנ־טום בכלל געלעבט מיט דער הילף פון אַמעריקע. אויך די שולן האָבן זיך גע־האַלטן מיט אַמעריקאַנער הילף... די הילף איז אָבער געווען אַן אָרעמע. די רייכע אַמעריקע האָט צו דער פאָלקישער יידיש־קייט ניט געהאַט קיין באַציונג. האָט דער ייוואָ אין ווילנע געלעבט אַן אָרעמען לעבן און האָט ניט געקענט אַנטוויקלען קיין רייכע אַרבעט, וואָס זאָל אימפּאָנירן דער רייכער יידישער אַמעריקע.

די פירער פון אַמעריקאַנער יידנטום זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד. „וויסנשאַפט דעס יודענטומס" האָבן זיי געקענט פאַרשטיין, די וואָס איז אָנגענומען געווען אויך אין דייטשלאַנד, וויסנשאַפט פון אַמאָליקער, פאַרצייטיקער יידישקייט. מען שטודירט די פאַרצייטיקע קולטורן פון פעלקער — עגיפּטאָלאָגיע, אַסיראָלאָגיע וכדומה — אַלץ קולטורן פון ווייטן פאַרצייטן. אַזוי האָבן זיי אויך געוואָלט און געקענט פאַרשטיין אַ מין „ישראלאָלאָגיע" — די קולטור פון פאַרצייטיקן יידנטום. דער ייוואָ האָט אָבער זיך פאַרמאָסטן גאָר אויף עפּעס אַנדערש, וואָס איז יענע יאָרן געווען אין גאַנצן פרעמד. די אויפגאַבע פון ייוואָ איז פון לכתחילה געווען די היינטיקע יידישקייט. צו איר אָבער האָבן יענע פירער פון יידנטום אין אַמעריקע קיין באַציונג ניט געהאַט.

דער ייוואָ האָט אָבער געדאַרפט האָבן מיטלען כדי צו קאָנען אַנטוויקלען זיין גאַנצע אַרבעט אין דער פולער ברייטקייט. דער אויסקוק האָט געקאָנט זיין נאָר ווידער אַמעריקע. עס איז געבליבן אַז ד"ר ווייַנרייך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. אַ דאָקטאָר, פון אַ דייטשישן אוניווערסיטעט, רעדט אויך ענגליש, ד"ר שאַבאַדס אָן אײדעם. אפשר וועט אים געלינגען. איז ווייַנרייך געפאָרן, געקלאַפּט אין באַרימטע טירן און איז מיט די זעלביקע הוצאות געקומען צוריק. די מיטלען וואָס דער ייוואָ האָט געקראָגן פון אַמעריקע, אַזוי אויך אויפן אָרט, זיינען געווען באַגרענעצט. פון דעסטוועגן איז די אַרבעט געגאַנגען.

דער ייוואָ האָט איבערגענומען די גאַנצע דירה פון צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט, דעם גאַנצן גאָרן. דער פּרעסע־אַרכיוו, די ביבליאָטעק האָבן געדאַרפט האָבן אָרט. איבערהויפּט איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט די פאָלקלאָר־אַרבעט. פון אומעטום, פון אַלע שטעטלעך פלעגן אָנקומען אַ סך מאַטעריאַלן. איז שוין אין ייוואָ געווען אַ ספּעציעלער אָנגעשטעלטער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל. מיטאַרבעטער — אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

די שטעטלעך האָבן נאָך געלעבט, די יוגנט האָט געזוכט אַרבעט, געהאָפט אויף אַ מעגלעכקייט צו עמיגרירן. האָט מען זיך דערווייל פאַרנומען מיט זאַמלען פאָלקלאָר־מאַטעריאַל פאַרן ייוואָ. האָבן זיך טאַקע אָנגעקליבן אוצרות גאַנצע. וויפל פון דעם איז שפּעטער געראַטעוועט געוואָרן — ווייס איך ניט. מען האָט גענומען טראַכטן וועגן אַן אייגענעם בנין, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט. אַן אַרכיוו, וואָס זאָל זיין זיכער פון אַ שׂרפה. וועגן אַ מבול פון אַ טאָטאַלן פּאָגראָם אויף אַלע יידן, האָט מען דאָך ניט געקאָנט חלומען אפילו. אויך די אייגענע הויז איז דערגרייכט געוואָרן מיט עקשנות און מיט גלויבן.

דעם ייוואָ אין זיין אייגן הויז האָב איך שוין ניט געזען: איך בין סוף 1932 אַוועקגעפאָרן פון ווילנע. די אָנגעזאַמלטע אוצרות פון ייוואָ האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט. זיי פלעגן קומען אַ סך אָפטער, ווי שפּעטער אין אַמעריקע. די „ידיעות פון ייוואָ", די „בלעטער פון ייוואָ" פלעגן אַרויסגיין רעגלמעסיק. אַחוץ דעם זיינען געווען גרעסערע בענד פון פאַרשיידענע סעקציעס פון ייוואָ. פון דער פילאָלאָגישער סעקציע זיינען, דאַכט זיך, געווען עטלעכע ביכער. די היסטאָרישע סעקציע און די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע האָבן אויך אַרויסגעגעבן זאַמלביכער.

דער ייוואָ האָט געקראָגן באַגייסטערטע אָנהענגער, געוואָרן אַ באַליבטע אינסטיטוציע, אַן אָנגענעמער פּונקט פאַר באַזוכער אין דער יידישער ווילנע. די דריי הויפּט־טוערס האָבן אַריינגעלייגט זייער גאַנצע אַרבעט. ווייַנרייך, רייזען, און זעליק קאַלמאַנאָוויטש האָבן אַריינגעגעבן זייער גאַנצע ענערגיע אין דער אַרבעט. זיי זיינען געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן.

## דער כאַראַקטער פון ייוואָ אין דער ווילנער תקופה

דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון ייוואָ איז ניט געווען קיין אַקאַדעמישער. עס זיינען פון צווישן די געטרייע פריינד און

מיטאַרבעטער געווען זייער ווייניק אַקאַדעמיש געבילדעטע ייִדן. אַן אַקאַדעמישן טיטל האָט געהאַט, דאַכט זיך, נאָר ווייַנרייך. מיטגעאַרבעט האָט דאָס פאָלק. די אַרבעט און די הילף איז באַשטאַנען אין זאַמלען און שיקן פאָלקלאָר־מאַטעריאַל. דער ייִוואָ האָט זיך טאַקע באַמיט אויך צו געבן דעם עולם אַ גאַנגבאַרן מאַטעריאַל. דערצו האָבן אויך געדינט די אָפּטע לעקציעס און רעפעראַטן אין ייִוואָ. אין אָט דער וואַרעמער אַטמאָספערע איז אויך פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ. עס זייַנען געקומען פרייַנד פון גאַנץ פוילן — דאָס איז פאַרשטענדלעך. עס זייַנען געווען פרייַנד פון לעטלאַנד — דווינסק און ריגע. דאָס נייַעס זייַנען געווען די געסט פון ליטע, וואָס פוילן האָט ניט געהאַט מיט איר אפילו קיין פאָסט־פאַרבינדונג, צונויפשרייַבן זיך האָט מען געקענט נאָר דורך לעטלאַנד. דאַכט זיך מיר אַז דאָס איז טאַקע געווען דאָס איינציקע מאָל ווען ייִדן פון דער ליטע האָבן מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש געקענט קומען קיין ווילנע.

דער צוזאַמענפאָר איז טאַקע דורך אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. דאָרטן איז דאָס ערשטע מאָל אָפיציעל באַשטימט געוואָרן דער פאַרקירצטער נאָמען ייִ וו אָ. הגם דער אלף מיינט דאָך „אינסטיטוט", מיט אַ חיריק, ניט קיין קמץ, האָט ווייַנרייך באַוויזן מיט דער דוגמא פון רמ"א (רבי משה איסרליש) אויך מיט אַ קמץ.

די עטלעכע פלעשלעך ווייַן, וואָס זייַנען צוגעגרייט געוואָרן צום באַנקעט, האָבן געהאַט ספּעציעל ייִדישע עטיקעטן... מיר האָבן אַלע געהאָפט און געמיינט, אַז ייִדישע שפּראַך און קולטור ווערן באַפעסטיקט לעולם ועד. מען האָט געגלויבט, מען האָט טאַקע אויך געקענט גלויבן. פוילן איז נאָך ניט געווען פעסט אַרייַנגעדרונגען אין ווילנע, האָט זי נאָך ניט געוויזן אירע בייזע בעגל, האָט זי נאָך ניט אָנגעהויבן צו שטיקן די ייִדישע קולטור. און ייִדן האָבן געוואָלט גלייבן אַז אַזוי וועט עס תמיד זייַן. האָט ווילנע פאַרמאָגט ייִדישע קינדער־גערטנער, שולן, גימנאַזיעס, אַ לערער־סעמינאַר, וואָס האָט געצויגן תלמידים אפילו פון רומעניע, ניט ריידנדיק שוין פון גאַנץ פוילן. ייִדישע וויסנשאַפט האָט אין יענער צייַט אויך געבליט אין רוסלאַנד (אין ייִדיש). עס איז געווען אַ פאַרבינדונג צווישן ייִדישער וויסנשאַפט אין פוילן און אין רוסלאַנד...

ווילנע איז געווען אין יענע צייַטן פאַר אונדז אַ מין ייִדישע ארץ ישראל. די פריערדיקע רוסישקייט איז שוין געווען אַוועק. ניט געווען קיין אָרגאַנישע רוסישקייט, ווייל ניט געווען קיין רוסיש פאָלק אין ווילנע. קיין פּוילישקייט איז נאָך ניט געווען. האָבן אין ווילנע געלעבט פיר פעלקער, און איטלעך פון זיי האָט געפילט זיין היים דאָרטן — ייִדן, פאָליאַקן, ווייסרוסן און ליטווינער. קיינער איז דאָרטן ניט געווען מער בעל־הבית ווי דער צווייטער... די ערשטע פאָלאָניזאַטאָרן אין ווילנע זייַנען געווען ייִדן אַליין. אָבער דערווייל האָט מען זיי געקענט מבטל זיין. און ייִדן האָבן מיט רעכט געקענט פילן זייער היים אין ווילנע.

די ווילנער ייִדישקייט האָט צוגעצויגן אַ סך געסט פון אַמעריקע, ייִדישע געסט. איך דערמאָן זיך: ס'זייַנען געווען אין ווילנע אַ פאָר פאַרשטייער פון עין חרוד, האָבן זיי פאַרבראַכט כמעט אַ וואָך צייַט ביי אונדז אין סעמינאַר. עס איז אפילו געווען אַ רייד צו שיקן יוגנט פון ארץ ישראל קיין ווילנע.

וואָס מיר איז געבליבן אין זיכרון איז דער פול־ייִדישער כאַראַקטער פון ווילנע. ס'איז געווען אַן אַלזייטיקע ייִדישקייט אַרום: ייִדישע מאַסע, אַן אייגענע ייִדישע אונטערוועלט, וואָס האָט געהאַט אפילו אַן אייגענע ייִדישע צייַטונג; פאַרשטייט זיך, ייִדישע גנבים, פון אַן אייגענער „מאָראַל" (ביי ייִדישע לערערס טאָר מען ניט גנבענען), אַ פאַריין פון ייִדישע גנבים (דער ברודער־פאַריין), מיט אַ ייִדישן שטענדיקן אַדוואָקאַט (דוד יוסף טשערניכאָוו) און אַזוי אויך מיט די העכסטע שפּיצן פון געזעלשאַפט; ישיבות, גימנאַזיעס, לערער־סעמינאַר, גרויסע רבנים (ר' חיים עוזר!), דער ייִדישער דאָקטוירים פאַרבאַנד האָט זיך נאַטירלעך געפירט אין ייִדיש; ייִדישע יונגע שרייַבערס האָבן נאַטירלעך געשריבן ייִדיש. און דער ייִוואָ איז געווען ווי איינגעפאַסט אין אַן אייגענער ייִדישער ראַם.

האָט זיך ווילנע געקענט לעבן און פאַר־געסן אַז יידן און יידישקייט זיינען סוב־אָרדינירט גלייך מיט אַלע אַנדערע קול־טורן פון אַנדערע פעלקער. כ׳דערמאָן זיך אפילו אַן אַרטיקל אין ״רייזענס״ צייטונג וועגן אַ יידישן אוניווערסיטעט אין ווילנע.

פאַרשטייט זיך, אַז יידישע געסט פון אַמעריקע פלעגן זיך אַפּחיותן אין ווילנע. פּראָפ׳ א. א. ראָבאַק איז אָפּגעזעסן ביי אונדז אַ וואָך צייט און האָט זיך אַלץ גע־קוויקט. אפילו אב. קאַהאַן, דער אידעאָ־לאָג פון אַנגליזאַציע, האָט זיך אויפן קול צעווינט זיצנדיק אויפן גראָז ביים פייער אויף דער זומער־קאָלאָניע פון סעמינאַר. ער האָט נאָך דעם גלייך צוגעשיקט פון אַמעריקע גאַנצע 900 דאָלער פאַרן איינ־טערנאַט פון סעמינאַר. ניט אומזיסט האָט עס דער ווילנער דיכטער, משה קולבאַק, אין זיין פּאָעמע ״ווילנע״ געשריבן:

״דו ביסט אַ טונקעלע קמיע אַריינגע־
פּאַסט אין ליטע
און יידיש איז דער פּראָסטער קראַנץ
פון דעמבן־בלעטער
אויף די אַריינגענג די הייליק־וואָכעדיקע
פון פון שטאָט
און יידיש איז דאָס ליכט, וואָס פינקלט
אין די פענצטער...״

## דער אָנהייב פון סוף

אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, האָט זיך פּוילן פאַרפעסטיקט אין ווילנע און גענומען דריקן יעדער שפּור פון יידיש־קייט. דער סעמינאַר איז שוין געווען גע־שלאָסן. יידישע שולן — אין אַ כסדר־דיקער ירידה מחמת די אומזיסטע פּוילי־שע שולן פאַר יידישע קינדער (ווייל זיי פלעגן רוען שבת). די איינציקע רעאַל־גימנאַזיע האָט זיך קוים געהאַלטן. די פּאָגראָמען פון די פּוילישע סטודענטן זיי־נען געוואָרן אָפטער און אָפטער. ד״ר וויינרייך האָט זיבע וואָכע אויגן געהאַט צו פאַרדאַנקען אויך אַזאַ פּאָגראָם. די יידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן אַלץ אָרעמער צוליב די שטייערן־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג. ווען ניט די שטיצע פון אַמעריקע, וואָלטן זיכער אַ סך יידן אין ווילנע געשטאָרבן פּשוט פון הונגער. דער ייוואָ האָט געלעבט מיט דער שטיצע פון אַמעריקע. אויך אין רוסלאַנד איז אַלץ געוואָרן ערגער די לאַגע פון יידן. איך דערמאָן זיך נאָר אַ קאַרטל פון קול־באַקס פרוי, אַז ״פון משהן האָט זי גרוסן״...

דעמאָלט האָט ניט איין מאָל גענומען קלאַפּן אין הארצן וועגן דעם גורל פון די אוצרות יידישע קולטור אין ייוואָ אין ווילנע. אין מיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנ־דענץ מיט ד״ר וויינרייך האָבן מיר ניט איין מאָל באַריִרט די פראַגע. אָבער עס האָט זיך גאָר ניט געלאָזט טאָן.

און עס איז געווען ווען דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין איז געקו־מען דער ייוואָ צו סומירן די קולטור פון שטעטל. דער תנ״ך אין זיין צייט, חז״ל — אין זייער תקופה און דער ייוואָ איז גע־קומען סומירן, פאַרפיקסירן די יידישקייט פון דער לאַנגער תקופה פון שטעטל. דאָס איז די היסטאָרישע אויפגאַבען וואָס דער ייוואָ האָט אויף זיך גענומען: סומירן, אַריינפיקסירן אין ספרים די קולטור פון שטעטל, די קולטור פון יידישן פאָלק אין מיזרח־איראָפּע.

לידידינו וחברינו בכל אתר ואתר

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

ד״ר בערנאַרד און עטעל קאַהען
סאַנטאַ סוזאַנאַ, קאַליפ.

אַלעקס ראַבין

# דער גייסט פון ייוואָ

די יידישע וועלט, בפרט דער יידיש־ריידנדיקער סעקטאָר, פייערט איצט דעם פופציק יאָריקן יובל פון ייוואָ, דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. ביי אַזאַ געלעגנהייט איז לייכט אָנצושלאָגן אַ הויכן, פייערלעכן טאָן, אפילו פאַר איינעם וואָס איז דאַן געווען ווייט אַוועק פונעם צענטער ווו די אידעען און פּלענער פאַר דער היסטאָרישער אַרבעט זיינען מיט אַזוי פיל ברען, וויזיע און האָפענונג צוגעגרייט געוואָרן. אָט יענער גייסט פון די ערשטע אויפשטייג־יאָרן האָט זיך אויך דאָ, איבער די ימען, אַריבערגעטראָגן דורך די שלוחים אין וואָרט און שריפט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און אויך מיר דאָ אין אַמעריקע, אויפגעמונטערט דורך אָט דעם גייסט און ענטוזיאַזם פאַר דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט, האָבן זיך אַ נעם געטאָן קודם צו העלפן פינאַנציעל און נאָך דעם אויך צו שאַפן אַן אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון ייוואָ.

ווילט זיך איצט אָפּפרישן אין אונדזער אייגענעם זכרון כאָטש אַ ניצוץ פון יענעם באַגינען, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ייוואָ צום לעבן, וואָרעם אונדזער דור וואָס האָט געהאָלפן בויען דעם ייוואָ הייבט שוין אָן ביסלעכוויז צו פאַרגעסן. ס'איז נייטיק פאַר זיך אַליין צו דערמאָנען יענע עפּאָכע און פון וועלכע סאָציאַלע און היסטאָרישע קאָנטעקסטן ס'האָבן זיך גענומען די שטרעמונגען און השקפות פון יענער צייט. מיר האָבן דאָך אין העלפן בויען דעם ייוואָ אַריינגעלייגט אַזוי פיל הארץ, נשמה און האָפענונג. לאָמיר איצט כאָטש נאָסטאַלגיש הנאה האָבן פון זיך אַליין דערמאָנען אָט יענעם באַגינען.

יענע צייט, די צווייטע צענדליק יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, איז געווען ווי ערב בראשית צייט. די וועלט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון די גרויסע רעוואָלוציעס אין איראָפּע. אַלע זיינען געווען אָנגעפילט מיט בענקעניש פאַר באַפרייאונג פון נויט, אונטערדריקונג און אַנדערע פּלאָגן. און מיר יידן זיינען געווען אין צענטער פון אָט דער דערוואַכונג. וואָרעם אונדזערע בענקענישן און האָפענונגען זיינען דאָך געווען נאָך שטאַרקער צוליב די לאַנגע יאָרן פון אונדזער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אונטערדריקונג. און מיט אַ מאָל האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז פאַר אונדז ליגט אויסגעשפּרייט אַן אוצר פון פריער צוגעגרייטע יידישע אידעאָלאָגיעס, אויף וועלכע מען האָט געקענט אָנהענגען אונדזערע בענקענישן: די אידעאָלאָגיעס פון גלות־נאַציאָנאַליזם, דובנאָווס גייסטיקער נאַציאָנאַליזם, קולטור אויטאָנאָמיזם, און נאָך אַנדערע מינים אידעאָלאָגיעס. בלויז אין אַ ציִט ווען די וועלט איז געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַלן אויפברויז און פּאַטאָס האָט געקענט אויפקומען אַזאַ נייער מתן תורה — אידעען פון פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זעלבסטשטענדיקייט און זעלבסטבאַשטימונג.

יאָ, די לופט פון יענער ציִט האָט געהאַט געגנוג אויפרייס־שטאָף צו רעוואָלוציאָניזירן יידישע מאַסן, איבערהויפּט אַרבעטער מאַסן און דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר און אָנפילן אַלעמען מיט גלויבן אַז די באַפרייאונג פון יידן און יידישקייט וועט קומען ווי אַ פרייע ביילאַגע פון דעם סאָציאַליסטישן הימל, וואָס מען קלייבט זיך אַרונטערצוברענגען אויף דער ערד. איצט, נאָכן גרויסן חורבן אונדזערן, פאַרשטייען מיר ווי גרויס ס'איז געווען די אוטאָפּישע פאַנטאַזיע.

אין אָט דעם גייסט, באַהויכט מיט טאָטאַלער באַפרייאונג, איז אויפגעקומען דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער רענעסאַנס פון אונדזער צייט — נייעאידעאָלאָגיעס, נייע שטרעמונגען, נייע פאַרמעסטן, אַ נייע תקופה. די יידיש געזעלשאַפטלעכע סביבה איז נאָך געווען רוי, ניט צעאַקערט. ס'איז געווען אַ פרייד און ס'איז אָנגעקומען גרינג צו וועקן דאָס פאָלק צו אַ ניי לעבן, איבערצובויען דאָס יידישע לעבן פון יסוד און אויפשטעלן אַ נייעם בנין פון אַ נאַציאָנאַל קולטור לעבן.

מען איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער צוגעזאָגטער נייער פרייער וועלט, וואָס וועט אָפּשאַפן אַלע קרומקייטן און זיי פאַרבייטן מיט יושר.

היינט קלינגט דאָס אַלץ ווי אַ פּוסטער עכאָ פון אַ צעהיצטער פאַנטאַזיע, אָבער דאַן האָט מען געמיינט אַז אָט־אָט קומט משיח. און עס איז ניט געווען קיין ווונדער וואָס עס זיינען אויסגעוואַקסן פליגל אפילו ביי דעם עלטסטן אויסגעפּרוווטן פאָלק, וואָס ביי די איינוווינערס פון די קעלערס און אָפּגרונטן, ביי די פון פּיין און פּלאָג געשלאָגענע האָבן זיך געמערט די נביאים פון אַן אויסגעחלומטער וועלט. עס האָבן אויפגעוואַכט און אויפגעלעבט די דרימלענדיקע פּאָטענצן פון אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און יידישער שעפערישקייט אויף אַלע שטחים: פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער און די פּלאַסטישע קונסטן. און פון אָט דער אָנגעגליטער קולטור־אַטמאָספערע איז אַרויסגעוואַקסן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט.

דער אינסטיטוט איז געוואָרן דער קולמינאַציע פונקט פון אָט דעם רענעסאַנס און איז גיך געוואָרן די קרוין־אינסטיטוציע וואָס האָט געדאַרפט סיקראָניזירן אַלע יידישע קולטור־שאַפונגען און ווערן די אָנערקענטע אויטאָריטעט אין דער יידישער קולטור־וועלט. ס'איז גוט און אַ פרייד צו וויסן, אַז דער ייוואָ איז טאַקע געוואָרן די פון אַלעמען אַנערקענטע יידישע קולטור־אינסטיטוציע, אנערקענט פון דער ניט־יידישער קולטור־וועלט פונקט ווי פון דער יידישער. איז גוט איצט צום גאָלדענעם יובל צו דערמאָנען יענעם בליפּעריאָד פון דעם באַגינען. און כאָטש אַ סך פון אונדז זיינען געווען ווייט, טויזנטער מיילן ווייט פון דעם צענטער, ווו אַלץ האָט זיך געשאַפן, האָט דער פלאַטער און ציטער פון דאָרט דערגרייכט אויך צו אונדז. מיר זיינען אָנגערעגט געוואָרן און אפילו מיטגעפיבערט מיטן ליכט וואָס איז דאַן אַזוי העל אויפגעגאַנגען אין יידישלאַנד.

ס'איז נאָך אַ נס וואָס דער ייוואָ איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון חורבן — די איינציקע וועלטלעכע אינסטיטוציע וואָס איז ניצול געוואָרן און זיך איינגעבירגערט אין אַמעריקע און לעבט ווייטער. נאָך מער, ייוואָ האָט זיך ניט נאָר איינגעפונדעוועט אין אַמעריקע, נאָר זיך טאַקע אויך אַרויסגערוקט פאָרויס צווישן די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידישע שטודיעס און פאָרשונג און אין אַ היפּשער מאָס אפילו אויפגעוועקט ביי אַמעריקאַנער יידן אַ באַדערפעניש פאַר אַזאַ אינסטיטוציע וואָס איז נוגע יידן און יידישקייט. גלייכצייטיק איז די אַרבעט פון ייוואָ אויך גאָר שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דעם ספּעציפישן שגייסט פון דער אַמעריקאַנער יידישקייט — אַ ברייטער, פרייער פאַרנעם, פּראַגמאַטישקייט, אַ מינימום פון דאָגמאַטיזם און אַ דראַנג צו זוכן הויפּטזאַכלעך דאָס וואָס צעטיילט און צעשטערט.

דער ייוואָ אין אַמעריקע האָט זיך קודם קאָנצענטרירט אויף איינזאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אומעטום; אויפגעבויט די ריזיקע אוצרות פון דער ביבליאָטעק און אַרכיוו. שפּעטער זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוון צו שאַפן אַ צענטער פאַר העכערע שטודיעס (ד״ר מאַקס ווײַנרייכס הויפּט געדאַנק) אויפן שטייגער פון דער פריערדיקער ווילנער אַספּיראַנטור אויסצושולן יונגע פאָרשערס. שפּעטער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע אינסטאַנץ: די פּלאַניר קאָמיסיע פון ייוואָ. נאָך ווייַנרייכס טויט האָט מען די פּלאַניר קאָמיסיע פאַראייניקט מיט דער וויסנשאַפטלעכער קאָלעגיע אונטער אַ נייעם נאָמען: פאָרש און אויסשול קאָמיסיע. פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן דער איצט באַקאַנטער און פּאָפּולערער מאַקס ווייַנרייך צענטער פאַר יידישע שטודיעס.

דער צענטער האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן, אָנערקענט געוואָרן אין דער אַקאַדעמישער וועלט און אויך באַקומען עטלעכע גרויסע רעגירונגס סובסידיעס. אַ גרויסע דערגרייכונג איז די נאָענטע צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם ווייַנרייך צענטער און דעם קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. ועל כולם איז צו פאַרדאַנקען ייוואָ וואָס יידיש האָט באַקומען גרויס חשיבות אין דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער און אַקאַדעמישער וועלט. ס'איז געשאַפן גע־

וואָרן אַ בריק צווישן דער אַמעריקאַנער און באַזונדערס צו דער יידישער אינטעליגענץ, פאַר וועמען יידיש איז געווען אַ בטלנישער אומוויכטיקער ענין. ס'איז איצט פאַראַן אַ סך מער פאַרשטענדעניש פאַר דעם יידיש רײדנדיקן סעקטאָר און אַרום דעם ייוואָ איז אויך דאָ, חוץ פאָרשונגס אַרבעט, אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט ווי קאָנקורסן, אויסשטעלונגען, יוגנטרוף און אַנדערע אַרבעטן.

איך בין פאַרזיכטיק ניט אָנצורופן קיין נעמען, נאָר איך מוז אַרויסהייבן דעם נאָמען פון ד"ר מרדכי שעכטער, וואָס איז אַ ביישפּיל פון איבערגעגעבנקייט און אידעאַליזם פאַרן ייוואָ. זיין אַרבעט איז אויף אַ סך שטחים, באַזונדערס ווי אַ לערער פון יידיש מיט גרויס אנערקענונג און ווי אַ פאָרשער אויפן שפּראַך־געביט. ער איז דער רעדאַקטאָר פון „יידישער שפּראַך", מיטגליד פון עטלעכע קאָמיסיעס. אַ וויכטיקן ביישפּיל פאַר אַנדערע האָט ער געגעבן אפילו מיט דער בנימין שעכטער פונדאַציע, און ועל כולם האָט ער באַוויזן אַז נאָר מיט אידעאַליזם און אויסגעהאַלטענער עקשנות קען מען עפּעס דערגרייכן.

דורך די יאָרן אין אַמעריקע קען ייוואָ פאַרצייכענער אַ צאָל וויכטיקע דערגרייכונגען. די וויסנשאַפטלעכע פאָרש־אַרבעט גייט אָן אָן אויפהער. לאָמיר דערמאָנען עטלעכע פון דער רייכער צאָל פּובליקאַציעס: די שטודיע פון מזרח־איראָפּעישע יידן; די חורבן־ביכער, לאָדזשער געטאָ, יודנראַטן; די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע; דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך ; דער ענגליש־יידיש און יידיש־ענגליש ווערטערבוך; די ייוואָ־בלעטער און יאָר־ביכער. דאָס איז בלויז אַ קליינע טייל. אַ גרויסער אויפטו זיינען די זומער־פּראָגראַמען אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. (דער זומער־קורס אויפן נאָמען פון ד"ר אוריאל ווײַנרייך איז אַ טייל פון די זומער סעסיעס פון קאָלומביאַ און דויערט אַכט וואָכן. דאָס איז אַן אינטענסיווער קורס גלייך צו אַ פולן יאָר קאָלעדזש קרעדיט) און די ייוואָ קורסן פאַר ניו־יאָרקער לערערס אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען. די מזרח־איראָפּעישע וואָרצלען פון אַמעריקאַנעם יידישן קיבוץ. די פּראָגראַם נעמט אַרום דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער; דעם אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע; און דעם צווייג פון צדקה ביי יידן אין אַמעריקע. די קורסן זיינען באַשטעטיקט פון דער ניו־יאָרק „באָרד אָוו עדיוקיישאַן".

ייוואָ איז געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער הן אין אַקאַדעמישן סטאַטוס און הן אין אינפאָרמאַציע באַדינונג פון דער אינטעלעקטועלער וועלט. דער אינסטיטוט באַזאָרגט און באַדינט אַקאַדעמיעס און פאָרשערס, וואָס מוזן אָנקומען צו זיין רייכן אַרכיוו פאַר מאַטעריאַלן און דאָקומענטן אין שייכות מיט שטודיעס וועגן יידישן לעבן.. אַט די ווענדונגען ווערן וואָס אַמאָל גרעסער, אַזוי אַז די היים פון ייוואָ ווערט שוין צו קליין צו קענען אַנטקעגן קומען דעם וואַקסנדן פאַרלאַנג. עס ווערט נייטיק מער פּלאַץ פאַר דער ביבליאָטעק, פאַרן אַרכיוו, פאַר די שול־צימערן און אויך פאַר די וואַקסנדע צאָל באַזוכערס. דער אַמאָל פּרעכטיקער בנין איז מער ניט צוגעפּאַסט פאַר די הײַנטיקע אויסגעבריייטערטע באַדערפענישן. דער ייוואָ נייטיקט זיך איצט אין גרויסע פאָנדן כדי אָנצוגיין מיט דער וויטערדיקער אַרבעט. מיר גלייבן אַז די יידישע געזעלשאַפט וועט פאַרשטיין און זיך אָפּרופן מיט דער נייטיקער פינאַנציעלער הילף. אפשר וועלן זיך געפינען אַ פאַר מעצענאַטן וואָס וועלן קומען צו הילף דעם ייוואָ.

ס'איז בלויז פופציק יאָר, נאָר דער אימאַזש, דאָס געשטאַלט פון ייוואָ איז אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ קדמון, ווי פון אייביק אָן. ווי וואָלט עס געקאָנט זיין אַנדערש, אָן דעם ייוואָ?

ייוואָ איז דער לאַנגער זכרון פון אונדזערע יידישע נעכטנס, וואָס טראָגט זיך אַריבער אויף די מאָרגנס. זאָלן די פאָרנאַכטן פון די מאָרגנס אויפכאַפּן כאָטש אַ ביסעלע פון דער העלקייט פון די אַמאָליקע העלעכע באַגינענס.

משה שקליאַר

# לידער

## אין מדבר

די פאַרסט און די פאַרסט און די זעסט נישט קיין עגד,
בערג בלויז און בערג און דער הימל און ערד,
די יולי־זון זשאַרעט אָן אויפהער און ברענט,
גליך זי וואָלט מיט איר אָטעם דעם מדבר געגערט.

פון ערגעץ־ווו טונקלט אַ היגל זיך גרין,
און שמידט צו אַ ווילע דעם לעכצנדן בליק,
נאָך אײדער די גרייכסט אין געאייל דאָרט אַהין
די אָאַזע פאַרשווינדט מיטן וועג אויף צוריק.

און ווידער בלויז בערג און דער הימל און ערד,
אַ רחבות אַזאַ און מיר איז דאָ ענג,
און פלוצעם עס ווערט אויפן האַרץ אַזוי שווער—
מיר דאַכט — אין אומענדלעכער פוסטקייט איך הענג.

## ווען ס׳פאַלט אַ בוים

ווען ס׳פאַלט אַ בוים, אַ ריזיקע סעקוואָיע,
דעם גאַנצן וואַלד באַדעקט אַ גרינער טרויער
און לאַנג אין שאָטנדיקן גרין ער דויערט.

בלויז ציטערדיק אַדורך די גרינע קרוינען
רייסט דורך אַ שטראַל זיך, נאָר ווי אויך צו שוינען
די אבדה, ער פרווט דאָ נישט פאַרווינען.

ער ברעכט זיך איבער אין די האַרטע שטאַמען
און שפּעטער צווישן בערג וועט ער פאַרזאַמען,
ציבדנדיק דאָרט אָונטיקע פלאַמען.

און דער וואַלד, ווי פריער, בלייבט אין טרויער,
נאָך דעם בוים, דער ריזיקער סעקוואָיע,
וואָס האָט ביז אייביקייט נישט אויסגעדויערט.

# איך בין מקנא

אַ ביימער, מעכטיקע —
גיגאַנטן
מיט קרוינען פּרעכטיקע,
ווי האַנט אין האַנט
פאַרפלאָכטענע,
צום הימל אויסגעשטרעקטע
טרעפּ.
יאָרטויזנטער פאַרלאָפענע,
פון ערד אַראָפּגעמעקטע,
פאַרקאַרבט אין אייער אינגעוויד—
אין הילצערנעם
געוועב.
איך שטיי פאַר איך—
אַ שרעטעלע,
געקומען דאָ צוקלעטערן
פון ווייטער הייל —
מיין שטאָט.
איך שטיי און וואונדער זיך,
איך שטיי און גאַף —
אפשר וועט איר דאָ
פאַר מיר צעבלעטערן
דעם גרויסן סוד
פונעם באַשאַף?

איך שטיי דאָ אַ פאַרלוירענער
אַנטקעגן אייך
געבוירענע
יאָרטויזנטער צוריק,
און מיר איז אומעטיק
און מיר איז גוט
פאַר אייער אומוויסן
און גליק.
איך בין מקנא
די אומגעהויערע
חכמה אייערע
פון דויערן
דורך יעטוועדער געפאַר.
איך—
דער מענטש,
דער האַר
און נאַר.

(סעקוואָיאַ נאַציאָנאַלער פּאַרק,
קאַליפאָרניע, 1974)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד

# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..........................................................................

Address.......................................................................

City..........................................................Zip Code....................

אריה פּאַזי

# ייד, מענטש און רעליגיע

מיר, וועמען אַ סך באַטראַכטן ווי אַ שארית הפליטה פון צווישן ייִדיש־ייִדישע רייען, וואָס לעבן זיך אויס אין וואָס מיר באַצייכענען ווי ייִדישקייט, ייִדישע קולטור און לעבן־שטייגערישקייט — מיר טראָגן זיך כסדר אַרום מיט זאָרג און צער, מחמת אונדזער פּעסימיזם וועגן אונדזער להבא קיום ווי בני ישראל — איבער דער פאַנטאַזמע פון די שוואַרצע וואָלקנס וואָס מיר זעען ווי זיי פאַרציען זיך איבער די הימלען פון אונדזער וועלט פון מאָרגן.

מיר אַליין, הער דור פון ערב־מאָרגן, האַלטן טייער אונדזער ייִדישע גייסטיקע ירושה און מיר ווילן פאַרזיכערן אונדזער פאָלקישן קיום אויף להבא. מיר קענען זיך אָבער אויך ניט אָפּזונדערן פון דעם אַרום, וואָס ציט אָפּ פון ייִדישקייט — ניט נאָר אונדזערע קינדער, נאָר אַוודאי און אַוודאי אונדזערע אייניקלעך און איבערהויפּט אונדזערע אוראייניקלעך. דערפאַר איז אונדזער ייִדיש לעבן — בפרט אין דיאַספּאָרע — אַזוי פול מיט קאָנפליקטן.

דאָס לעבן פון מענטש איז דאָך בכלל אַ לאַנגע קייט פון קאָנפליקטן. מיר מיינען מיט דעם די קאָנפליקטן וואָס קומען פאָר אין דער אויפנעמיקייט פון יעדן מענטש, אין זיין אייגענער איבּיקייט. יעדער מענטש באַזונדער, יעדער יחיד, שלאָגט זיך תמיד מיט דער דעה — וואָס ער איז, ווו ער איז, וואָס ער זאָל טאָן, ווי ער זאָל זיך אויפפירן. און זעלטן ווו אַ מענטש וואָס זאָל תמיד לעבן בשלום מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענער שטייגערישקייט, מיט זיין אייגענעם אויפפיר. קען נאָר ווער באַטראַכטן אָט דעם ענין פון אַן אַביעקטיוון פּסיכאָלאָגישן קוקווינקל, וועט ער איינזען ווי טיף און פיינלעך ער איז אַנטוויקלט.

דערצו קומען צו כסדר די שטענדיקע הגם געוויינטלעכע סתירות וואָס צווישן מענטש און מענטש, ווי: די איינגעבאָרנקייט פון — אַטראַקציע, פון איין זייט, און אָפּשטויס פון דער אַנדער זייט, וואָס צווישן מאַנלעכקייט און פרויענטלעכקייט, אויך צווישן אַלט און יונג, און באַזונדערס צווישן מישפּחות און מישפּחות, און איבערהויפּט צווישן פאָלק און פאָלק און בפרט צווישן ראַסע און ראַסע.

בכן קאָן פאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס לעבן פון מענטש איז איין כסדרדיקער אומאויפהערלעכער קאָנפליקט. און וואָס שייך אונדז ייִדן, באַאומרואיקט אונדז באַזונדערס דער קאָנפליקט צווישן ייִד און ניט־ייִד בכלל און צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים בפרט. מיר שטרענגען זיך אָן מיט אַלע כוחות צו לייזן אָט דעם פּראָבלעם און ניט אָפּט גיט זיך אונדז איין דאָס צו דערגרייכן. עס איז דער גורל פון יעדן איינציקן ייִד איבערצוקומען זיין גאַנץ לעבן מיט דער זאָרג פון ייִד און די וועלטלעכע סביבה וואָס רינגלט אים אַרום.

און דאָ קומט אַרויף במילא די פראַגע: ווער איז אַ ייִד? וואָס איז אַ ייִד? וואָס איז די אייגנאַרטיקייט פון ייִד מיט וואָס מיר, ווי אַ כלל, ווילן ניט און קענען ניט זיך געזעגענען און וואָס געפינט זיך פאָרט אין דער סכנה פון אומקום — די סכנה, וואָס די באַוווסטזיניקע צווישן אונדז שטרענגען זיך אָן מיט אַלע כוחות צו באַקעמפן.

דערביי ווערט דאָ ניט געמיינט צו אַנטוויקלען די פּלוגתא, וואָס איז לעצטנס אויפגעבראַזט געוואָרן אין ישראל, ווו די רבנים און סתם אָרטאָדאָקסן ווילן גוזר זיין, אַז נאָר אַזאַ גר מעג באַטראַכט ווערן פאַר אַ ייִד, וואָס זיין גיור איז געווען כהלכה. און די הלכה, באַשטייען זיי, מוז געטייטשט ווערן אַזוי ווי זיי טייטשן זי, און ניט אַנדערש. ניט איך וויל אָנרירן די דאָזיקע פראַגע און ניט איך פיל זיך קאָמפּעטענט צו פּסקענען וועגן דעם.

ווילן מיר דאָ דעריבער אָנרירן די פראַגע פון בלויז די דאָזיקע צווישן אונדז, וואָס זיינען ייִדן מבטן ולידה. ניט זיי אַליין און ניט ווער אַנדערש לייקנט אָפּ זייער אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק. פרעגט זיך דערביי: וואָס באמת באַשטימט אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק? וואָס

אַזוינס איז יידישקייט? איז יידישקייט דען ניט מחייב בפירוש די אַנגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן רעליגיעזן גלויבן?...

מיר ווייסן, אַז ביי די **אומות העולם** קענען זיך זיין מענטשן פון אַלערליי רעליגיעס, פון דעסטוועגן ווערן זיי באַטראַכט ווי די אַנגעהעריקע פון יענעם באַשטימטן פאָלק. דאָס הייסט, רעליגיע האָט ביי זיי קיין דירעקטע שייכות צו זיטלעכקייט, צום לעבנס־איינשטעל און אויפפיר. ניט אַזוי ביי יידן. אַ ייד ווערט ניט אַזוי באַטראַכט. ער קען זיך זיין אַ פראַנצויזישער בירגער, אַן ענגלישער, אַן אַמעריקאַנער בירגער, אָבער ייד איז ער ערשט דעמאָלט, ווען ער איז אָנגעהעריק צו דער יידישער רעליגיע.

אָבער ווי איז דער דין ווען איינער איז ניט רעליגיעז? ווען ער איז אַן אפיקורוס? ווען ער איז אַן אַטעיסט?

האָבן נאָך חז״ל געפסקנט, אַז „ישראל אַף על פי שחטא, ישראל הוא.“ אלישע בן אבויה, ווערט דערציילט אין תלמוד, איז ניט געווען שווה בשווה מיט יידישער אמונה, פון דעסטוועגן האָבן אים די חכמי התלמוד ניט אויסגעשלאָסן פון פאָלק ישראל, זיי האָבן אים באַטראַכט פאַר אַן אַחר, אָבער ניט פאַר אויס ייד. אַזוי אויך ברוך שפינאָזאַ, וואָס האָט אין גאַנצן געלייקנט די זיין־צייטיקע באַגריפן פון יידישקייט און האָט געשאַפן דעם פילאָסאָפישן געדאַנק פון פאַנטעיזם, אַנשטאָט יידישן מאָנאָטעיזם — האָבן די יידישע פרנסים פון זיין צייט אים טאַקע געלייגט אין חרם, אָבער פון פאָלק ישראל האָבן זיי אים ניט אויסגעטיילט — אַ ייד איז ער פאַרבליבן. נאָר ווען איינער בייט איבער דאָס רעגדל, ד״ה, ער שמדט זיך צו אַן אַנדער רעליגיע, ווערט ער פון פאָלק ישראל מער ניט באַטראַכט פאַר קיין ייד.

פון דעסטוועגן, ווען מיר הערן זיך צו וואָס עס זאָגן וועגן דעם יידישע רעליגיעזע דענקערס, זען מיר ווי פול זיי זיינען מיט באַווייזן ווי שלעכט עס פירן אויס יענע, וואָס דערווייטערן זיך פון רעליגיע בכלל און פון יידישער אמונה בפרט.

און — ווען מיר פאַרטיפן זיך אין אָט דעם ענין, זען מיר איין ווי גערעכט זיי זיינען באמת. אין אונדזער אייגן יידישלעכן לעבן פילט זיך די פאַרלוירנקייט פון אַ סך צווישן די וואָס רופן זיך וועלטלעכע יידן, ניט־רעליגיעזע יידן, די צעמישטקייט פון אַ סך פון אונדזערע אַזויניקע אָרגאַניזאַציעס, די צעטומלטקייט פון צווישן זייערע פירערס.

ווען מיר פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, שטויסן מיר זיך אָן אין דער געוויסקייט, אַז דער מאָדערנער מענטש, דער אַנטי־רעליגיעזער מענטש — ניט דווקא ייד, נאָר בכלל דער פון רעליגיע אָפּגעפרעמדטער מענטש, אַז ער איז ווי אַ שיף אָן אַ רודער. ער לעבט אין יאוש. עפּעס רוקט ער אַרויס יעדן טאָג נייע לאָזונגען און יעדער לאָזונג ענדיקט זיך, פריער אָדער שפּעטער, מיט אַן אַנטוישונג. ער האַלט אין איין זוכן, און כלומרשט געפינען, רפואות, אָבער פון אַלע רפואות וואַקסט די קראַנקייט.

דערביי קוקן מיר זיך אַרום, אַז ס'איז בכלל אַ טעות צו גלייבן אַז מ'קען געפינען אַן ענטפער, אַ פּראַקטישן ענטפער, אויף די טראַגישע מענטשלעכע פּראָבלעמען. דאָס אַלגעמיינע מענטשלעכע לעבן בכלל, און דאָס לעבן פון ייד בפרט, איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַזוי אומזיכער און אַזוי אומרואיק, אַזוי פול מיט האָפענונג און אַמביציעס, פון איין זייט, און מיט געפילן פון אַנגסט און בייזע אָנונגען, פון דער צווייטער זייט, אַז עס איז ממש אוממעגלעך צו געפינען איין אַלגעמיינעם ענטפער אויף אַלע אונדזערע זאָרגן.

און דער עיקר מוזן מיר האָבן אין זינען, ווי פריער געזאָגט, אַז איטלעכער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך, אַן אָפּגעזונדערטע וועלט, אַ לחלוטין ניט איינהייטלעכע וועלט.

עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט דעם אופן ווי מענטשן פּרובירן זיך ראַטעווען פון דעם אומעט, פון דער לאַנגווייליקייט, פון די אַנגסטן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, בכדי קלאָר צו זען דעם גרויסן חילוק צווישן מענטש און מענטש. איין מענטש זוכט דעם ענטפער אין שיכרות, ער פּרובירט פאַרטרינקען זיינע זאָרגן; אַ צווייטער — אין אַזאַרט־שפּילן; אַ דריטער — אין ספּאָרט, און אַזוי ווייטער. מיר האָבן דערביי אין זינען די אויסגעלייגטקייט פון גייסט און אויך די פּוסט־

קייט פון די פאַרווילונגען, וואָס זייער צוועק איז „הרגענען" צייט. גאָר אַ גרויסע צאָל פון אונדז פטרן אָוועק די צייט ביי דער טעלעוויזיע, ווו די ערגסטע, נאַרישסטע, און מערסטנס סטימולירנדיקע צו רציחה פראָגראַמען ווערן דאָרט געגעבן, איינגעפלאָכטן אין שווינדלערישע, פאַלשע „קאָמערשלס".

עס איז ממש אַ רחמנות אויף די, וואָס האָבן דאָס געפיל אַז דאָס לעבן איז פוסט, אַז זיי אַליין דאַרף מען ניט, פון זיי פאַרלאַנגט מען קיין זאַך ניט; זיינען זיי עלנט און האָבן מורא פאַר צייט. פאַרשטאַרקן זיך די געפילן פון פוסטקייט און לאַנגוויל.

אַחריותן זיינען אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט; מענטש דאַרף און וויל האָבן אויף זיך עולן. אונדזער עלטערער דור דאַרף האָבן אויף זיין געוויסן, אַז ער האָט פאַרפירט און אומגליקלעך געמאַכט די יוגנט, וואָס מיר האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט אַחריותן פאַר זאַכן קעגן וועלכע זי רעוואָלטירט און קיין אַנדערע אַחריותן וויל זי ניט, אָדער קען זי ניט, אָננעמען. באַוויזן זיך דעריבער צווישן זיי די „היפּיס" און די וואָס זוכן אַן ענטפער אין נאַרקאָטישע מיטלען. אפילו די וואָס פראָטעסטירן און דעמאָנסטרירן, זיינען עדות פון דער אייביקער מענטשלעכער אומרויִקייט, פון אייביקע מענטשלעכע זוכענישן. מיר זעען דאָ ווי פאַרשיידן עס זיינען די וועגן איבער וועלכע מענטשן בלאָנדזשען, איבער וועלכע זיי לאָזן זיך פירן און פאַרפירן.

* * * * *

מענטש לעבט גלייכצייטיק אין היפּוכדיקע וועלטן: אין דער וועלט פון זיין פאָרשטעלונג פון צייט און אין דער וועלט וואָס ער באַטראַכט ווי אייביקייט, אין דער וועלט פון זיינע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און אין דער וועלט פון זיינע חלומות און פאַנטאַזיעס, פון גלויבן און האָפענונג. מענטש, מוזן מיר צוגעבן, איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דאָס האָבן אונדזערע חז"ל שוין דערקענט מיט טויזנטער יאָרן צוריק ווען זיי האָבן פאַרשריבן אין פרקי אָבות, אַז: אם אין ק מ ח אין ת ו ר ה. זיי האָבן אָבער דעם טראָפּ געלייגט אויף ת ו ר ה צו וואָס ק מ ח איז ניט מער ווי אַן אַרויסהעלפער, אַ מיטל פאַרן צוועק, פאַרן עיקר.

עקאָנאָמיק אַליין, ווי דאָס ווילן באַווייזן די מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע דענקערס, קען אָבער בשום אופן ניט פאַרענטפערן די אַלגעמיינע פּראָבלעמען, באַזונדערס די פּראָבלעמען פון מאָדערנעם מענטש. מ'קען, אויב מ'וויל, פאַרבייטן דאָס וואָרט עקזיסטענציעל מיט אַזוינע ווערטער ווי פילאָסאָפיש, מעטאַפיזיש, מיסטיש וכדומה. עס בלייבט אָבער בכל אופן קלאָר: איטלעכער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, איטלעכע גרופּע איז אַ וועלט פאַר זיך און קיינער קען ניט לייזן די פּראָבלעמען פון מענטש בלויז מיט ברויט־און־פוטער און אפילו ניט מיט די גרעסטע לוקסוסן פון דעם מאַטעריעלן באַשאַף פון מענטש.

דאָס איז ניט נאָר ריכטיק פאַר די רייכסטע צווישן מענטשן, נאָר אפילו פאַר די סאַמע אָרעמסטע. גראָד דער אָרעמער יידישער מענטש, דער טיף־גלייביקער יידישער מענטש, האָט זיך געפילט מער דערהייבן, מער נשמה־יתירהדיק אין דעם הייליקן טאָג שבת, וואָס איז פאַר אים געווען אַ טאָג פון אויסלייזונג, אַ טאָג פון חארית הימים, בעת פון וועלטלעכע יידן האָט זיך שבתדיקייט אָפּגעטאָן און ער איז גייסטיק פאַראָרעמט געוואָרן.

אונדזער הימל איז איצט פאַרצויגן מיט שווערע, שוואַרצע כמאַרעס. אָבער רייכע אין גייסט צווישן מענטש, די אמת־גלייביקע — פון צווישן אחינו בני ישראל און מענטש בכלל, גייען, סימבאָליש גערעדט, איבער די וועגן פון בעש"ט, אַז מיטן כוח פון תפילה — אויב נאָר די תפילה ווערט אַרויסגערעדט מיט טיפער ניט־געפעלשטער כוונה—קען מען דורכברעכן די חשכות אין דעם האַרץ פון מענטש און זיין געשאַפענער סביבה און אויפּפראַלן די שערי שמים. מען דערפילט די גרויסע ליבשאַפט פון דעם טאַטן אין הימל, און מען ברענגט אַראָפּ פרייד אין דער עצבות פאַרזונקענער וועלט.

און פון חסידות בכלל און בעש"ט בפרט קען מען זיך פיל אָפּלערנען.

דער בעש"ט האַלט, אַז די טויערן פון קדושה זיינען אָפן. און די טויערן פון קדושה זיינען דאָס האַרץ פון מענטש. ניטאָ קיין מענטש וואָס זיין האַרץ איז ניט

אַ מאָל אָפּן. מיר בעטן יעדן טאָג: פּתח לבי בתורתך... הוא יפתח לבנו. איז מען אַזוי מתפּלל מיט דעם גאַנצן האַרץ, מיט דער גאַנצער נשמה, וועט דער אויבערשטער זיכער העלפן. ווען די ווערטער ליגן אויפן האַרץ, פאַלן זיי טאַקע אַריין אין האַרץ. מ'דאַרף אַכפּערן דאָס וואָס גאָט האָט באַשאַפן. מענטש דאַרף האָבן יראת הכבוד פאַר דער וועלט, וואָס איז גאָטס באַשאַף. אפילו די שווערסטע פּראָבלעמען לאָזן זיך לייזן מיטן אַריינברענגען ליכט אין דער נשמה.

דאָס איז געווען דער תמצית פון דער תורה וואָס דער בעש"ט האָט געלערנט דאָס פאָלק ישראל.

איך קום מיט דעם ניט פריידיקן פרומקייט: אָנצוטאָן יעדן טאָג טלית און תפילין און דאַווענען וואָרט אין וואָרט וואָס איז מסודר געוואָרן אין די סידורים. די וואָס האָבן אמונה אין דעם, איז ווויל צו זיי און זאָלן עס טאַקע טאָן. אָבער מיין כוונה איז צו פריידיקן וואָס איך באַטראַכט פאַר דאָס סאַמע וויכטיקסטע: צו אַכפּערן דאָס וואָס גאָט האָט באַשאַפן. מענטש דאַרף האָבן יראת הכבוד פאַר דער וועלט, וואָס איז גאָטס באַשאַף. אפילו די האַרבסטע פּראָבלעמען לאָזן זיך לייזן מיט אַריינברענגען ליכט אין דער נשמה.

אַ מענטש קען זיך זיין אַ סקעפּטיקער, אַן אַטעאיסט, אפילו אַן אפּיקורוס אין אָנגענומענע אמונות און רעליגיעזע טראַדיציעס, און פון דעסטוועגן אַליין דערטראַכטן זיך צו באַשטימטע רעליגיעזיטעט געדאַנקען און אמתן. אַ סך דענקערס און וויסנשאַפטלערס צווישן זיי, ווי, לאָמיר אָנרופן נאָר אַ פּאָר — אַלבערט איינשטיין און אַנרי בערגסאָן, וואָס זיינען געווען ווייט אַוועק פון טראַדיציאָנעלע איינגעשטעלטע אמונות און רעליגיעזע טראַדיציעס, און דאָך זיינען זיי געווען באַהערשט פון געפילן פון רעליגיאָזיטעט. איך באַטאָן: ניט רעליגיעזע טראַדיציע פון אַ וועלכן עס איז איינגעשטעלטן מין, נייערט פון רעליגיעזיטעט־געפילן — איינעם גלויבן, אַז מענטש און אוניווערס ווערן באַהערשט און אָנגעפירט פון אַן איבערמאַכט און אַז דאָס פיזישע פון מענטש איז ניט מער ווי אַ לבוש, אַ צייטווייליקער לבוש, וואָס פאַרקליידט זיין גייסט, זיין נשמה, און בעת דער לבוש קען אויסגעטראָגן ווערן און צעריסן ווערן, רירט עס אָבער ניט אָן די נשמה, וואָס זי איז באמת אייביק און איז זעלבסטשטענדיק, אפילו ווען זי שיידט זיך אָפּ פון גוף.

נון, אויב אַזוי, פאַר וואָס זאָל דער איצטיקער בלאָנדזשענדיקער, פאַרלוירענער מאָדערנער מענטש נישט קערן זיך צו רעליגיע? האָט דען דאָס גאַנצע מענטשלעכע מין פאַרלוירן דעם ווילן צו לינדערן זיינע אַנגסטן, זיינע צווייפלען און זאָרגן, גייסטיק געזונט צו ווערן?

דער ענטפער איז, אַז אַזוי ווי רעליגיעס זען איצט אויס צו דעם סאָפיסטיצירטן מאָדערנעם מענטש, קאָן ער זיך צו זיי נישט אומקערן.

דאָס ווערט געזאָגט וועגן רעליגיעס בכלל, אַלערליי רעליגיעס, ניט דווקא דער יידישער.

פאַר וואָס קען ער זיך צו זיי ניט אומקערן? לאָמיר אָט דעם ענין באַטראַכטן, און אָנהייבן לאָמיר מיט דער קריסטלעכער רעליגיע. און טאָן וועלן מיר עס מחמת דעם, וואָס צווישן אונדזער יידישער יוגנט האָט, צום באַדויערן, זיך לעצטנס אָנגעהייבן פאַרשפרייטן אַ באַוועגונג פון „יידן פאַר יעזוס", און דער יידישער כלל איז: זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן דעם אַפּיקורס...

אפילו צו אַ קריסט מבטן ומלידה, אויב נאָר ער קען און וויל באַטראַכטן דעם ענין אָביעקטיוו, לאָגיש און אָן פאַרורטייל, קען שוין מער ניט אַפּעלירן דער גלויבן, אַז ישו איז געבוירן געוואָרן פון הייליקן גייסט און איז אַ שותף צו מעשה בראשית. צי דער קריסט וויל, אָדער וויל נישט, מוז ער פאָרט איינזען ווי פאַלש עס איז די אויסגעטראַכטע מעשה, אָדער לעגענדע, ווי ישו איז געבוירן געוואָרן — ער מוז איינזען אַלע אירע סתירות. פון איין זייט גלייבן אַלע קריסטן אין איין גאָט און פון דער אַנדערער זייט — אין דריי געטער. פון איין זייט פאַרהייליקן זיי דעם „אַלטן טעסטאַמענט" ד"ה דעם ספר הספרים, דעם תנ"ך, און פון דער אַנדערער זייט — לייקענען זיי אים אָפּ. דער מאָדערנער אויפגעקלערטער קריסט קאָן מער נישט גלייבן אַז ישו איז געווען גאָט, דער

משיח; אַז דער פּויפּסט איז זיין פאָרשטייער אויף דער ערד, און אַז די קאַרדינאַלן און בישאָפן זיינען גאָטס שלוחים. ער ווייסט אַז די קריסטלעכע פעלקער, די פריידיקערס פון „געבן די צווייטע באַק", פירן שוין צוויי טויזנט יאָר צווישן זיך די בלוטיקסטע מילחמות; זיי האָבן געשאַפן אינקוויזיציעס, אַרויסגעברענגט טאָרקוועמאַדאָס, פורישקעוויטשעס, היטלערס, סטאַלינס, געבוקט זיך צו כלערליי רוצחים. ווי קאָן מען זיך קערן צו אַזאַ רעליגיע, וואָס אירע אויפפירונגען זיינען סותר אירע געבאָטן און אין וועלכער מ'קען בשום אופן ניט גלייבן?

הערביי קען אָבער מיט פרייד און מיט שטאָלץ צוגעגעבן ווערן, אַז די לאַגע איז אַן אַ שיעור בעסער ווען עס קומט צום יידישן גלויבן. אונדזער אמונה האָט טיפערע יסודות, מער אויסגעהאַלטנקייט. דאָס יידישע פאָלק האָט ניט געשאַפן קיין אינקוויזיציעס און נישט אַרויסגעברענגט קיין היטלערס און קיין סטאַלינס. עס איז נישט פאַראַן קיין שום ספק, אַז אונדזער אמונה האָט אַרויסגעברענגט אין משך פון טויזנטער יאָרן גרויסע און הייליקע מענטשן, אָנהייבנדיק פון משה רבינו און ביז היינטיקן טאָג.

אָבער פאָרט... עפּעס וועפּט זיך אויס די אמונה צווישן אַ סך פון אונדז, איבערהויפּט זינט דער השכלה, און באַזונדערס איצט, צווישן דער פאָרגעשריטענער אינטעליגענץ פון אונדזער פאָלק. זי, אָט די אינטעליגענץ, הגם אָנגעפילט מיט בענקשאַפט, מיט נאָסטאַלגיע פאַר אמונה, קען זי זיך פאָרט ניט אומקערן צו קיין רעליגיע — ווי שיין און דערהייבן זי זאָל ניט זיין — בלויז אויס דערציערישע, פּראַגמאַטישע צוועקן. אויב מיין טיפער ווונטש איז צו ווערן רעליגיעז, צו געפינען דערקוויקונג, פרידן, נחת רוח אין ריינער, אויפריכטיקער אמונה, קען אָבער מיין קריטיק און שילטון השכל פאָרט ניט גלייבן אין תורה מן השמים, אין דער הייליקייט פון תלמוד או אַנדערע ספרים.

צו זיין אַן אָרטאָדאָקסישער פרומער ייד הייסט האָבן די פולע אמונה פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, און ניט אָפּפרעגן קיין שום זאַך, קיין שום דין אָדער אויפפיר.

אָבער אָט דעם גלויבן האָבן אַ סך פון אונדז אָנגעווירן. אַמאָל האָבן מיר אים געהאַט און מיר האָבן אים פאַרלוירן. מיט דער אַנטוויקלונג פון וועלטלעכן וויסן האָט ער זיך פון אונדז אויסגעוועפּט. מיר באַטראַכטן טאַקע דעם תנ"ך פאַר אַ וונדערלעכן ספר, אָבער מיר האָבן פאַרלוירן די אמונה, אַז אַלץ וואָס אין אים איז פאַרשריבן, קומט פון גאָט. מיר האָבן גענוג שטודירט צו רעכענען, אַז אַ סך זאַכן וואָס זיינען פאַרשריבן אין אונדזערע כתבי הקודש שטימען ניט מיט דערווירקלעכקייט. ווי ווונדערלעך אונדזערע אַלטע ספרים זאָלן ניט זיין, און וואָס פאַר אַ שיינע דורות זיי האָבן נישט אויפגעצויגן, קאָנען מיר אָבער פאָרט נישט גלייבן אַזוי ווי אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן אין דעם געגלייבט.

נון, אָבער היות די מאָדערנע ציוויליזאַציע, און אפילו די מאָדערנע קולטור, האָט צו מענטשן געבראַכט מער אומגליק איידער גליק, און אין אונדזער אַלטער רעליגיעזער ירושה קאָנען מיר נישט גלייבן (אפילו ווען מיר האָבן זי ליב און זעען אירע נוצן)—וואָס קאָנען מיר טאָן?

איז עס אַ פראַגע וואָס פייניקט היינט אַ גרויסע צאָל יידן און נאָך גרעסערע צאָלן פאַרשיידענע אַנדערע רעליגיעס.

פירט דאָס מיר צום געדאַנק, אַז רעליגיעס בכלל, אַריינגערעכנט אונדזער יידישע רעליגיע, באַדאַרפן דורכמאַכן אַ גרינטלעכע ענדערונג, בכדי דער היינטיקער אויפגעקלערטער מענטש זאָל זי קענען אָננעמען.

אָבער באמת נישט וועגן בכלל רעליגיעס האָב איך בדעה דאָ צו ריידן. ניט איך האָב אין וועלכער עס איז פון זיי געגלייבט, און ניט ווער עס איז פון זייערע אָנהענגערס וועלן צו מיר ווען עס איז זיך צוהערן. איך האָב ליב יידן און יידישקייט בכל לבבי, בכל נפשי ובכל מאודי. איך אַליין האַלט אַ ריינע יידישע דינים און בין באַגייסטערט פון אַ סך פון אונדזערע מנהגים. איך בין געטריי צו מיין אָפּשטאַם און האָב ליב מיין פאָלק. איך האַלט טייער דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן און פון מיינע ברידער און שוועסטער וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם דורך

די דייטשע רוצחים ימח שמם וזכרם. אָבער דערביי בין איך ווייט ניט זיכער, אַז גאָט וויל דווקא איך זאָל אָפּהיטן אַלע דינים פון שולחן ערוך וכדומה חוקים ומשפּטים, וואָס האָבן אַ שייכות בלויז און דורכויס בין אָדם למקום און רירן ניט אָן די שייכות בין אָדם לחברו. און מכוח וואָס איך וויל יאָ רײדן, און וועגן דעם יאָ אַרויסברענגען מיינע געדאַנקען, איז מכוח די עטישע און מאָראַלישע עיקרים פון אונדזער יידישער רעליגיע. אין אָט די עיקרים וויל איך זוכן מיין זיכערקייט און אין זיי וויל איך פאַרטיפן מיין אמונה און געפינען פרידן פאַר מיין נשמה.

יידישע מנהיגים, יידישע רבנים, יידישע דענקערס און גייסט־מענטשן, באַדאַרפן, לויט מיין מיינונג, אויפהערן בויען אויף אַנטפּלעקונגען, אויף נסים, אויף אַלע יענע זאַכן וואָס דער היינטיקער מענטש קען אין זיי נישט זיין זיכער. אונדזער רעליגיע באַדאַרף אָננעמען און אויפקלערן די עקזיסטענץ פון גאָט און אַז גאָט איז אחד. דאָס איז דער עיקר. אָבער וואָס איז גאָט? דאָס ווייסט קיינער ניט. שוין ישעיה הנביא (מ״ה, טו) האָט אַמאָל געזאָגט: אָכן אתה אל מסתתר — פאַרוואָר דו ביסט אַ גאָט וואָס פאַרבאָרגט זיך. און אונדזערע מקובלים האָבן די זאַך אויפגעקלערט בזה הלשון (רבי משה קורדובירו):

„כשתדמה בשכלך שיש אלוה, אל יעלה בדמיונך לדמות שיש אלוה על צד המקביל בדעתך שיש אלוה, שאם כן נמצאת מציאות בדעתך על צד הגבול והגשמיות ח״ו. אמנם תדמה בדעתך חיוב מציאותו לבד והוי רץ לאחור, שאם יעלה דמיונך ביותר מזה נמצאת מהרהר באלוה מצד עצמותו, והדמיון יגביל ויגשים.“

דאָס הייסט: „ווי נאָר דיין שכל שטעלט פאַר פאַר דיר אַז ס׳איז פאַראַן גאָט, זאָלסטו גלייך פאַרטרייבן פון דיין פאַנטאַזיע, אַז גאָט איז אַזעלכער וואָס דו קאָנסט אים פאָרשטעלן אין דיין געדאַנק, מחמת ווען דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו אים באַגרענעצן און ח״ו מאַטעריאַליזירן. וואָס דו דאַרפסט יאָ טאָן איז צו באַשטימען אַז גאָט איז יאָ פאַראַן און שוין אָפּשטויסן דיין געדאַנק אויף צוריק, וואָרעם אויב דו וועסט מער טראַכטן וועגן דעם, ביסטו געצוווּנגען צו באַנעמען אים אויף אַ מאַטעריעלן שטייגער און דערמיט וועסטו באַגיין אַ גרויסע זינד.“

מיר יידן מוזן אויפקלערן אונדזער רעליגיעזן געבוי אויף אַ פאַרהוילענעם גאָט. גאָט, ווי די נאַטור, שווייגט. אויב אפילו ער אַנטפּלעקט זיך, טוט ער דאָס אויף אַזאַ שטייגער, אַז עס בלייבן נישט קיין זיכערע באַווייזן פון זיין אַנטפּלעקונג. גאָטס וועגן ווי די נאַטור־געזעצן, מוז מען געפינען לאַנגזאַם, אינטואיטיוו, טיף אין זיך אַליין, אין דעם אייגענעם געפיל, אין דער אייגענער נשמה.

אַ מענטש קען זיך זיין אַ סקעפּטיקער, אַן אפּיקורוס אין אָנגענומענע אמונות און טראַדיציעס, און פון דעסטוועגן אַליין דערטראַכטן זיך צו באַשטימטע רעליגיעזע געדאַנקען און אמתן.

את חטאי אני מזכיר: איך ווייס דאָס פון זיך אַליין. איך האָב נאָך מיט יאָרן צוריק — אין די שטורמישע יוגנט־יאָרן פון רעוואָלוציע און פרייען געדאַנק — פאַרלוירן מיין אמונה און אַלע מסורות, וואָס זיינען מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון מיינע עלטערן און עלטער־עלטערן. אָבער דערנאָך, אין די קריטישע יאָרן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן איבערלעבן — וואָס יעדער מענטש לעבט איבער! — האָב איך צוריק געקראָגן אמונה אין גאָט, און דווקא אין דעם מהות פון גאָט ווי ער ווערט פאַרמולירט לויט דער געניאַליטעט פון דער יידישער מסורה — דער גאָט פון די אָבות, פון משה און די נביאים, פון די תנאים און מקובלים — איבערהויפּט פון די מקובלים — פונעם בעש״ט, צדיקים און בעל־התניא, און ביז הרב קוק און אפילו מאַרטין בובער און דער מיסטישער פאַרבליפקייט פון אַלבערט איינשטיין, און אַוודאי און אַוודאי אין דעם גאָט פון אונדזערע מיטצייטלערס, ר׳ הלל צייטלין און זיין זון אהרן, זכרונם לברכה.

זינט דער אַלעקסאַנדרינישער תקופה פון דער יידישער געשיכטע האָבן יידישע דענקערס געזוכט אַ שותּפות פון יהדות מיט זייער־צייטיקער ניט־יידישער פילאָסאָפיע. פילאָן פון אַלעקסאַנדריע האָט

פאַרבונדן די תורה מיט פלאַטאָנישע אידעען; רמב״ם האָט געהאַט די סמיכה פון אַלטערלעכן אַריסטאָטעלעס; מאָזעס מענדעלסאָן איז אַרויסגעוואַקסן פונעם ראַציאָנאַליזם אין 18טן י״ה; נחמן קראָכמאַל (רנ״ק) האָט באַזירט די גייסטיקע געשיכטע פון זיין ידישער עטיק אויף דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע; הערמאַן קאָהען האָט אַנטוויקלט זיין עטיק אויף קאַנטס עטישע און טעאָלאָגישע אידעען; אחד העם איז געווען אונטער דער השפעה פון דעם ענגלישן פילאָסאָף הערבערט ספּענסער. בלויז מאַרטין בובער, הוגאָ בערמאַן און אברהם יהושע העשל האָבן נאָכגעפאָלגט ריין־יידישע אידעען, וואָס שטאַמען פון תנ״ך, תלמוד, מדרש און קבלה.

און גראָד זיי — באַזונדערס מאַרטין בובער און אברהם יהושע העשל האָבן אַ גרויסע השפעה אויף הייַנטצייטיקער קריסטלעכער טעאָלאָגיע.

איך אַליין גלייב אין יידישן גאָט, אין דער נשמה פון מענטש — נשמה בפועל ממש און ניט ווי אַ סימבאָל! — איך גלייב אין צוועק פון באַשאַף (אָדער רופט עס אַנטוויקלונג), אין שכר ועונש, אין דעם כוח פון תפילה ווי אַ מיטל צו לייטערן די אייגענע נשמה; איך שטודיר פּאַראַפּסיכאָלאָגיע און גלייב באמונה שלימה אין השאָרת הנפש (און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן: טעלעפּאַטיע, ווייטזעונג, העלזעונג, גילגול הנפש וכדומה), און אין אַ רייע אַנדערע פּסיכישע אמתן.

איך בין צו אָט די אמונות געקומען דורך מיין אייגענער גריבלעניש, דורך פּסיכישע פאָרשונגען און אפשר דורך אַ סאָרט אינטואיציע. עס איז מיין געפיל, אַז יידנטום, ווען עס וועט דערגרייכן שלום און זיכערקייט אין אונדזער אייגענעם לאַנד, וועט קענען באַווירקן די וועלט צו אמתער פאַרטיפטער רעליגיאָזיטעט, וואָס וועט אָפּשאַפן מלחמות און שנאה־קנאה צווישן מענטש און מענטש און פאָלק און פאָלק, אַז „פון ציון וועט אַרויסגיין תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים״ און אַ „פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה.״

אָט האָט מאַרטין בובער אויף זיין שטייגער אַ גרויסע צאָל תלמידים אויף דער גאַנצער וועלט, אַזוי וועט זיך אויך קענען אויסשפּרייטן די באַנייטע יידישע תורה איבער דער וועלט. נישט אַלע מאָדערנע מענטשן לאָזן זיך פאַרכאַפּן פון מאַטעריאַליזם און דער גרויליקער רישעות פון קאָמוניזם. אַ סך מענטשן איבער דער וועלט פילן אַז די רעליגיעזע אמתן זיינען גילטיק און וואָר אפילו ווען מען שטיצט זיי ניט אויף אַנטפּלעקונגען און ניסים.

אָט די ראַציאָנאַלע אמונה, וואָס וועט שטאַמען פון ציון און ירושלים, וועט מיט זיך פאָרשטעלן די רעליגיע פון דער צוקונפט, וואָס וועט פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. וואָס פאָרגעשריטענער דער מענטש וועט ווערן, אַלץ וויניקער וועט ער זיך נייטיקן אין אַנטפּלעקונגען און דאָגמעס, און אַלץ וויניקער וועט ער זיך קאָנען באַפרידיקן מיט דעם מאַטעריאַליסטישן און אַטעיסטישן אומזין.

די רייד פון די נביאים און פון די משוררי־תהילים זיינען נאָך אַלץ ניט אַריינגעדרונגען אַזוי טיף ווי עס באַדאַרף צו זיין אין האַרץ פון מענטש. די גאולה קען קומען נאָר דעמאָלט, ווען די רייד פון די נביאים וועלן ווערן די כוחות וואָס פירן דעם מענטש יום־יום, וועלן זיין דער כסדרדיקער אויפברויז פון זיין געוויסן. אין תוך זיינען די ספערעס פון בין־אָדם למקום און בין־אָדם־לחברו איינס און דאָס זעלביקע. אָבער דערביי דאַרף גרינטלעך פאַרשטאַנען ווערן, אַז די שייכות בין אָדם למקום איז אַ פערזענלעכער אינטימער ענין פאַר יעדן יחיד. דער יחיד באַנעמט עס לויט זיינע אייגענע געפילן, איז זיך מיט דעם מתעסק לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, אחריות און געוויסן. ניט אַזוי די באַציונג פון בין אָדם לחברו. חז״ל האָבן שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז וואָס שייך די זינד פון אָדם לגבי מקום, קען דער מענטש תשובה טאָן און זיי ווערן אים פאַרגעבן. אָבער ניט אַזוי די זינד וואָס בין אָדם לחברו: נאָר דער קעגן ווערמען די זינד זיינען באַגאַנגען געוואָרן קען זיי מוחל זיין.

לאָמיר זיך דערמאָנען די שאלות וואָס אונדזערע חז״ל האָבן בכל הדורות געפּרווט געבן אַן ענטפער אויף זיי. די עצם הנחה פון גלויבן, די עובדה פון דער פילאָסאָפיע פון רעליגיע, איז אויף ס'ביי

אַוועקצושטעלן די שאלות, וואָס נאָר רע־ליגיע קען זיין אַן ענטפער אויף זיי. דער־ביי איז נייטיק זיך צו פאַרטיפן אין דעם מענטשנס באַוווסטזיין פון איין זייט און אין די לערעס און איינשטעלן פון אַ רעליגי־עזער טראַדיציע פון אַ צווייטער זייט.

די האַרבע שאלה איז ניט דער א מ ת פון גלויבן, נאָר ווי אַזוי דער מענטש איז מסוגל צו פ י ל ן דעם אמת פון גלויבן. דער אמת פון גלויבן שיינט ניט אין אַ פּוסטקייט... ער מוז אַרויסשיינען פון די געפילן פון מענטש, אָדער ער שיינט אין גאַנצן ניט, ער איז אויסגעלאָשן.

דער רישעותדיקער קאָמוניזם פאַר־כאַפּט איצט געמיטער איבער דער גאַנצער וועלט. מענטש וועט אָבער ניט אייביק פאַרבלייבן אין דער פינצטער. עס ברויזט שוין אויפשטאַנד אפילו אין די מדינות פון קאָמוניסטישן גיהנום. פון קאָמוניזם וועט מענטש אַריבער צו רעליגיאָזיטעט. דאָס זעט זיך שוין אַן זייער שטאַרק אפילו אין די ברוטאַלסטע און אַכזריותדיקע קאָ־מוניסטישע לענדער, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס וועט פירן — עס פירט שוין! — צו אַן אמונה אין גאָט, אַ גלויבן אין גייסטיקע כוחות, אין אַ פּלאַן און אַ צוועק פון אוניווערס.

אפשר וועט עס זיין אַ נייע רעליגיע: אַ קרובישקייט צו אַ מאַרטין בובער־רע־ליגיע, אַ נאָענטקייט צו אַ מין גאַנדהיזם, אַ ראַציאָנאַלער לבוש פון דער יידישער קבלה, אַ חסידות אין אַ מאָדערנעם אויפ־שווונג, אויסגעליידיקט פון ניסים ונפלאות און פאַרטיפט אין דעם סאַמע עצם פון זיין נשמה. עס וועט זיין אַ רעליגיע וואָס וועט פאַראייניקן אַלע מענטשן אין אַ גלויבן געבויט אויף געדאַנק, דערפאַרונג, וויסנ־שאַפט, און פסיכישער פאַרשונג. און, דער עיקר, הומאַניזם.

אין מיין חיזיון זע איך דעם נייעם מענטש וואָס וועט אויפקומען און פאַר־נעמען די גאַנצע וועלט. ער וועט זיך אפשר פאַרשפּעטיקן, ער וועט ניט קומען היינט אָדער מאָרגן, אָבער קומען וועט ער קומען!

---

**חיים לייב פוקס / מאָנטרעאָל**

# צוויי לידער

## מיין טאַטעס אָדלערס און לייבן

מיין טאַטעס אָדלערס און לייבן, געמאָלט אויף „שיויתים",
פאַר אָרעמע חסידישע שטיבלעך אין זיינע לעצטע יאָרן,
קומען צו מיר אין די נעכט און טרערן פאַרגיסן,
און דורך מיינע לידער ווילן זיי ווידער ווערן געבאָרן.

עס שטרעקט אַ לייב זיינע לאַפּעס און די אויגן אים בליצן
מיטן פייער פון אורוואַלד, מיטן רייץ פון די פאַרבן.
איך האָרך זיין געשריי אין זיינע ציינערס געקריצן,
איך פאַרנעם זיין ווייטיק אין דער שעה פון זיין שטאַרבן...

דער אָדלער צעשפּרייט זיינע פליגל איבער מיין פנים,
און טונקל עס ווערן אין מיין חדר די שויבן.
אַ טעמפּער געוואַלד זענען זיינע סימנים,
וואָס דערציילט פון זיין טויט. איך זאָל אים גלויבן...

פאַרציטער איך שטאַרק און וויל עפּעס רעדן און זאָגן,
זיי פרעגן פאַר וואָס צו מיר דווקא אין די נעכט זיי קומען?
— זאָל עס זיין, ווייל דער נאָמען פון „לייב" טו איך טראָגן,
זאָל עס זיין, ווייל ווי אָדלערס מיין ליד טו איך ברומען?

זאָל עס זיין, ווייל דער טאַטע האָט געלערנט מיך פון פאַרבן,
וואָס לייכטן און לעבן אפילו אויך נאָכן שטאַרבן?
— זאָל עס זיין, אַז די לייבן און אָדלערס וואָס ער האָט געמאָלן
זאָלן עס קומען צוריק פון זייערע „אַמאָלן"?
איך ווייס נישט. נאָר ווייל מיינע געסט איך וויל נישט פאַרשעמען,
שוויג איך. נאָר עס רוישן און זידן אין מיר די קאָלירן.
און ווי אַ זויגקינד זייערס לאָז איך זיך נעמען
און איך לאָז זיך פון זיי אינעם אורוואַלד פאַרפירן...

## מיין זיידע לערנט מיך...

עס האָט מיך דער זיידע ר' יוסף געלערנט:
אותיות זענען הימלען, פייערדיק צעשטערנט.
און עס בליקן פון זיי פנימער און אויגן,
פון דורות וואָס זענען אין תהומות פאַרפלויגן.
זיי בליצן צעציינדן און ווערן קיין מאָל פאַרלאָשן —
— גיי זוך דיר דאָס וואָרט און געפין זייער לשון...
און נאָך האָט דער זיידע ר' יוסף געלערנט:
פנימער זענען שטראַלן וואָס בענקען צו ווערן
וועלדער און גראָזן, געוויקסן און חיות
באַשאַפן צו לעבן פון בראשית עד היום.
ווי די טייכן און ימים פון גן־עדן פאַרשווימען
זיי וואַרטן אויף דיר, דורך לידער צו קומען...
אַזוי האָט דער זיידע אין פריע באַגינענס
מיט אַ ניגון וואָס ער האָט אַליין אויסגעפונען,
מיטן פנים אין טלית, ווי אין סודות פאַרבאָרגן,
צו דער וועלט געדאַוונט מיט מיר אין פרימאָרגנס.
איך האָב נישט פאַרשטאַנען, נאָר געגאַפט מיט די אויגן
צו די שוואַלבן וואָס זענען אין מיין חלום געפלויגן.
ווי דאָס לשון פון פייגל און געוואָרקע פון טויבן
מיט די פליגל געקרייזלט אַרום מיינע שויבן —
ווי גערופן זיי וואָלטן איך זאָל זיך באַווייזן
און פרייען מיט זיי זיך אין די זוניקע קרייזן —
כדי שפּעטער זיי וואַרפן די גילדענע קערנער
און איך וועל זיך פון זיי צו פליען לערנען...
דעם זיידנס ניגון איך האָב דורך מיין לעבן געטראָגן
דורך מיינע לידער געדאַוונט אין אַלע פאַרטאָגן,
אין וואַנדער און וואָגל איבער לענדער און ימים —
ווי די תחינה אין יידיש פון מיין טייערער מאַמען.
איצט טרויערן די ווערטער, ווי די נעכט אָן אַ שטערן —
איך ברום זייער ווייטיק געצייטיקט דורך טרערן...

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתדרות
# אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט
פון דער
## ישראל הסתדרות-פונדאַציע
אינקאָרפּאָריישעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה-שטייער, ירושה-שטייער, „פּראָבעיט"-הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל-געינס"-שטייער אויף סעקיורעטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...
אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט.

---

שנײַדט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..................................................

Address..................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..................................................

Date......................Signature of Applicant..................................

# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פּראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

שיקט זיינע ניי-יאָר ברכות
צו אַלע זיינע מיטגלידער,
פריינד און כל ישראל.

## איבער זיבעציק יאָר

אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט:

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן: 276-7007

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# דער ירושלימער פּע"ן־קאָנגרעס — אַ שטיקל געשיכטע

איך בין אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן־קאָנגרעס אין ירושלים אין דעצעמבער ניט געווען. צוליב אַ סך סיבות. ניט געווען מעגלעך. אַ שאָד, ווייל ווי האָט מיר ערשט איצט געשריבן מיין גוטער פריינד מלך ראַוויטש, איינער פון די גרינדער פון יידישן פּע"ן־קלוב און דער ערשטער סעקרעטאַר: „איר, לעפּטוויטש, זענט דער סאַמע ערשטער וואָס באַגלייט דעם יידישן פּע"ן־קלוב פון דעם ערשטן טאָג פון זיין געבוירן." האָב איך דאָך באַלד 35 יאָר פּאַרטראַטן דעם יידישן פּע"ן־קלוב אויף כמעט אַלע פּע"ן־קאָנגרעסן און אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן־עקזעקוטיוו פון דעם טאָג וואָס ער איז געשאַפן געוואָרן.

ס'האָבן געלויערט אַ סך סכנות אויף דעם קאָנגרעס. האָט דאָך דער קאָנגרעס געזאָלט זיין מיט אַ יאָר פריער, און ער איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער יום־כיפור־מלחמה. בין איך דאָך געווען אויף אַ זיצונג פון פּע"ן אינטערנאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו ווען דער פּען־דעלעגאַט פון ל ב נ ו ן האָט געמאַכט אַ שטורעם און פּאַרטיילט „ליטעראַטור" קעגן ישראל; זענען קיין דעלעגאַטן פון די פיל אַראַבישע פּע"ן־קלובן ניט געקומען צום קאָנגרעס. און, דורכפירנדיק די סאָוועטישע פּאָליטיק קעגן ישראל, איז קיין איין דעלעגאַט פון די קאָמוניסטישע לענדער ניט געקומען.

אַ מאָל, ווען מען האָט גערעדט פריער וועגן אַ פּע"ן־קאָנגרעס אין ישראל איז אַרויסגעשווומען די מורא, אַז אויב עס וועלן קומען דייטשע דעלעגאַטן, וועלן זיין דעמאָנסטראַציעס קעגן זיי. דאָס איז אפשר געווען די וויכטיקסטע סיבה פאַר וואָס דער פּע"ן־קאָנגרעס האָט זיך ניט פריער געטראָפן אין ישראל. צום קאָנגרעס איצט אין ירושלים זענען געקומען דייטשע דעלעגאַטן ווי ליבע געסט, און דער דייטשער שרייבער היינריך בעל, נאָבעל־פּרייז טרעגער און געוועזענער אינטערנאַציאָנאַלער פּע"ן־פּרעזידענט, איז געווען אויבנאָן.

נאָך אַ געפּאַר איז געווען: פאַר מיר ליגט דער געדרוקטער בולעטין פון יידישן פּע"ן קלוב אין ניו־יאָרק אין 1943, מיט אַ גאַנץ זייטל „באַריכט" פאַרן יאָר; שטייט דאָרט אויך אַזעלכעס: „דער פּע"ן־קלוב האָט אויך פּובליקירט אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם טעראָר אויף יידיש אין ארץ־ישראל." אַזעלכעס איז היינט, דאַנקען גאָט, ניט געווען אַקטועל. אָבער נאָך זענען געווען יידישע שרייבערס אין ישראל מיט אַ געפּיל אַז די עברית־שרייבערס אין לאַנד באַציִען זיך שטיפמוטעריש צו יידיש און צו די יידיש־שרייבערס אין לאַנד. ניט אַלע האָבן עס געפילט. מיינער אַ חבר פון ניו־יאָרקער יידישן פּע"ן, וואָס איז געווען ביים קאָנגרעס, האָט מיר געשריבן: „איך האַלט אַז דער פּאַרדרוס איז ניט באַרעכטיקט." ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז אויסגעוואַקסן אַ געפּיל צווישן די יידישע שרייבערס אין ישראל — אַזוי שרייבט מיר שמשון אַפּטער, דער סעקרעטאַר פון יידישן פּע"ן־קלוב, וואָס ער איז טאַקע געווען אויפן קאָנגרעס — „אַז מען זאָל שאַפן אַ גרופּע יידישע פּע"ן־מיטגלידער אין ישראל."

איז אַפּטערס מיינונג וועגן קאָנגרעס בכלל: „דער פּע"ן־קאָנגרעס אין ירושלים איז געווען זייער אינטערעסאַנט." צו דעם מוז איך צוגעבן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּע"ן־פּרעזידענט, דער ענגלענדער, פּריטשעט, האָט אין אַן אינטערוויו אין „דזשערוסאַלעם פּאָסט", געזאָגט, אַז דער קאָנגרעס אין ירושלים איז געווען אַ דערפאָלג, און ער איז שטאַרק צופרידן וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך געטראָפן אין ירושלים.

ווייל איך דאַ דערציילן אַ שטיקל פּע"ן־געשיכטע וועגן אַ פּע"ן־קאָנגרעס וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים טרעפן זיך אין

ירושלים מיט מער ווי 20 יאָר פריער, אין 1954.

איך בין דעמאָלט געפאָרן קיין ישראל. האָט מיר דוד קאַרוועך, דער אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון פּע"ן, געבעטן, איך זאָל דאָרט אויסגעפינען צי ס'איז מעגלעך אַז די ישראל רעגירונג זאָל פאַרבעטן דעם פּע"ן אָפּצוהאַלטן זיין קאָנגרעס אין ישראל. ס'איז געווען אַן אָפיציעלער אויפטראַג פון פּע"ן פּרעזידיום.

אין ישראל האָב איך זיך צוערשט געווענדט צום העברעישן פּע"ן־קלוב, און איך האָב גלייך געפונען דאָרט אַ פאַרשטענדעניש און אַ ווילן דורכצוזעצן דעם געדאַנק פון אַ פּע"ן־קאָנגרעס אין ישראל. דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט, דער דיכטער יעקב כהן, און דער סעקרעטאַר, אבינועם (ראובן גרוסמן), זיינען געווען באַגייסטערט און האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט דורכפירן דעם פּלאַן. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו זיצונגען פון ישראלדיקן העברעישן פּע"ן־קלוב, און יעקב כהן האָט געפירט דעם פאָרזיץ, צוליב מיר, אויף יידיש.

איך האָב גערעדט מיט משה שרת, מיינער אַ לאָנדאָנער ידיד, וואָס איז דאַן געווען אויסערן מיניסטער. מיט שפּרינצאַק און דינור, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אבינועם האָט באַקומען אַ בריוו פון וואָלטער אייטאַן, דעמאָלט גענעראַלדירעקטאָר פון אויסערן מיניסטעריום (שפּעטער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך): „איך בין צופרידן איך לאָזן וויסן, אַז ווי אַ פּועל־יוצא פון יוסף לעפּטוויטשס קומען קיין ישראל, האָט די רעגירונג באַשלאָסן האַרציק איינצולאַדן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן־קאָנגרעס צו טרעפן זיך אין ישראל אין 1955. איך בין געבעטן פון דעם פּרעמיער, דעם אויסערן מיניסטער און דעם מיניסטער פון בילדונג און קולטור, אייך פאַרצולייגן איבערצוגעבן די איינלאַדונג צום פּע"ן־קאָנגרעס, וואָס וועט זיך צונויפקומען קומענדיקן חודש אין דובלין." דער בריוו איז דאַטירט 27טן מאַי, 1953.

האָבן מיר געמיינט אַז ס'איז אַלץ דערלידיקט. איך האָב וועגן דעם קומענדיקן פּע"ן־קאָנגרעס גערעדט אויף דער ישראל ראַדיאָ. איך האָב געשיקט מיין רעדע צום פּע"ן־סעקרעטאַר קאַרוועך אין לאָנדאָן, און ער האָט מיר געשריבן: „די רעדע אויפן ישראל ראַדיאָ וועגן פּע"ן איז געווען וואָס מ'דאַרף. מיר וואָלטן געדאַרפט מער אויסנוצן דעם ראַדיאָ באַקאַנט צו מאַכן דעם געדאַנק און דעם אויפטו פון פּע"ן. איר האָט געטאָן פאַר אונדז אַ גליכע זאַך. איך בין גליקלעך אַז אונדזער 1955טער קאָנגרעס וועט זיין אין ישראל."

מיין חבר אבינועם איז געפאָרן מיט אייטאַנס בריוו צו אים קיין דובלין, ווו אליעזר גריבבערג איז יענעם יאָר געווען דער דעלעגאַט פון יידישן פּע"ן־קלוב, און אבינועם האָט פאָרמעל אין זיין רעדע צום קאָנגרעס איבערגעגעבן די איינלאַדונג: „מיר האָפן אייך אַלע צו באַגריסן אין ישראל אין 1955," איז געווען זיין שלום־וואָרט.

און מיר האָבן געגלייבט אַז ס'איז אַלץ אין אָרדענונג, און דער פּע"ן־קאָנגרעס וועט טאַקע זיך טרעפן אין 1955 אין ירושלים. מאַכט זיך אָבער, אַז ווען דער פּע"ן־סעקרעטאַריאַט הייבט אָן צו פאָרשן די פּראַקטישע מעגלעכקייטן, ווייזט זיך אַרויס אַז די הוצאות צו פאָרן קיין ישראל דעמאָלט, מיט 20 יאָר צוריק, זענען לויט די ענטפערס פון פאַרשיידענע פּע"ן־קלובן צו טייער, און דער פּע"ן־פּרעזידיום האָט אָנגעהויבן זיך שרעקן אַז ס'וועלן ניט פאָרן גענוג פּע"ן־מענטשן און ס'וועט ניט זיין קיין פולער קאָנגרעס. קאַרוועך האָט פאַרהאַנדלט מיט אל על און מיט צים, און ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל ער האָט ניט געקענט באַקומען קיין גענוגנדע הנחות.

ס'איז אַ שאָד, ווייל צווישן די פּע"ן־מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן אַז זיי ווילן פאָרן, זענען געווען אַ צאָל וואָס האָבן זייער שטאַרק געוואָלט פאָרן, און בלייבן אַ צייט אין ישראל נאָכן קאָנגרעס, כדי צו שרייבן וועגן יידישן לאַנד, זשורנאַליסטיש אָדער אין אַ ליטעראַטור ווערק. איך געדענק אַז פרוי סטאָרם דזשיימסאָן, אַ באַרימטע נאָוועליסטקע, און פּרעזידענטין פון ענגלישן פּע"ן־קלוב, האָט מיר געזאָגט, אַז זי וואָלט בלייבן אַ גאַנץ יאָר אין ישראל, און פּרוון צו שרייבן אַ בוך

דריבער. איצט, נאָך 20 יאָר, איז זי אַלט און ניט מער אַקטיוו, און איר מאַן, אויך אַ שרייבער, איז געשטאָרבן.

אויבנאויף איז דער פּריז פון די פאַרבילעטן געווען די שטערונג. אָבער ס'זענען אויך געווען אַנדערע סיבות. דער עיקר, וועגן דעלעגאַטן פון דייטשלאַנד. איך, און אַ צאָל אַנדערע מיטגלידער פון פּע"ן אינטערנאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו, האָבן דורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז קיין דייטשער שרייבער קען ווערן אַ מיטגליד פון דייטשן פּע"ן־קלוב וואָס ווערט צוריק אויפגעשטעלט נאָכן קריג, אויב ער איז געווען אין דייטשלאַנד און האָט זיך געדרוקט דאָרט אין דער צייט פון דעם היטלער־רעזשים. אָבער דאָך, האָבן יידן, ספּעציעל אין ישראל, ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו זיצן צוזאַמען מיט אַ דייטש.

פון פיל זייטן איז געקומען אַ דרוק קעגן דעם, אַז דייטשן זאָלן קומען צום קאָנגרעס. מיין אַלטער פּערזענלעכער פריינד, סיר לעאָן סיימאָן, וואָס איז געווען דער פאַרטרעטער פון העברעישן פּע"ן־קלוב אין אינטערנאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, האָט זייער געשטיצט די פּרוּוון צו פאַררופן דעם קאָנגרעס אין ישראל, האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט גערעדט מיט שרת און מיט אַנדערע, און ניט נאָר די רייזע־קאָסטן נאָר אויך די דייטשע פראַגע איז די שטערונג. „שרת האָט זיך אָפּגעגעבן אַ סך מיט דער פראַגע", האָט ער מיר געשריבן. ס'איז קלאָר אַז אים איז געגאַנגען אַ סך די שטעלונג פון ישראל שרייבער־פאַריין ניט צו צו־לאָזן קיין דייטשן צום קאָנגרעס. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעמאָנסטראַציעס. אויך אבינועם האָט מיר געשריבן וועגן אַטאַקעס אין דער ישראל־פּרעסע קעגן דייטשן אויפן קאָנגרעס. אין אַן בריוו שרייבט ער מיר: „אפילו זיין אייגענע ידיעות אַחרונות איז אַרויס מיט אַ שאַרפן אָנפאַל." איך בין געווען דער לאָנדאָנער פאַרטרעטער פון אָט דער צייטונג.

ס'האָט זיך געצויגן ביז דעם נעקסטן פּע"ן־קאָנגרעס אין 1954 אין אַמסטערדאַם. דאָס איז געווען דער קאָנגרעס ווו שלום אַש איז געקומען (ער האָט דעמאָלט געלעבט אין לאָנדאָן) מיט אַ באַדינג אַז איך זאָל שלאָפן אין זעלבן צימער אין האָטעל, ווייל ער האָט מורא צו שלאָפן אַליין.

אויף דעם קאָנגרעס האָט קאַרווער געזאָגט — איך ציטיר פון דעם געדרוקטן אָפיציעלן באַריכט: „איך באַדויער מיטצוטיילן אַז אונדזער פּאָרן קיין ישראל מוז ווערן אָפּגעלייגט. די רייזע־קאָסטן אַליין וועלן ניט דערלויבן אַז ס'זאָלן קומען גענוג פּע"ן־מענטשן אַז ס'זאָל זיין אַ רעפּרעזענטיווער קאָנגרעס און כאָטש ניט נאָר דער ישראל פּע"ן־צענטער נאָר אויך די ישראל רעגירונג האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו לײדער געמוזט זיך רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט. יוסף לעפּטוויטש האָט אָנגעפירט די גרעסטע טייל פון די פאַרהאַנדלונגען, האָט ער גענוצט דעם סעקרעטאַרס באַריכט, און פון אַלע זייטן האָט מען אויסגעדריקט די האָפענונג אַז דער קאָנגרעס אין ישראל איז בלויז אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. פרוי לילי טאָביאַס, אַ מיטגליד פון דעם ישראל פּע"ן־קלוב, האָט צוגעגעבן, אַז אין ישראל באַדויערן אַלע וואָס ס'האָט זיך אַזוי פאַרדרייט. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אַז דער סעקרעטאַר זאָל איבערגעבן אונדזער גרויס באַדויערן צום פּרעזידענט פון ישראל פּע"ן־קלוב."

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּע"ן־פּרעזידענט, וואָס האָט געפירט דעם פאָרזיץ, איז געווען אַ ייד, דער ערשט־פאַרשטאָרבענער האָלאַנדישער דיכטער, וויקטאָר וואַן ווריזלאַנד, אַ הייסער ציוניסט, אַ ברודער פון זיגפריד וואַן ווריזלאַנד, אַ לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון סוכנות, און אַ תושב אין ישראל.

איך האָב ביי מיר אַ שטויס־בריוו פון אבינועם, וואָס ווייזן ווי שטאַרק די שרייבערס פון ישראל פּע"ן־קלוב האָבן עס באַדויערט וואָס די באַמיונגען צו האַלטן דעם פּע"ן־קאָנגרעס אין ישראל אין 1955 האָבן זיך ניט איינגעגעבן. און ס'דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַז די איניציאַטיוו דערצו איז געקומען פון יידישן פּע"ן־קלוב. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט וועגן דעם מיט דעם יידישן פּע"ן־קלוב אין ניו־יאָרק, און מיט מיין טייערן פריינד לעיעלעס ע"ה.

יעקב זיפּער / מאָנטרעאַל

# שמשון דונסקי, דער מענטש און זיין שאַפן

געלייענט ביים אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון זיין איבערזעצונג אויף יידיש
פון מדרש שיר השירים

די היינטיקע מסיבה וואָס איז געווידמעט דער שאַפונג פון אונדזער בעל מדרש ח' שמשון דונסקי, איז לויט מיר נאָך פּאַסיק אָנצוהייבן מיט אַן איבערפראַזירונג פון דעם געפליגלטן מאמר, וואָס ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא, איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ באַרימטן אמורא פון יענער צייט: „ארץ שינער הרה וילדה וארץ צבי גידלה שעשועיה"—בבל האָט געטראָגן און געבאָרן און ארץ ישראל האָט אויסגעהאָדעוועט איר באַליבטן. אויף שמשון דונסקי קאָן מען זאָגן: יאַשינאָווסקי, דאָס קליינע שטעטעלע נישט ווייט פון ביאַליסטאָק, וואָס איז געשטאַנען צווישן ליטע און פּוילן, האָט געטראָגן און געבאָרן ביאַליסטאָק, סוואַלק און איישישאָק, מיט זייערע ישיבות האָבן אויפגעהאָדעוועט און פאַרזייט די קערנער פון יידישן וויסן, און אין מאָנטרעאַל איז אויפגעגאַנגען די פּרוכט וואָס איז פול מיטן גוטן טעם פון אַ געצייטיקטער פּרי, וועלכע איז זאַפטיק און פריש.

אויפן סאַמע לעצטן טרעפּל פון 19טן יאָרהונדערט איז שמשון געבאָרן געוואָרן אין אַ משפחה פון יידישע מילנערס, וועמענס ווינטמילן זיינען געשטאַנען אין אַ געגנט איבער וועלכער עס האָבן זיך היסטאָריש געקריגט גאָר אַ סך יאָרן ליטע און פּוילן — אין פּאָליטישן זין, און יידן צווישן זיך זיינען נאָך ביז היינט נישט זיכער צו וועמען מ'דאַרף די דאָרטיקע יידן צורעכענען, צי צו די ליטוואַקעס, וואָס לערנען קענען טאַקע און אויף יעדער שאלה און קשיה קענען זיי דיר געבן אַן ענטפער און אַ תירוץ לויט אַ פּסוק און אַ בפירושע גמרא וואָס צילט צום פּראָסטן פּשט און טרעפט אין סאַמע פּינטל אַריין; צי צו די פּוילישע יידן — צוליב זייער פאָלקסטימלעכקייט, פעלט זיי אָבער דער יידיש פּוילישער חסידישער ברען און די שאַרפקייט פון אַן אויסטייטש, וואָס נעמט טאַקע דעם ענין אָפּט אַרויס פון פּראָסטן פּשט, דערפאַר אָבער הייבט עס דעם מוח און צעשטורעמט דאָס האַרץ.

די ליטוואַקעס זיינען טאַקע די דאָזיקע

---

דער געדאַנק אָפּצוהאַלטן אַ פּע"ן קאָנגרעס אין ישראל איז געבליבן אויפן סדר היום. אַ קורצע צייט דערנאָך איז געווען אין לאָנדאָן אַ זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן־עקזעקוטיוו, און ס'איז געקומען צו דער זיצונג דער ישראל שרייבער בר יוסף, און ער האָט ווידער פאָרגעלייגט אַ קאָנגרעס אין ישראל. דער „דזשוראיש קראָניקל" האָט געגעבן אַ לאַנגן באַריכט וועגן דעם. און שלום אַש, וואָס איז געווען מיט מיר ביי דער זיצונג, האָט אונדז, בר יוסף און מיך, גענומען אַהיים צו זיך ווייטער צו באַטראַכטן דעם ענין. איך האָב עס אויך שפּעטער דיסקוטירט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר כ"ץ און ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון ישראל פּע"ן־קלוב.

איך האָב גערעדט און געשריבן וועגן דעם צו זלמן שזר ז"ל, ווען ער איז געווען נשיא — דעם 22טן אַפּריל, 1964 האָט מיר שזר געשריבן: „דער געדאַנק אָפּצוהאַלטן דעם אינט. פּע"ן קאָנגרעס 1965 אין ירושלים (אָדער אויב אוממעגלעך—1966) איז מיר געפעלן. כדאי איר זאָלט זיך וועגן דעם באַמיען, און איך וועל זיין דאַנקבאַר צו הערן פון אייך וועגן דעם."

האָט עס געדויערט נאָך צען יאָר—צוליב דעם יום־כיפור קריג־יאָר — און דער אינטערנאַצ. פּע"ן קאָנגרעס איז דאָך ענדלעך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים. און איך האָב דאָ דערציילט וועגן דעם שטיקל פּע"ן־געשיכטע, ווייל מ'דאַרף וויסן אַז די איניציאַטיוו דערצו איז געקומען מיט 20 יאָר צוריק פון דעם יידישן פּע"ן־קלוב.

יידן מתנגדים און וויל־לערנער און היטן פינקטלעך אַלע דינים פון שולחן־ערוך. אָבער די נשמה יתרה, דאָס דערהויבענע פון חסידישער אמונה און איינגעגלויבט־קייט אין אַ רבין, וואָס גיט חיזוק און טרייסט אין דער ביטערער נויט פון לעבן באַנעמען זיי נישט. אפשר איז דאָס איינע פון די סיבות, וואָס צוליבן נישט באַנעמען דעם מדרש חסידות מיטן פרייען פלי פון דער חסידישער מעשה און ניגון, האָבן זיי זיך אַזוי געקלאַמערט אין דער אגדה פון די פאַרהייליקטע מדרשים, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט אין מדרש רבא, תנחומא און עין־יעקב.

אויף דער אגדה ווערט דאָך געזאָגט: „ווילסטו דערקענען די נשמה פון דער דאָזיקער אומה, גיי צו דער אגדה". אין דער הלכה, די משנה מיט דער גמרא, איז אויסגעסדרט דער גאַנצער לעבנספיר פון יידן, וועלכער איז געבויט אויף די פסוקים אין דער תורה, לויט באַשטימטע כללים פון אויסטייטשן און אַריינטייטשן . די אגדה און מדרש זיינען אויך אָנגעהאנגען אין די פסוקים און מעשיות פון דער תורה, נביאים וכתובים, אָבער דאָ קומט צום אויסדרוק די יידישע מחשבה, דער יידי־שער צוגאַנג צום גורל פון מענטש און זיין שליחות אין דער וועלט. דאָ ווערן באַטראַכט די פּראָבלעמען און ראַנגלע־נישן פון יידישן מענטש מיט זיין אייגענעם גורל ווי אַ יחיד און רבים. דאָ טענהט מען זיך אויס אי מיט זיך אַליין, אי מיט די אומות העולם און אפילו מיטן רבונו של עולם אַליין. מיט אַן אויסטייטש פון אַ פסוק באַווירקט מען גאַנץ שאַרף און אָפן, און ער, דער שופט כל הארץ, איז נישט גאַנץ גערעכט און אומשולדיק לגבי דעם יידישן פאָלק, און ווען די ריכטיקע שעה וועט קומען לעתיד לבוא, וועט ער טאַקע מוזן איבערבעטן די כנסת ישראל. עס ווערט גרינגער דאָס געמיט צו וויסן פון הייליקן מדרש, אַז דער רבש"ע וועט זיך בעטן ביי די יידן: בתי, במה אפייסך? טאָכטער מיינע, מיט וואָס זאָל איך דיר איבערבעטן?

די מדרש־שפּאַנונג, ווען מען לערנט זיך אין איר אַריין, אַנטפּלעקט דעם סאַמע תוך פון דעם נשמה־גערעַנגל פון יידיש־שאַפערישן מענטשן. און ווייל די אויסטייטשונגען זיינען אַרויס־געבראַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע יחי־דים תלמידי חכמים אין פאַרשיידענע צייטן, קענסטו דורך דעם אפילו אַריינ־בליקן אין די איינפלוסן פון דער אַרומי־קער וועלט אויף יעדן פון זיי און דורך דעם באַנעמען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער מחשבה. פון דאָרט פינקלט אַרויס דער פיין און טרויער פון פאָלק אינעם געראַנגל מיט זיין גורל און די פרייד און האָפנונג און שטאַרקונג אויף דעם וואָס וועט קומען ווען די וועלט וועט סוף כל סוף אָפגערייניקט ווערן פון דער רשעות אין וועלכער זי איז פאַרזונקען.

ח' דונסקיס פאָטער און זיידעס, וועלכע האָבן שווער געהאָרעוועט אין די ווינט־מילן זייערע אויף פרנסה, האָבן געשעפּט היות פאַר דער נשמה פון מדרש און צו־געצויגן צו דעם די קינדער, אפילו ווען זיי האָבן בלויז געקענט איבערנעמען דעם ניגון מיט וועלכן עס איז געלערנט געוואָרן.

צוליב דעם וואָס די מיל איז געשטאַנען הינטערן שטעטל, האָט דער זיידע, ר' צבי הירש ע"ה, וואָס האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן איינפלוס אויף שמשונען, געלערנט מיט אים ביז אַכט יאָר. דאָס הייסט, ביז ער האָט שוין געקענט גיין אַליין אין שטעטל־שן חדר אַריין צו לערנען גמרא, און ווי־טער אָנגעהאַלטן צו לערנען מיט אים מדרש און עין־יעקב, וואָס האָט באַווירקט דאָס יונגע ייִנגל אויפן גאַנצן לעבן.

דאָס וויטערדיקע לערנען אין די ישי־בות האָט באַרייכערט זיין יידיש וויסן און אַנטוויקלט אין אים דעם חוש צו זיין אַ מבין דבר מתוך דבר — פאַרשטיין איין ענין פון אַ צווייטן, צו פאַרגלייכן און אויס־געפינען דעם ריכטיקן פשט, דעם אמתן נוסח, וואָס איז אים שפּעטער, נאָכן אָנ־זאַמלען אַלגעמיינעם וויסן, שטאַרק צונוצ־געקומען צו קענען צואייגענען זיך דעם אַזוי גערופענעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד און צוגאַנג צו דעם דאָזיקן גרויסן ווערק, וואָס איז ביז איצט ווי אַ פאַרשלאָסענער אוצר פאַרן יידישן לייענער.

מיר מעגן דאָ אָפּווייכן אויף אַ ווײַלע און דערמאָנען זיך אין וועלכער צייט די דאָזיקע צוגרייטונג איז פאָרגעקומען. אַ

צייט ווען די יסודות פון דער אַלטער וועלט האָבן זיך גענומען טרייסלען און באַזונדערס די הילצערנע הייזלעך מיט אַלע יידישע ווינטמילן פון מזרח־אייראָפּע. ס׳איז די צייט פון דער ערשטער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, דערנאָך די ערשטע וועלט־מלחמה און די גרויליקע רעזולטאַטן פון אַט דעם אַלעם. כ׳קען זיך דאָ נישט פאַרשפּרייטן וועגן דעם. איר קענט שוין אַליין זיך פאָרשטעלן ווי שווער ס׳איז געווען און וואָס פאַר אַ מדרש מען וואָלט פון דעם אַליין געקענט מאַכן.

לאָז איך דעריבער אַרויס די פּרטים, און מיר קומען צום יאָר 1922, ווען דונסקי קומט אָן קיין מאָנטרעאַל און עס הייבט זיך אָן די פּרשה: לערער דונסקי. דאָ האָט ער נאָך געטראָפן פּונקט ווי אַ צאָל אַנדערע וועלכע זיינען געקומען אַ ביסל פריער אָדער שפּעטער, די ערשטע פּיאָנערן פון יידישן שול־וועזן, וועלכע האָבן אויך מיט גרויס מי אויפגעשטעלט כמעט אַלע אַנדערע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען היינט דאָס שיינדל פון אונדזער קהילה־לעבן. מיט זיי האָט ער זיך פאַרבונדן און ווי איינער פון די הויפּט־לערער פון די יידישע פאָלקס־שולן, דערנאָך ווי וויצע־פּרינציפּאַל, באַאיינפלוסט מיט זיין וויסן און באַשיידענער איידל־מענטשלעכער באַנעמונג אונדזער גאַנצע סביבה, אָפּגערעדט שוין פון דער גרויסער צאָל תּלמידים פון וועלכע אַ היפּשער טייל איז געבליבן אין אונדזער סביבה און זיינען איצט זיינע פּערזענלעכע פריינד און חברים.

אין יענע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע ליטעראַרישע פּרוון, באַאַרבעטנדיק אַ גרויסע צאָל שפּילן און אינסצעניזאַציעס פאַר אונדזערע שול־אויפטריטן, וואָס זיינען אויך גענוצט געוואָרן אין די יידישע שולן אויסער מאָנטרעאַל און געשריבן אַ צאָל פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען ווי אויך פאַרטיפטע עסייען וועגן גייסטיק יידישער פּראָבלעמאַטיק אין וועלכע ער ברענגט אַרויס דעם היסטאָריש־יידישן צוזאַנג אויף אַ קלאָרן אופן פון וועלכע מיר האָבן אַ סך געלערנט. פון צייט צו צייט טוט ער עס נאָך היינט אויך און האַלט אויך און האַלט נאָך אָן זיין חוש פאַר אינסצעניזאַציע פון וואָס מיר געניסן דורך אויפפירונגען פון דער היגער טעאַטער־גרופּע.

איך קען זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אינעם שילדערן פאַר אייך די שוועריקייטן וואָס מ׳האָט געדאַרפט בייקומען. דאָס געהער איצט נישט צום ענין. כ׳וויל אָבער יאָ דערמאָנען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים און דאָס אויך זייער איינגעהאַלטן און מיט געציילטע ווערטער. ס׳איז געווען אינעם ערשטן זומער פון מיין אָנקומען אַהער, אין אַ גאַנץ הייסן אָוונט צווישן די בעז גלעד וואָס הויערן אויף צפון־מערב פון פלעטשערס פעלד. איין בערגל האָבן מיר גערופן דאָס שלום עליכם בערגל, אויף וועלכן די עלטערע תּלמידים פון שלום עליכם קלוב און לערער פון די פאָלקס־שולן האָבן פאַרבראַכט מיט געזאַנג, שפּיל און שמועסן וועגן ליטעראַטור; און דאָס צווייטע, נישט ווייט פון דאָרט, האָבן מיר גערופן דאָס יעקב דינעזאָן בערגל, ווו די תּלמידים פון יעקב דינעזאָן קלוב, פון די פּרץ שולן האָבן פאַרבראַכט מיט זייערע לערערס כמעט מיטן זעלבן פּראָגראַם. די געזאַנגען מיט די לידער האָבן זיך אָפט באַגעגנט אין דער לופט; די תּלמידים מיט די לערער — גאַנץ זעלטן, ווייל שפּאַצירן איז מען אַוועק אין אַנדערע ריכטונגען.

האָט זיך איין מאָל געמאַכט אַ פּלוצימדיקער זומער־רעגן און מ׳איז אַלע געלאָפן אין איין ריכטונג. איז ח׳ דונסקין מיט מיר אויסגעקומען איבערוואַרטן דעם רעגן אונטערן דעכל פון דער „אַרמאָרי“. אוודאי האָבן מיר זיך שוין געהאַט פריער געטראָפן, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר זיך באַקענט. וואָס מיר האָבן גערעדט געדענק איך נישט מער גענוי, נאָר דעם טעם פונעם שמועס שפּיר איך עד היום, ווייל גייענדיק אַהיים איז מיר זייער לינד געוואָרן אויפן געמיט און כ׳האָב זיך עפּעס דערפילט היימישער אין מאָנטרעאַל. איך געדענק עס ווי היינט אַז ס׳האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין געזונגען אין מיר אַ חסידיש ניגונדל: „כאָטש אַ ליטוואַק, דאָך אַ בעל לב.“

און פון דאַן אָן, עס זאָל זיך נישט טרעפן ווי עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז עס ווערט

אַביסל אומעטיקלעך אויפן האַרצן, און איך באַמי מיך צו שטאַרקן מיט אַרומקוקן זיך אויף אונדזער קיין עין הרע נישט בכבודיקער חבריא פון שרייבערס, לע־רערס, טוערס און וואָס זיי טוען איצט פאַר דעם ביסל האָב און גוטס אונדזערן יעדער אויף זיין אופן, ווערט מיר טאַקע לייכטער אויפן האַרצן. און טאָפל לייכטער ווערט מיר, ווען כ׳דערזע פאַר זיך דאָס שטילע צימערל פון ח׳ דונסקי — אַ גאַנץ יאָר אין שטאָט און אין די זומערן אויפן אויבער־גאָרן אין סט. אַגאַט, אַנגעפּראָפּט מיט אָפענע פאַליאַנטן מדרשים אויסגאַ־בעס און פאַרשיידענע הילפס־ביכער אין וועלכע ער איז פאַרטאָן שוין היפשע צענ־דליקער יאָרן צו געפינען דעם ריכטיקן טייטש און נוסח און אַרויסציען דעם פאָלקסטימלעכן אויסדרוק פון דער אַרכאַ־אישקייט און עס אַוועקשטעלן אַזוי קלאָר, אַז מ׳זאָל אי פאַרשטיין אי הנאה האָבן פון דער באַנייטער פרישקייט און צוגעפּאַסט־קייט זיינער.

ס׳איז מער ווי סתם אַן איבערזעצונג. ס׳איז קודם כל אַן אויסגלייכן פון נישט קלאָרע טעקסטן פונעם העברעיש־אַראַ־מיאישן אָריגינאַל מיט אַ פולער פונקטור־אַציע. ס׳איז אַן איבערגיסן. כ׳וואָלט גע־זאָגט — אַ שפּראַלעך־איבערשאַפן די מדרשים אויף אַ היימיש פאָלקסטימלעכן לשון, וואָס באַרייכערט אין איין וועגס אונדזער לעקסיק און פּרעציזן אויסדרוק. ס׳איז דערביי אויך אַ פּירוש אי דורך קורצע צוגאָבן וואָס מאַכן קלאָרער דעם טעקסט, אי דורך גרעסערע אויפקלערונ־גען אין וועלכע ער ווייזט אַרויס גרויס בקיאות און איז שטאַרק אָפּגעהיט צו דער־מאָנען פון וואַנען ס׳איז גענומען און פאַר־וואָס עס דאַרף אַזוי געטייטשט ווערן.

פון גאָר אַ באַזונדערן ווערט זיינען די אַריינפירן צו יעדן פון די פינף מגילות אין וועלכע ער ווייזט אַרויס אַ טיפע פאַר־שטענדעניש און ערודיציע צוזאַמען מיט אמתער פאַרליבטקייט אין דעם אַלטן אוצר וואָס ער פרישט אָפּ כדי צו קענען אים דערזען אין דער היסטאָרישער פּערספּעק־טיוו מיט היינטיקע אויגן.

איבער צוויי צענדליק יאָר האָט גע־דויערט די אַרבעט און דאָס אַרויסגעבן דעם מדרש אויף די פינף מגילות. דאָס ערשטע ספר „איכה" איז אַרויס אין 1956. „אסתר" און „רות" — אין 1962; „קוהלת" — אין 1967, און אחרון אחרון — דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, „שיר השירים" — הייאַנטיקס יאָר. אַלע ספרים זיינען געליבט געוואָרן פון לייענער און פאָרשער. אַלע האָבן געקראָגן ספּעציעלע פּריזן, וואָס פאַרגיטיקן אַביסל דעם מחבר פאַר זיין שווערער מי. די גרעסטע פאַר־גיטיקונג אָבער איז וואָס מיר קענען היינט מאַכן אַ ברכת הסיום אויף שיר השירים, וואָס שליסט אָפּ דעם ציקל.

ווען מיר פלעגן גיין אין חדר פאַר פסח צייט צו לערנען שיר השירים, פלעגט דער רבי עס אָנפאַנגען אַזוי: שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען. אַלע געזאַנגען זיינען קודש, דאָס געזאַנג איז קודש קדשים, אַלע געזאַנגען האָט גע־זאָגט אַ חכם, דאָס געזאַנג האָט געזאָגט אַ חכם בן חכם, אַ נביא בן נביא, אַ צדיק בן צדיק, אַ מלך בן מלך. דאָס געזאַנג איז געזאָגט געוואָרן פונעם חכם מכל אָדם, שלמה המלך. אַלע געזאַנגען זיינען גע־זאָגט געוואָרן נאָר צו יידן, דאָס געזאַנג איז געזאָגט געוואָרן פון דער כנסת ישראל מיטן רבונו של עולם אַליין. זאָגט די כנסת ישראל צום רבש״ע: ישקני, זאָל ער מיך טאָן קושן, מנשיקות פיהו, מיט די קושן פון זיין הייליק מויל.

אונדזער היינטיקער יום־טובדיקער צו־נויפקום איז אַ באַצייכענונג פון עטלעכע לכבודס, וואָס צוליב יעדן איינעם פון זיי איז כדאי צו פּראַווען אַ שמחה און זיי זיינען אַלע פאַרבונדן מיט איין מענטש און זיין שאַפערישן כוח. איז עס טאַקע אין זיין זכות, אַז די אַלע לכבודס זאָלן אים צוגעטראָגן ווערן ווי איינס מיט דאַנק און צוזאַמען מיטן טראַדיציאָנעלן צוזינג: „אַשריך, וויל צו דיר, והדרך עלינו, און דיין שיינקייט זאָל אויך רוען אויף אונדז, חבר שמשון דונסקי, וואָס איר האָט זוכה געווען אַריינצוטראָגן אינעם היכל יידיש דעם אוצר פון מדרש חמש מגילות. אַ ליב־וואָרט און אַ ברכה אייך צו דער יובל דאַטע פון 50 יאָר וווינען אין דער עיר ואם בישראל, מאָנטרעאַל, און טראָגן מיט כבוד דעם היימישן און פיל זאַגנדיקן

נאָמען: „לערער דובסקי." נישט נאָר אייערע תלמידים, יוגנטלעכע און עלטערע,ריידן אַרויס דעם נאָמען מיט גרויס דרך ארץ און וואַרעמקייט, נאָר אויך אייערע חכרים לדעה און אפילו אַ צאָל פון די וואָס זיינען מיט אייך נישט מסכים און דינגען זיך דאָ און דאָרט וועגן אַ געדאַנק, אַ טייטש און אַן אויסדרוק, זוייסן ווי וויל מיר האָבן אַלע גענאָסן און געלערנט פון אייער וויסן און אַוודאי פון אייער איידלקייט און מענטשלעכער באַשיידנקייט.

מיר פרייען זיך צוזאַמען מיט אייך און אייער אסתרן, וואָס איז אַלע מאָל געווען אייער אמתע עזר, וואָס מיט אייער מדרש־אַרבעט ווערט אייער נאָמען אַריינגעשטעלט אין דער שורה פון די תלמידי חכמים, וואָס האָבן אויסגעמייסטערט די שליסלען אויף צו עפענען די אוצרות פון יידישן לערנען און טראַכטן.

זאָל מיר אויך דערלויבט זיין צו דערמאָנען נאָך אַ לכבוד צו די יחידי סגולה פון אונדזער שטאָט. ס'איז ווערט אַרויסצוהייבן דאָס וואָס אין אונדזער שטאָט איז אויך מיט אַ סך יאָרן צוריק איבערגעזעצט געוואָרן אויף לשון קודש דער ספר הזוהר דורך דעם למדן מופלג און מקובל, הרב ר' יודל ראָזענבערג ז"ל, און דער פּוילישער עילוי ר' שמחה פּעטרושקע ז"ל, האָט דאָ אויסגעמייסטערט דעם יידיש נוסח פון דער משנה מיט אַ קלאָרן פּירוש. אַזוי אַז די קלאַסישע ווערק פון דער יידישער מיסטיק, הלכה און די פינף טיילן פון דער אגדה זיינען דאָ איבערגעשאַפן געוואָרן.

אויף געווויסע זאַכן וואָס געשעען אין אַן אָרט און מיר ווייסן נישט דעם באַהאַלטענעם טעם דערפון, ווערט געזאָגט אין מדרש: המקום גורס. — און ס'איז באַקאַנט אַז המקום אין דעם קאָנטעקסט האָט צוויי טייטשן. דער קאָנקרעטער פּראָסטער טייטש: המקום, דאָס אָרט, אַ פּאַסיק אָרט; דער העכערער טייטש אָבער איז: המקום, דאָס אָרט פון דער וועלט, דער אויבערשטער. מעגן מיר דאָ אויסדריקן לויב לויט ביידע טייטשן: אַ לויב צום אָרט מאָנטרעאָל, וואָס נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן מיט וועלכע אַלע אונדזערע שאַפערישע מענטשן זיינען דאָ געפּרווט געוואָרן ביים טוען זייער אַרבעט, און נאָך מער ביים געפינען די מיטלען, וואָס איז אַ מדרש פאַר זיך — איז עס פּאָרט דאָ אין רוב געשאַפן געוואָרן.

און אַ לויב דעם אויבערשטן פאַר קענען היינט אַרויסברענגען די לכבודס צום בעל יובל און אַ דאַנק צו אַלע די יחידים און קערפּערשאַפטן וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום דעם. און אחרון אחרון, אַ האַרציקער ווונטש און ברכה אויף לאַנגע יאָרן מיט געזונט און הרחבת הדעת צו קענען ווייטער טאָן מלאכת הקודש מתוך שלום ושלווה, צוזאַמען מיט דער משפחה און אַלע פריינד. אָמן.


למדינת ישראל, למנהיגיה ויושביה
עזי הרוח, העומדים נכונים להגן על
בית חיינו בין בים ובין ביבשה —
ולכל ידידינו בכל מקום שהם —

**שנה טובה ומוצלחת.**

**זאב ורבקה סאליס**

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street

Los Angeles, Calif. 90021

Tel. 624-9378

לילי בערגער / פּאַריז

# אַרנאָלד מאַנדעל — דער יידיש־פראַנצויזישער שרייבער

אין פראַנקרייך לעבן און שאַפן היינט־צו־טאָג אַ היפּשע צאָל יידיש־פראַנצויזישע שרייבערס. די געוויינטלעכע באַצייכענונג יידיש־פראַנצויזישע איז אפשר נישט קיין געלונגענע, זי איז מסוגל אַריינצופירן אין אַ טעות. אויב איך באַנוץ זיך מיט אַזאַ דעפיניציע איז דאָס דערפאַר, ווייל איך האָב קיין בעסערע, מער אַדעקוואַטע נישט געפונען. יידיש־פראַנצויזישע קאָן מיינען אויך אַלע די, וואָס זיינען פון יידישער אָפּשטאַמונג און שרייבן אין פראַנצויזיש. אָט לאָמיר נעמען די שרייבערין העלען פּאַרמעלען: זי איז געבוירן ביי יידישע עלטערן. וואָס בינדט זי אָבער מיטן יידישן שטאַם?

אויך די פאַרשטאָרבענע מיט עטלעכע יאָר צוריק באַקאַנטע ראָמאַניסטין, עלזאַ טריאָלע, איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, אין רוסלאַנד, ווי העלען פּאַרמעלען, אָבער איר יידישע אָפּשטאַמונג איז נישט געווען קענטיק נישט אין איר שרייבן און נישט אין אַ וועלכן נישט אַנדערן אופן, הגם ווי מיר איז באַקאַנט, האָט עלזאַ טריאָלע שטילערהייט געוויי־טיקט איבערן נייעם אַנטיסעמיטיזם אין איר לאַנד.

ווען עס רעדט זיך איצט וועגן יידיש־פראַנצויזישע שרייבערס, מיינט דאָס — יעדנפאַלס אין איצטיקן פאַל — אַזעלכע ביי וועלכע זייער שאַפונג איז נישט טייל־ווייז געבונדן מיטן יידישן סוזשעט.

וואָס אַן אמת לאָזט זיך מאַכן אַ באַוואָרעניש אויך, ווען עס האַנדלט זיך בלויז אין יידישן סוזשעט. ראָזשע איקאָרס באַקאַנטער ראָמאַן „געמישטע וואַסערן" (אָ מעלע) פאַרמאָגט אַ דורכויסיקע יידישע טעמאַטיק. דאָס איז אַ ברייטער פרעסק פון שווערן יידישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד פון סוף פאַרגאַנגענעם און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט, וועגן די יידישע אימיגראַנטן אין פראַנקרייך, אַנטלאָפענע פון צאַרישע רדיפות און פּאָגראָמען; וועגן זייער ווייטערדיקן גורל אויף דער פראַנצויזישער ערד, אויף וועלכער די איבערפלאַנצונג איז גאָר נישט געווען קיין לייכטע. מיט איין וואָרט — אַ פאַרצוויי־געטע יידישע טעמע. ראָזשע איקאָר, מחבר פון אַ גרויס ווערק מיט אַ יידישן אינהאַלט, האָט אָבער מיט אַ צייט צוריק געהאַלטן פאַר נייטיק עפנטלעך צו דערקלערן, אַז „מיין יידישער באַוווסטזיין איז נול."

לאָמיר אָננעמען, אַז ראָזשע איקאָר — הגם ער איז אַ פשיטא נישט קיין אויסנאַם — איז אַ ספּעציעלע דערשיינונג, און לאָמיר באַטראַכטן דעם ענין פון אַ ברייטערן קוקווינקל.

בדרך כלל געשעט עס ביי יידיש אָפּשטאַמיקע שרייבערס אַזוי, אַז אָדער די אָפּשטאַמונג איז אַ ריינער צופאַל, אָדער די פרעמדע שפּראַך איז אַ צופעליקע זאַך. אַ סברה, אַז אַזוי איז דאָס געווען אין אַלע צייטן און אין אַלע מקומות. געווען שטענדיק און פאַראַן היינט שרייבערס פאַר וועלכע דער פאַקט וואָס זיי שטאַמען פון יידן רירט זיי נישט אָן און גייט זיי נישט אָן. פון צייט צו צייט, קודם בעת גרויסע יידישע אומגליקן, וואָס טרעפן זיי אויך, רופט זיך אָפּ דאָס דערשטיקטע פינטעלע ייד. געווען און פאַראַן, דאַקעגן, שרייבערס ביי וועלכע די נישט־יידישע פרעמדע שפּראַך איז אַ צופאַל, ווייל זיי זיינען דערצויגן געוואָרן און געלעבט אין אַ פרעמד־שפּראַכיקער סביבה, אָבער זיי האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז זיי זיינען יידן, וואָס דריקט זיך אויס אין פאַרשיידענע אופנים אויך אין זייער שרייבן.

די גרויסע צאָל און די געבונדקייט פון אַ סך צווישן זיי מיטן יידישן מקור און מיט ישראל האָט צומאָל גורם געווען, אַז די יידישע וואָכנשריפט אין פראַנצויזיש „יידישע טריבונע" זאָל דורכפירן מיט אַ צייט צוריק אַן אַנקעטע אונטערן טיטל: „צי עס עקזיסטירט אַ יידישע ליטעראַטור

אין פראַנקרייך?״ וואָס האָט געמיינט, צי עס עקזיסטירט אַ יידישע ליטעראַטור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אָדער לכל הפחות אַ געוויסע גרופּירונג מיט אַן אייגענעם יידישן פּנים, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווי באַקאַנט איז אין אַמעריקע אין דער ליטעראַטור פאַראַן אַ צאָל שרייבערס יידן, וואָס האָבן זיך צוגעאייגנט די יידישע טעמאַטיק. צי באַטייט עס אָבער, אַז זיי שאַפן יידישע ליטעראַטור? אַ גרויסער ספק. אַ ספק אויך צי זיי בילדן, לויט אַ געוויסער מיינונג, אַן „אַמעריקאַנער יידישע שול״ אין דער דאָרטיקער ליטעראַטור. נאָך ווייניקער קאָן מען וועגן אַזאַ דערשיינונג רידן אין פראַנקרייך. אויף דער אַנקעטע פון דער „יידישע טריבונע״ האָבן געענטפערט צום גרעסטן טייל שרייבערס אָפּשטאַמיקע פון די צפון אַפריקאַנער לענדער, וואָס אָטעמען צומיינסטן מיט נאַציאָנאַלער טראַדיציע. און מערקווירדיק: דווקא זיי זעען נישט, נישט דעם באָדן און נישט די די בינד־פעדעם, וואָס זאָלן אויסשפּינען אַן אייגענע ליטעראַטור, אָדער אפילו אַ געוויסע שיטה.

אויב אָבער מ׳קאָן נישט רידן וועגן וועלכער ס׳זאָל נישט זיין יידישער ליטעראַטור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, זיינען אָן שום ספק פאַראַן אמתע יידישע שרייבערס אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. מרים אַניסימאָוו, די מחברין פון „ווי האַלט עס מיט ראַשעלן?״ האָט וועגן דעם ענין אַזוי געזאָגט: „איך באַטראַכט זיך קודם כל פאַר אַ יידישער שרייבערין. אַלץ וואָס כ׳האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ערשטן בוך און וואָס איך וויל איבערגעבן אין מיין צווייטן בוך האָט פאַר אַ ציל אָפּצוגעפינען מיין יידישע אידענטיטעט. איך זוך צו פאַרשטיין ווי אַזוי די טראַגישע געשעענישן פון יידישן אומקום, וואָס איך האָב נישט איבערגעלעבט, האָבן אויספאָרמירט מיין אינדיווידואַליטעט ווי אַ יידישקע..״

ווי מיר זען, גייט דאָ נישט בלויז אין יידישער טעמאַטיק. דער פרווושטיין איז די יידישע שפּירונג, דער יידישער באַוווסטזיין און די געבונדקייט מיט יידישער גורלדיקייט, אָדער ווי עדמאָן זשאַבעס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער יידישער שרייבער דאַרף „וואַכזאָם זיין צום יידישן גורל.״

אַזאַ שרייבער איז אַרנאָלד מאַנדעל. וועגן אים קאָן מען אָן שום וואַקלעניש זאָגן, אַז ער איז אַ יידישער שרייבער, טראָץ דעם וואָס ער שרייבט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. נאָך מער: בעת מען לייענט מאַנדעלס ביכער באַקומט זיך דער איינדרוק — יעדנפאַלס ביי מיר — אַז די פראַנצויזישע שפּראַך איז בלויז דער לבוש, אַ גאָר עלעגאַנטער רייכער לבוש, אָבער פאָרט בלויז לבוש; דאַקעגן דער גוף און נשמה, דער תמצית און מהות פון זיין שרייבן איז דורכויס יידיש.

ער איז געבוירן געוואָרן אין שטראַסבורג אין אַ טראַדיציאָנעלער יידישער היים. ביז 10 יאָר האָט ער געלערנט אין אַ ראַבינער־סעמינאַר אין דייטשלאַנד, דערנאָך שטודירט אויף דער פאַריזער סאָרבאָנע. אין צווישנצייט האָט ער פאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס, ווי עס געשעט, ווען אַ יונגער יידישער בחור פאַרלאָזט די היים און הייבט אָן צו גיין אויפן שטיינערנעם וועג צו ווערן אַ שרייבער. איינע פון זיינע צופעליקע פּרנסות איז געווען לערנען מיט אידישע אימיגראַנטן פון בעלוויל פראַנצויזיש. און מאַנדעל האָט מיר דערציילט וואָס פאַר אַ אומדאַנקבאַרע אַרבעט דאָס איז געווען.

* * * * *

אַרנאָלד מאַנדעל איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער שריפטשטעלער. ער האָט אָנגעהויבן פון זשורנאַליסטיק, פון פּאָעמעס אין פּראָזע. ער שרייבט ליטעראַטור־קריטיק, פילאָסאָפישע און היסטאָרישע עסייאיסטיק. ער איז אַ ראָמאַנען־שרייבער און איבערזעצער; האָט צווישן אַנדערע ווערק איבערגעזעצט אויך מענדעלען. און ער איז אַ שרייבער מיט אַ ברייטן יידישן וויסן. איינע פון זיינע עסייאיסטישע אַרבעטן טראָגט דעם טיטל: „דער וועג פון חסידיזם״. אגב איז מאַנדעל אַ באַזינגער פון חסידיזם, פון זיין לויטערן קוואַל. גרייכן צו די קוואַלן, דערגראָבן זיך צו די וואָרצלען — איז די סאַמע טיפישע פון מאַנדעלס שרייבערישע שטריכן. פון דריי אַרבעטן, וואָס ער האָט

איצט אויף זיין שרייבער־וואַרשטאַט, איז איינע, ווי איך האָב זיך דערוווסט פון אים, אַ יידיש־פילאָסאָפישע.

דאָ נישט לאַנג איז דערשינען זיין פערטער ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם טיטל: „די בתולה מיט פאַרבונדענע אויגן“, אַ ראָמאַן אין וועלכן ס׳איז דורכגעלויכטן אי די שרייבערישע פערזענלעכקייט פון מחבר, אי זיין יידישער אני מאמין. אָנהייבן דאַרף מען אָבער פון אַ פריערדיקן ראָמאַן, „די אַרומרייזע“, וואָס איז דערשינען אין 1972. די לעצטע צוויי ביכער זיינען ווי צווילינג־ברידער, הן לויט זייער אינהאַלט און וועלטבאַנעם. הגם יעדער בוך איז אַ ווערק פאַר זיך, ציט דאָס צווייטע דעם ווייטערדיקן פאָדעם פון ערשטן. זיי דערגאַנצן זיך. ביידע אַנטהאַלטן אויך ביאָגראַפישע עלעמענטן, שטאַרק טראַנספּאָנירטע, ווי דער מחבר האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט. אָבער דאָך קלינגען זיי אָפט מאָל ווי אַ קוריקולום וויטע, בפרט ווען מען פילט בחוש די אויטענטישקייט פון זכרונות.

אונטער די טיטלען פון ביידע ביכער איז אונטערגעשריבן: ראָמאַן. דאָס ווערט אונטערגעשטראָכן צוליב דעם, ווייל, וואָלט דאָס וואָרט ראָמאַן נישט געווען, וואָלט מען די ביכער געקאָנט באַטראַכטן אויך ווי שאַפונגען פון אַן אַנדערן ליטעראַרישן זשאַנער. און נישט איין יידישער קריטיקער וואָלט אפשר געשטעלט דעם אונטערטיטל אונטער אַ פרעג־צייכן. נישטאָ אין ביידע ביכער קיין דורכויס פרעציזע פאַבולע מיט גענוי געצייכנטע פערסאָנאַזשן, מיט געשעענישן, וואָס פאָלגן זיך נאָך. די איינציקע פרעציז־געצייכנטע געשטאַלט איז דער נאַראַטאָר, אין ביידע ביכער דער זעלבער, זשאַק לאַנדאַו, אי אַ פּיטאַרעסקער פאַרשוין, אי אַ טיף־דענקענדיקער מענטש, אַ באַוואָפנטער מיט וויסן. אַלע אַנדערע, פילצאָליקע פערסאָנאַזשן זיינען עפּיזאָדישע — מענטשן מיט וועלכע דער נאַראַטאָר באַגעגנט זיך בעת זיינע וואַנדערונגען, געשטאַלטן, וואָס שלייכן זיך דאָ און דאָרט דורך די געשעענישן. און ער, זשאַק לאַנדאַו דערציילט, פאַרנאָטירט די געשעענישן, די פּאַסירונגען.

אפילו מיט די דיאַלאָגן באַקומט זיך אין יעדן בוך גיכער רעלאַציע, ווי האַנדלונג. צייטנווייז איז די רעלאַציע, די שילדערונג רעפּאָרטאַזשמעסיק, טיילווייז איז דאָס פאַרבנרייכע כראָניק, און ער, דער הויפּטהעלד, דורך וועלכן עס רעדט דער מחבר, דערשיינט אָפט מאָל ווי אַ געניטער, מאָדערנער כראָניקער. פאַרצייכענענדיק די געשעענישן, פירט ער גלייכצייטיק אַ דיאַלאָג מיט דער וועלט, מיט זיין פאָלק, מיט זיך גופא.

מיינט דאָס צו זאָגן, אַז מען קאָן ספקן צי אַזאַ בוך איז אַ ראָמאַן? חס וחלילה! אַרום היינטצייטיקן ראָמאַן האָט מען שוין אַ סך טינט פאַרנוצט. ס׳איז צומאָל מיט יאָרן צוריק געווען אַ מיינונג, סיי מצד קריטיקערס, סיי מצד שרייבערס, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור איז נישט מסוגל אַרויסצוגעבן אַן עכטן ראָמאַן. אַן עכטער ראָמאַן, זעט אויס, באַטייט ביי אַזעלכע האַרבע שופטים, בלויז אַ קאָנווענציאָנעלער, קלאַסישער ראָמאַן. פונקט אָבער ווי דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט, אַזוי אויך די ליטעראַטור.

מיר איז בעת אַ שמועס מיט אַרנאָלד מאַנדעלן, אויסגעקומען צו באַרירן דעם דאָזיקן ענין אין דער יידישער ליטעראַטור. לויט אים, מאַנדעלן, זיינען יידישע שרייבערס דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער ליטעראַטור און דער דייטשער, און די טראַדיציע איז פאַרבליבן. אפשר איז דאָס ריכטיק. אָרער מעגלעך אויך, אַז אין דער יידישער ליטעראַרישער סביבה איז מען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן מיטן פאַרזיכערן דעם קיום פון דער ליטעראַטור, מען איז אַזוי איינגעשפּאַנט אין די ראַנגלענישן פאַר איר אויפהאַלט, אַז עס בלייבט נישט קיין צייט און כוח צו פאַרנעמען זיך מיט אינערלעכע, מיט עצם ענינים, און דערווייל בלייבט מען ביי דער זייט פון די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן אומעטום אין דער ליטעראַטור. און אפשר האָבן אויך די גרויסע קאַטאַסטראָפע און די שפּעטערדיקע חורבנות אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער געשאַפן ביי אונדז אַ ווילן אָנצוהאַלטן זיך אין אַמאָליקע פאָרמען.

* * * * *

דער ראָמאַן „אַרומריזע" שטעלט פֿאַר מיט זיך לאַנגע וואַנדערונגען און וואָגלענישן פֿון זשאַק לאַנדאַו. אַן אינערלעכער, מיסטעריעזער כּוח שטויסט אים צו וואַנדערן איבער דער וועלט. זאָל מען אָננעמען, אַז עפּעס אַ מיסטישער צייכן אין אַ חלום האָט גורם געווען ער זאָל אונטערנעמען אַ לאַנגע נסיעה. דאָס בוך הייבט זיך טאַקע אָן מיט אַ חלום.

דער ראָמאַן „אַרומריזע" שטעלט פֿאַר מיט זיך לאַנגע וואַנדערונגען און וואָגלענישן פֿון זשאַק לאַנדאַו. אַן אינערלעכער, מיסטעריעזער כּוח שטויסט אים צו וואַנדערן איבער דער וועלט; זאָל מען אָננעמען אַז עפּעס אַ מיסטעריעזער צייכן אין אַ חלום האָט גורם געווען ער זאָל אוטערנעמען אַ לאַנגע נסיעה. דאָס בוך הייבט זיך טאַקע אָן מיט אַ חלום.

מיר ווערן איבערגעטראָגן אין די זעכציקער יאָרן, ווען דער אומרואיקער העלד וואָגלט איבער דײַטשלאַנד. גלײַכצײַטיק באַקענען מיר זיך דורך קאַרגע נאָטיצן מיט זײַן פֿריער יוגנט. צו 16 יאָר האָט מען אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון ראַבינער־סעמינאַר אין פֿראַנקפֿורט. ער קערט זיך אום אין זײַן היימלאַנד, פּרוווט זיך אָנצוכאַפּן אין אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט. ווי אַ סך ייִדישע יוגנטלעכע ווערט ער באַגײַסטערט פֿון קאָמוניסטישן געדאַנק. דער ייִדישער אומרו, דאָס געפֿיל נאָך יושר, גיסן זיך צונויף אין אים צונויף אינעם באַגער צו ענדערן די וועלט, צו „מאַכן די רעוואָלוציע", ווו עס לאָזט זיך נאָר. ער איז צומאָל גרייט צו פֿאָרן קיין בוענאָס אײַרעס. וואָס וועט ער דאָרט טאָן? ווי אַזוי וועט ער דאָרט לעבן? „אין אָוונט וועל איך מאַכן די וועלט־רעוואָלוציע, אין דער פֿרי און נאָך מיטאָג וועל איך פֿלעכטן בענקלעך." די דאָזיקע ווערטער, אין וועלכע דער נאַראַטאָר לייגט אַרײַן נישט ווייניק הומאָר, דערמאָנען אַזוי בולט דעם גורל פֿון אַ גאַנצן דור ייִדישע יוגנט.

קיין בוענאָס אײַרעס איז דער 16-יאָריקער זשאַק נישט געפֿאָרן. פֿונעם געדאַנק צו מאַכן די וועלט־רעוואָלוציע האָט ער שפּעטער אויך רעזיגנירט. דאַקעגן איז ער פֿאַרבליבן פֿאַרעקשנט בײַם באַגער צו ווערן אַ שרײַבער, כאָטש אַ געטרײַע מומע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף משוגע זײַן אויסצוקלײַבן אַזאַ פּראָפֿעסיע.

און דער שרײַבער איז אַ וואָגלער. דורך זײַנע וואָגלענישן, זײַנע באַגעגענישן, פֿאַרשיידענע טרעפֿונגען, טויכן אויף פֿאַרן לייענער געשעענישן, ייִדישע דראַמעס און איבערלעבענישן פֿונעם נאַראַטאָר גופֿא. אָט באַגעגנט ער אין מזרח־בערלין דאָס ייִדישע מיידל מאַרגאָ. זי איז אַ קאָמוניסטקע אָבער טרוימט וועגן ירושלים; זי וויל פֿאַראייניקן דעם סאָציאַליזם מיט ייִדישקייט, וואָס דער נאַראַטאָר האַלט פֿאַר נישט מעגלעך, צוליבן נײַעם לינקיזם, צוליב... צוליב דעם, ווײַל ס'איז צו שפּעט... זאָל דאָס זײַן אַ צייכן פֿון אונדזער צעטרייסלטער צײַט פֿון ייִדישער צעריסנקייט?

און ווי משונהדיק עס פֿאַרפּלאָנטערן זיך מענטשלעכע גורלות. אָפּגעראַטעוועטע ייִדן פֿון די קרעמאַטאָריעס „מאַכן אַ לעבן" אין מערבֿ־דײַטשלאַנד; אַמאָליקע קרבנות ווערן העלדן פֿון דער „אונטערוועלט". און אינעם פֿאַרנעפּלטן הײַנט שוועבט דורך ווי אַ שאָטן פֿון נעכטן אַ מיסטעריעזער פֿאַרשוין, אַן אָפּגעראַטעוועטער פֿון טרעבלינקע, אַ גאַליציאַנער ייִד מיטן נאָמען פֿינקלשטיין, וועלכן מען רופֿט — צוליב זײַן ענלעכקייט צו כרושטשאָוו — מיטן נאָמען פֿון סאָוועטישן הערשער. און ער, פֿינקלשטיין־כרושטשאָוו זוכט אויף דער דײַטשער ערד אַ נײַעם גאָט, אָדער די סיבה פֿאַרוואָס דער ייִדישער גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פֿון זײַן פֿאָלק. ער שרײַבט אַ בוך אונטערן טיטל: „גאָטס געשטאַלט נאָך טרעבלינקע." דאָס בוך האָט ער נישט פֿאַרענדיקט, דער טויט איז אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג.

ווי דורך אַ פֿילם־לענטע לויפֿט פֿאַרבײַ דורך די נישט קאָאָרדינירטע, נישט כראָנאָלאָגישע רעלאַציעס, בילדער, געצייכנטע מיט קאַרגע, אָבער שאַרפֿע שטריכן. און צווישן הײַנטיקע פּאַסירונגען דערגייען אָנקלאַנגען פֿון אַמאָל, היסטאָרישע רעמיניסצענצן, דערמאָנונגען פֿון גאַנצן עבֿר: 1941 אין טולוז; 1944, די רעזיסטאַנץ, אין וועלכער אַרנאָלד מאַנדעל האָט אָנטייל גענומען. און פּלוצלונג אַ דערמאָנונג פֿון אַן אַנדער מין: אין דעם אָט אָרט

האָט זשאַק לאַנדאָו פאַרבראַכט אַ נאַכט מיט מאַרי, ווען ער איז נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּאַריז, אָדער גאָר, ווי פאַרבייגייענדיק, אַ מעשה מיט צוויי לעז־ביאַנקעס מיט וועלכע אונדזער העלד שלאָפט זיך איבער אין איין בעט.

עראָטישע מאָמענטן באַגלייטן כמעט אַלע פּאַסירונגען בעת די וואַנדערונגען. אָט לאָזט זיך זשאַק לאַנדאָו קיין צפון־אַפריקע צו האַלטן רעפעראַטן אין די יידישע געמיינדעס. אַ צופאַל האָט גע־וואָלט ער זאָל פּונקט פאַרן לאָזן זיך אין וועג באַגעגענען אַ נאָרוועגיש מיידל. זי ווערט זיין באַגלייטערין. זי וויל העלפן די אַלזשירער קעמפן פאַר זייער באַפריי־אונג. קודם כל ווערט זי אָבער זשאַקס געליבטע און די ליבע־סצענעס זיינען אַלע מאָל פאַרנאָטירט מיט פּרטים.

אָבער דאָס זיינען בלויז אַקצעסאַריעס צו דער אַרענע פון געשעעניש. און די אַרענע איז אַ ברייטע. מיר באַקענען זיך מיט לענדער און מענטשן, מיט זייער טראַכטן און פילן און זייערע האַנדלונגען, מיט אויפטרייסלונגען דאָ און דאָרט אין יידישן לעבן. פאַר אונדז דערשיינט די צעטומלונג פון דער יידישער ערד, אין אַלזשיר בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה און דאָזיקן לאַנד. און אַלע געשעענישן און סיטואַציעס זיינען כסדר דורכגעפלאָכטן מיט היסטאָרישע און פילאָזאָפישע באַ־טראַכטונגען, מיט רעפלעקסיעס וועגן יידישער גורלדיקייט, מיט בליץ־געדאַנקען וועגן שרייבערס, קינסטלערס און דער עיקר — מיט באַהויפּטונגען וועגן דער נייטיקייט זיך אומצוקערן צום יידישן אור־שורש. אַ שלל מיט פּראָבלעמען און אויף איינעם ווילט זיך אָפּשטעלן.

זשאַק לאַנדאָו האָט בעת זיין נסיעה, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן עולה זיין קיין ישראל, פאַרוואַנדערט קיין רוים. אָנ־געקומען אַהין איז ער ראש השנה און געלאָזט זיך אין געטאָ, דערנאָך אין דער גרויסער שול. און ביי דער געלעגנהייט מאַכט ער אַזאַ אויספיר: „... די אינטעג־ראַציע פון יידן אין דער קולטור און ציוויליזאַציע פון די קריסטלעכע מערב־לענדער איז געווען אַן אומגליק... דאָס פאַלן פון די געטאָ־מויערן און דאָס עפע־נען די טירן פון די געטאָס איז נישט גע־ווען קיין באַפרייאונג, נאָר אַן אַקט פון דעזאָריענטאַציע. די אַלטע מאַגרעבער רבנים האָבן זיך נישט טועה געווען, ווען זיי האָבן אין 1870, בעתן פּראָקלאַמירן דעם קרעמיע־דעקרעט, וואָס האָט געגעבן די „אַרטיקע איזראַעליטן" די פראַנצויזי־שע בירגערשאַפט, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין אייראָפּעער, אַוועקנעמענדיק אַזוי אַרום פון זיי זייער פּערזענלעכקייט, מאַכנ־דיק זיי באַנאַל, האָבן באַשטימט אַ תענית פון טרויער..."

און ווייטער, ווען זשאַק לאַנדאָו, דורך וועמענס מויל עס רעדט דער מחבר, גיט איבער די אַטמאָספער פון הייליקן טאָג פון דער שול, שרייבט ער אונטער, אַז ס'איז אַ שול פון אַ געטאָ, „וואָס איז צום גליק פאַרבליבן."

ס'איז אַזוי געשען, אַז דאָס בוך האָב איך מיטגענומען צו לייענען אין וועג, ווען איך בין דאָ נישט לאַנג געפאָרן קיין רוים. איך בין געווען אין דער גרויסער, שיינער שול, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין 1890 אין דער שיינער געגנט נאָענט צום ברעג טיבער און דאָס דווקא אַ ביסל אָפּ־געזונדערט פונעם געטאָ. געווען בין איך אויך אין געטאָ, געשפּאַנט פון געסל צו געסל, געטראָטן איבערן שטיינערנעם געטאָ־באָדן, אַ באַדעקטן דאָ און דאָרט מיט אָפּפאַלעכץ, אומריינקייטן. כ'האָב „אַריינגעשמעקט" אומעטום אין די שמאָ־לינקע געסלעך, אין די הייזער, אויסגע־קרומטע, צעבראָסטעטע, אין די פינצטערע אַריינגאַנג, ווו אין מיטן העלן טאָג ברענט אַ לעמפּל, ווייל אָן דעם קאַרגן לעמפּל־ליכט קאָן מען ברעכן האַלדז און נאַקן. כ'האָב געזען די איינוווינערס; נישט מיט קיין סך האָב איך זיך געקענט צונויפ־רעדן, ווייל גאָר אַ גרויסער טייל איז גע־קומען פון די אַממיינסטן אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער. פון זייערע פּנימער, פון זייערע אָפּגעריסענע ווערטער, זייערע טואונגען, האָב איך נישט געדרונגען אַז זיי זאָלן זיין גליקלעך אין דעם געטאָ, „וואָס איז צום גליק פאַרבליבן."

יאָ, איך ווייס, אַז דעם מחבר גייט אין קאָנען איינהאַלטן יידישקייט, אין קאָנען לעבן מיט אַ פולן יידישן לעבן. דער געטאָ

האָט אַמאָל מיט אַלע זיינע פּלאָגן און דערנידערונגען צוגעהאָלפן איינצוהיטן דאָס אייגענע יידישע פּנים. די אַסימילאַציע פאַרפּליצט אונדז, דער אַרום רייסט כּסדר אָפּ פון אונדז לעבעדיקע שטיקער. צי קאָן אָבער איזאָלאַציע זיין די רפואה פאַר דער קרענק? נישט אַריינגייענדיק אין היסטאָרישע אָפּשאַצונגען פרעגט זיך: צי איז מעגלעך, אַז אַ יידישע עדה זאָל היינט לעבן איזאָלירט פון דער נישט־יידישער וועלט? נו יאָ, יידן לעבן דאָך פאָרט אין געטאָ פון רוים, אָבער אויך נישט קיין איזאָלירטער. צי איז אָבער דער געטאָ באמת דער מקום מקלט, ווו עס שמידט זיך אויס די עכטע יידישע אידענטיטעט? און אחרון אחרון: צי קאָן מען, צי איז מעגלעך די יידישע אידענטיטעט, צומאָל די ריין־רעליגיעזע, היינט מעסטן מיט דער מאָס פון די אַלטע מאַגרעבער רבנים פון מיט העכער הונדערט יאָר צוריק?

* * * * *

דאָס צווייטע בוך, דער נישט לאַנג דערשינענער ראָמאַן: „די בתולה מיט די פאַרבונדענע אויגן", אַנטהאַלט אויך אַ לאַנגע וואַנדערונג איבער ווייטע און נאָענטע מקומות, איבער אָפּגעווישטע, אָדער איינגעשרומפּענע ישובים און אויפגעקומענע נייע צענטערס יידישע. סימבאָלן פון אייביקן וואַנדערנדיקן פאָלק, פון שטענדיקן אונטערגאַנג און אויפגאַנג. אָט דער ראָמאַן איז אָבער באַטראַכט אַנדערש ווי זיין יינגערער ברודער, די „אַרומרייזע", מיט אַזאַ קינסטלערישע אַנפּאַלערישקייט, וואָס מיר אונדז גלייך אַריין אין תוך פון דער דעבאַטע, וואָס דער מחבר נעמט ווידער אונטער מיט דער וועלט, מיט זיך אייגענעם פאָלק, און אַ פּשיטא, אַז אויך מיט זיך גופא. דאָס איז אין אַ געוויסן זין אַ ווידוי, אַ חשבון הנפש.

אַרנאָלד מאַנדעל, דער שרייבער, איז בליציק. ער שימערירט מיט בליץ־געדאַנקען; ער איז וויציק, אָפּט מאָל זייער בייסיק, סאַטיריש, יידיש־הומאָריסטיש. פראַנצויזן רופן אַזאַ הומאָר: „שוואַרצער הומאָר". מאַנדעל איז דער עיקר אַן אומרואיקער ג ײ ס ט, אַ זוכער. ער זוכט שטענדיק די פולע יידישע אידענטיטעט, וואָס האָט אין לויף פון צייטן, אין דער צעשפּרייטקייט, זיך פאַרנעפּלט, צעשפּליטערט. ער פאַרטראָגט נישט קיין האַלבע, אַנעמישע יידישקייט. און ער זוכט אויך צו פאַרשטיין די רעטעניש פון דער יידישער איזאָלאַציע. יאָ, יאָ, פון דער יידישער איזאָלאַציע, וואָס אַנדערע שפּרייטן אויס אַרום אונדז, אַרום ישראל. ער וויל באַגרייפן דעם מיסטעריעזן יידישן שיקזאַל און באַגערט צו געפינען דעם זין, דעם מהות פון אונדזער זיין. דאָס מאָל נעמט ער צו הילף צו זיינע זוכענישן און וואַנדערונגען דאָס יידישע מיידל מרים, אַן אַלעגאָרישע געשטאַלט אין וועלכער ער האָט אַריינגעבלאָזן לעבן.

אויף דער קאַטעדראַלע אין שטראַסבורג, אין אויבנאָן פון דרומדיקן טייל, קאָן מען זען אַנטקעגן זיך צוויי יונגע פרויען. פון איין זייט אַ יונגפרוי מיט פאַרבונדענע אויגן, וואָס דאַרף פאָרשטעלן די באַזיגטע יידישע רעליגיע, אָדער ווי דער מחבר זאָגט — דעם בית הכנסת, און פון דער צווייטער זייט — אַ שטראַלנדיקע שטאָלצע יונגע פרוי — דער זיגרייכער קלויסטער, דאָס קריסטנטום. אויב מען וויל, סימבאָליזירן די צוויי געשטאַלטן צוויי וועלטן, די יידישע און נישט־יידישע.

אין איינעם אַן אָוונט פון אונדזער צייט באַגעגנט דער העלד פון דער „אַרומרייזע", זשאַק לאַנדאו, ביים שוועל פון זיין געבוירן־הויז אין שטראַסבורג, דאָס געהיימניספולע מיידל מרים פון דער קאַטעדראַלע. זי איז אַנטלאָפן פון איר שטיינערנער רעזידענץ, האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם באַנד פון די אויגן. זי האָט גענוג געוואָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און פאַרבונדענע אויגן. זי וויל אַוועק פון דאַנען, דערלייזט ווערן, זיך איבערטראָגן פון אָרט צו אָרט. צו רייזן דאַרף מען האָבן אַ פּאַספּאָרט, אַ וויזע און מרים האָט אפילו נישט קיין געבורט־שיין. זי דאַרף דאָס אַלץ דעראָבערן, קונציק זיך דאָ און דאָרט איינשאַפן אַ שטיקל ציגעניש. אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זיך די אַלעגאָרישע געשטאַלט אין אַ סימבאָלישער. זי הייבט אָן סימבאָליזירן די שטענדיקע יידישע וואַנדערער, די אויסגעוואָרצלטע אין זייערע פּלאָגענישן, וואָס דאַרפן מיט מי און מאַטער-

ניש זיך אײַנשאַפֿן אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס זאָל זיי דערלויבן זיך אויפֿצוהאַלטן ערגעץ װוּ אָדער צו לאָזן זיך אין וועג.

מיט אָט־דער אַנטלאָפֿענער, צעבונטעװעטער מיידל לאָזט זיך זשאַק לאַנדאַו אויף אַ נײַער וואַנדערונג. דער ציל איז אַ קאָנקרעטער, און אַ דערהויבענער: דערוויסן זיך אומעטום פֿון די ייִדן גופֿא וועגן זייערע אומרוען און האָפֿענונגען, ליידן און פֿריידן, פֿאַרלאַנגען און אַספּיראַציעס; דאָס גײַסטיקע אינטערעסירט אונדזער העלד און נישט דאָס מאַטעריעלע, פֿאַרזיכערט זשאַק דעם פֿאַנאַטישן און אַנטיציוניסטישן שווייצאַרישן רב בערגעלסאָן. ער וויל וויסן וואָס ייִדן טראַכטן וועגן זיך גופֿא און וועגן ישראל. בקיצור, דער מאָדערנער משולח לאָזט זיך איבער דער וועלט דורכצופֿירן צווישן ייִדן — און אויך צווישן נישט־ייִדן, ווען ס'איז דאָ אַ געלעגנהייט — סאָציאָלאָגישע אַנקעטעס, וואָלט מען אויף הײַנטיקן לשון געזאָגט, הגם זשאַק לאַנדאַו באַוואָרנט זיך, אַז ער איז נישט קיין סאָציאָלאָג. מרים דינט אים ווי אַ סעקרעטאַרין. ער פֿאָרשט, פֿרעגט אומעטום אויס, רעגט אָן מענטשן זיך אַרויסצוזאָגן. זי הערט זיך צו, פֿאַרנאָטירט. אײַ זי ווערט תּיכף זײַן געליבטע, איז דאָס ווידער אַ זײַטיקע זאַך, אַ מין אַקצעסאָריע, ווי שוין געזאָגט, כאָטש דער עראָטיזם בײַ מאַנדעלן איז פֿאַרוועבט מיט פּסיכאָלאָגיע.

ס'איז מעגלעך, אַז אַרנאָלד מאַנדעל, דער גרויסער קענער פֿון חסידיזם, האָט זיך פֿאַר די וואַנדערונגען און זוכענישן אינספּירירט פֿון אַלטע חסידישע מעשׂיות. ס'איז דער שטענדיקער דראַנג זיך צו דערנענטערן, באַהעפֿטן זיך מיט אַנדערע ייִדן און גלײַכצײַטיק אָפּצוגעפֿינען זיך גופֿא. אויב די אינספּיראַציע זאָל טאַקע קומען פֿון אַלטע מקורות, אָטעמט אָבער דאָס בוך מיט ברענענדיקער אַקטועלקייט, מיט הײַנטצײַטיקן פֿיבער. אויף וואָס פֿאַר אַ אויסטערלישע סיטואַציעס טרעפֿן זיך אַלץ אונדזערע וואַנדערער נישט אָן! משונהדיקע ייִדישע דראַמעס, פּערזענלעכע אומגליקן פֿאַרוויקלען זיך מיט גורלדיקע פּראָבלעמען פֿון ייִדישן פֿאָלק, און עס ווײַזט זיך אַרויס בעת די באַגעגענישן, אַז יעדערער טראַכט און זוכט צו פֿאַרשטיין דאָס, וואָס קומט פֿאָר, אויף זײַן אייגענעם אופֿן. יעדערער האָט זײַן אייגענעם צוגאַנג, זײַן אייגענעם משיח אויף וועלכן ער וואַרט.

אַן אַלטער ייִד אין אַמסטערדאַם, אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער, וואַרט שוין מער בכלל אויף גאָר נישט. ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ בוך: די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. ער לייענט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל און קען נישט באַנעמען דעם זין פֿון די ייִדישע ליידן. „...אַמאָל, זאָגט ער, האָבן ייִדן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פֿאַר זייער גאָט. ס'איז געווען קלאָר... נעכטן און הײַנט איז גאָט אַן אָפּוועזנדיקער, ווײַניקסטנס אַ פּראָבלעמאַטישער, און מיר זײַנען ווײַטער אויף אַן אַבסורדאַלן אופֿן קרבנות און גלײַכצײַטיק מערדערס. די אַראַבער מאָרדן אונדז אין מינכען, אויפֿן לופֿטפּאָרט אין תּל־אָבֿיבֿ; מיר דערהרגענען זיי אין לבֿנון און דאָס אַלץ אָן שום אמתער, גילטיקער סיבה."

די וואַנדערונג פֿאַרענדיקט זיך אין ישׂראל. ווידער פֿירן אַלע וועגן אַהין, צום צענטער פֿון דער ייִדישער וועלט. אָבער אויך דאָ, נאָך דער נצחונותדיקער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אין זייער ווײַטערדיקן וואָגל איבער קיינעמס לאַנד, ווו אַראַבישע קינדער ענטפֿערן אויף זייער באַגריסונג שלום מיט שׂינאהדיקע בליקן, האָבן זיי נישט באַקומען קיין ענטפֿער אויף די פֿראַגן, וואָס מאַטערן זיי ביידע.

זשאַק לאַנדאַו בלײַבט אין ישׂראל, כאָטש ער ווייסט נאָך נישט בײַ וואָס ער וועט פֿאַרטשעפּען די הענט. ער ווייסט אָבער, אַז דאָ מוז זײַן די לעצטע סטאַציע פֿון זײַנע וואַנדערונגען. מרים, דאַקעגן, פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד. זי פֿאָרט צוריק מיט אַ ישׂראלדיקן פּאַספּאָרט, אָבער מיט אומעט אין האַרץ. זי קערט זיך אום אויף איר אַמאָליקן אָרט, ווײַל — „אין לעצטן סך־הכּל איז נאָך דאָס, וואָס האָט סימבאָליזירט די בתולה מיט די פֿאַרבונדענע אויגן — די בלינדקייט פֿון פֿאַראַכטונג, די דערנידערונג ניט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, אפֿילו ווען די דאָגמאַטיש־היסטאָרישע אַרגומענטן פֿון דער עוולה קעגן אונדז קאָנען מער נישט זײַן גילטיק..."

ס. נאָטקעוויטש

# משה שקליאַרס ערשטער בוך לידער אין אַמעריקע

משה שקליאַר איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען קיין לאָס אַנגעלעס פון פוילן. ער איז געקומען ווי אַ רייפער דיכטער מיט אַ סטאַזש פון זעקס פאַר־עפנטלעכטע לידער ביכער אין פוילן און אין ישראל.

איצט איז אין י. ל. פרץ פאַרלאַג, אין ישראל, אַרויס זיין זיבעטער בוך לידער אונטערן נאָמען „אין דמיון פאַרזיגלט". די לידער זיינען איינגעטיילט אין זעקס אָפּטיילונגען: גירוש פוילן, אין טאָל פון טויט, אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום, פאַרשוונדענע גאַסן, דאָס קריגעלע ליד, אין דמיון פאַרזיגלט.

אַן אומגעוויינטלעכן איינדרוק מאַכט דער אַריינפיר: גירוש פוילן. משה שקליאַר, ווי אַ סך פון זיין יונגן דור, איז געווען באַווירקט פון זיין פריסטער קינד־הייט מיט סאָציאַליסטישע אידעאַלן. ווי אַ דערצויגענער אין דער באָראָכאָוו שול (לינקע פועלי ציון) אין וואַרשע, און אַ זון פון אַ באַוווסטזיניקן שניידער־אַרבע־טער, האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט די פריקהייטס אידעאַלן פון סאָציאַליזם.

דער נאַצישער אָנפאַל אויף פוילן און די ליידן פון די יידן, דער טעראָר און די געטאָס און דאָס אָנקום פון דער רויטער אַרמיי אין די מזרח געביטן פון פוילן, האָט מיטגעווירקט צו באַאיינפלוסן גרויסע גרופּן יידישע יוגנט צו זען די רויטע אַרמיי אַלס „באַפרייער."

משה שקליאַר איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד און שטילערהייט געשריבן לידער, וואָס זיינען נישט „אנערקענט" געוואָרן פון די אָפיציעלע סאָוועטישע שרייבערס. ערשט צוריקקומענדיק קיין פוילן, אין זיין אַמאָליקער היימשטאָט וואַרשע, איז אין 1951 דערשינען זיין ערשט בוך לידער: „רואינען און רישטאָ־וואַניעס." דאָס בוך איז ווי אַן אָפּקלאַנג פון די נאַצי־יאָרן אין דער חרוב געוואָ־רענער וואַרשע.

דער צייטווייליקער פרילינג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה, האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם און פאַרפאָלגונגען קעגן יידישע שרייבערס און אינטעליגענץ האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ בליץ־שנעלקייט. אַקטיווע טוערס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אפילו באַזינגערס פון דעם רעזשים, זיינען נישט אויסגעמיטן געוואָרן. דער איינציקער אויסוועג איז געווען: אויסנוצן די געלעגנהייט פון אַרויסצו־קריגן זיך פון פוילן.

אַזויערנאָך איז משה שקליאַר אָנגעקו־מען קיין אַמעריקע.

„די ערד באַגלייט אונדז מיט געוויין,
מיט צער דער הימל איז פאַרהילט,
נאָר עמעץ וואַרפט נאָך אונדז אַ שטיין
און שיפּעט דורך פאַרפרעסטע ציין
ווענן יושר און געפיל."

דאָס זיינען די ערשטע שורות פון „גירוש פוילן". נישט נאָר וואַרפט מען שטיינער אויף די פאַרפאָלגטע, נאָר דורך די פאַרפרעסטע ציין ריידן די פאַרפאָל־גערס, „ווענן יושר און געפיל." און ווען נביאיש פרעגט דער דיכטער, ווען וועלן זיי האָסן, אַז ס'וועט נישט בלייבן מער קיין ייד אויף דער ערד דער פוילי־שער — ענטפערט ער:

פאַרן פאַרלאָזן איר מיטוואַנדערער האָט מרים אים איבערגעגעבן אַלע אירע פאַר־צייכענונגען, נאָטיצן, און געזאָגט צו אים: „וועסט מאַכן דערפון וואָס וועסט וועלן: אַ רעפּאָרטאַזש, אַ סאָציאָלאָגישן עסיי, אַ ראָמאַן, אַ דראַמע, אָדער אַ פּייער אין אויוון."

אַרנאָלד מאַנדעל האָט געמאַכט דערפון אַ מאָדערנעם ראָמאַן, אין וועלכן ס'זיינען פאַראַן עלעמענטן פון אַלע דערמאָנטע זשאַנערן, אַ ראָמאַן מיט אַ טיף יידיש־פילאָסאָפישן אינהאַלט. צי מ'איז יאָ אָדער נישט מסכים מיט געוויסע באַגרינ־דונגען, איז דאָס אַ בוך, וואָס רודערט אויף, שטויסט נאָכצוטראַכטן.

„איר וועט קוקן מיט פאַרדאַכט
אינעם אַנדערנס געזיכט
און וואָיען ווי די וועלף ביינאַכט
אין טיפֿן אורוואַלד
און שרעקן וועט אייך יעדער שאָרך
פון פייגל אויף די צווייגן
און איר וועט מוזן שווייגן, שווייגן..."

* * * * *

די וויטערדיקע לידער אינעם בוך שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאַרבנרייך בילד פון טעמעס און אָנרעגונגען. טרויעריקע דערפאַרונגען פון אונדזער צייט. משה שקליאַרס סטיל איז דיסקרעט און באַהויכט מיט איידלקייט און אויסערגעוויינטלעכע פשטות.

די בענקשאַפט איז טיף, די שפּראַך — אַ זייער אָפּגעהיטענע און שפּאָרזאַמע. מען פילט זיין צוגעבונדנקייט און טרייהייט צו אונדזער פאָלק. אומדירעקט ווירקט דער דיכטער צו אַ שטימונגס־פולער „לופט" בעתן לייענען זיינע לידער.

דיכטונג איז אַ המשך. משה שקליאַרס לידער, סיי פון זיינע יונגע יאָרן און הײַנט פון זיינע מיטליעריקע יאָרן, האָבן אַ טיפן און רייכן באָדן פון דערפאַרונגען. משה שקליאַר איז געווען צוגעבונדן צו פוילנס ערד און לאַנדשאַפט. אפילו ייִדן־פאַרפאָלגונגען האָבן נישט געקענט אים אַנטוואָרצלען פון דעם ייִדישן טויזנטיעריקן המשך און שותפות פון די ייִדן אין פוילן. דעריבער זיינען זיינע לידער ווי אַן אַרויסשטראַלונג פון דער ייִדישער מענטאַליטעט און ייִדישע בענקשאַפטן.

זייער אינטים פירט דער דיכטער אונדז אַריין אין דעם גבול פון טאַטע־מאַמע. האַרציק און אויפריכטיק מאָלט דער דיכטער אין „די פאַרבראָכענע הענט פון מיין מאַמען":

„אָ, מאַמע, כ'וועל היטן, פאַרהיטן
דאָס לעבן אויף חרובע שטאַמען —
כ'זע ליכטלעך, אַ טיש, און אין מיטן
עס ברענען די הענט פון מיין מאַמען..."

אויך צום טאַטן, וואָס האָט פאַר דעם דיכטער געעפנט טיר און טויער פון דעם פּאָעזיע־היכל און האָט פאַר זיין יונגן קינד געלייענט פון י. ל. פּרץ, א. רייזען און ביאַליק, געדענקט משה שקליאַר „דעם טאַטנס ניגון, וואָס האָט אים באַגלייט אויף אַלע וועגן, גלייך ער וואָלט פאַרוויגן אים אין שטורעם און אין רעגנס."

טייל פון משה שקליאַרס לידער זיינען ווי ליטורגישע געבעטן. עס וועט זיך מן הסתם געפינען אַ מוזיקער וואָס וועט די לידער אַרומנעמען מיטן געוועב פון מוזיק און די וועלן געזונגען ווערן.

משה שקליאַר פירט אַ געראַנגל מיט זיין אייגן וואָרט. עס ליגט אויף זיי די שיינקייט פון פשטות, וואָס מאַכט דעם לייענער אַזוי „אייגן" מיטן ליד. אפילו די פּאָעטישע אומרו און זוכענישן זיינען שטיל אויסגעזונגען און היימיש. די קוריאָזיטעט, נאַטירלעכער נייגיר באַגלייטן די לידער.

* * * * *

„אין דמיון פאַרזיגלט" איז אַ בוך פול מיט שיינקייטן, דערהויבנקייט, דראַמאַטישן געראַנגל און פּאָעטישע נביאות. עס הייסט אויך, אַז משה שקליאַר האָט פאַרזיגלט זיינע טראַכטענישן, בילדער און פאַנטאַזיעס און וועט זיך מיט זיי נישט שיידן, נאָר לעבן מיט זיי. בלייבט אונדז איבער צו ווינטשן מזלדיקייט און שעפערישקייט.

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע ייִדישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט — $5.00 אַ יאָר.

**זלמן שלאָסער**

# יידיש־קודש ווערטער וואָס מעסטן דעם הימל

(„אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין" פון מ. חסיד. מאָנטרעאַל, 1975)

ס'איז אפשר ביט קיין כלל, נאָר אַלע וויסן סיי ווי סיי אַז שאָטנס האָבן ביט קיין אייגן ליכט און קיין אייגן לעבן. בלויז אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע, חלומות און דיכטונג קריגן שאָטנס געשטאַלט און קראַפט אויסצופירן דעם מענטשס ווילן און, נאָך מער, דעם דיכטערס שליחות. אין זיין נייעם בוך לידער: „אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין", האָט מ. חסיד מיט דער לייכטקייט פון אַ מכשף אַריינגעוועבט אַן אוצר פון פערל און בריליאַנטן אין זיין פּאָעטישער קרוין, וואָס ער האָט אַרויפגעזעצט אויף זיין אייגענעם שאָטן. די קרוין שיינט העל און עכט, צו אונדזער באַוווּנדערונג, פינקלט און בליצט מיט קאָלירן געגומען פונעם דיכטערס שווער פאַרוווּנדיקטן געמיט:

„עס שלעפּט מיך מיד מיין שאָטן
און שפּאַרט זיך אָן אויף מיר,
איך הייב ווו אָן צו זינקען,
שווים שפּעטער קוים אַרויס.
מיין שאָטן טוט אָן קרוינען
נאָר איך בלייב הויל און בלויז."

די שאָטנס האָבן אָבער אַ וויכטיקע שליחות אין זיינע לידער. וואָרעם דער פּאָעט פרעגט זיך אַליין:

„אויף וואָס האָסטו פאַרמאָסטן זיך,
מיין ליד?"

און ער ענטפערט אַליין פאַרטרוימט און פאַרטראַכט:

„די נאַכט פאַלט צו / די שאָטנס
לאַשטשען זיך / דער חלל הוידלט/
לאַנג / אַ פינטעלע / וואָס גליט.

„די שאָטנס / טראָגן / אָט אַהין /
די קרוינען מיינע / גיך / אַוועק."

הפנים דער דיכטער שרעקט זיך פאַר די יאָרן וואָס לויפן. אפשר וועט ער וואָס פאַרשפּעטיקן.

די קורץ־שורהדיקע לידער זיינע, זייער שטורמיש־שטילער טאָן און שאַרפעקיקע בילדער שנײַדן זיך איין אין אונדזער געמיט, פאַרכאַפּן אונדז ביים ערשטן אַריינבליק. קורצע שורות פּאָעזיע, פשוטע קורצע צוויי־ און דריי־זילביקע ווערטער. אַ וואָרט, צוויי — אַ שורה. אַ שורה, צוויי — אַ קלאָר און שאַרף פּאָעטיש בילד. ס'טוט אַ שטאָך, אַ ברי, אַ שניַיד זיך איין און עס גייט אויף אַ בלייבנדיקע ווונד. ס'איז ביזן לעצטן וואָרט טיף־יחידישע ליריק, אָבער אויך יידיש־נאַציאָנאַלע ליריק. ס'איז זיין ריין פערזענלעכע איבערלעבונג, זיין טיפער ווייטיק, זיין געזאַנג פון די טיפענישן, אָבער אַזוי נאַטירלעך באַהעפט און צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין פאָלק, מיט דער גרויסער וועלט, מיט דער נאַטור. אַזוי עמאָציאָנעל געצוימט און אַזוי צימצומדיק געשילדערט אָן אַ פאַרפלייצונג פון ווערטער, פון פאַרבן און קאָלירן. אַלץ באַוועגט זיך, לויפט צוריק. ניטאָ קיין שטילשטאַנד, ניטאָ קיין רו. נאָר „דער אומעט פינצטערט אין מיר ווי אַ ווינטער־נאַכט / אָן ליבע."

צווישן די הונדערט קורצע לידער צעשפּרייט איבער הונדער און פופציק בלעטער, שיין געדרוקט און באַצירט מיט אילוסטראַציעס געמאָלן פון קינסטלער בען, שיינט אַרויס אַ ליד פון 16 שורות, „דער מידבר", וואָס פאַרשיכורט מיט תענוג, ווי אַן אַלטער זעלטענער וויין:

„דער מידבר דערלאַנגט אַ מתנה די ווינטן
צען גאָלדענע קעמלען מיט האָרבן פול וויין —
אַ בלויקייט שווימט אָן און פאַרלויפט אַלע וועגן,
באַדעקט מילד דעם מידבר און שלעפערט אים איין.
דרייען זיך קעמלען, אין שלאָף, אַרום קעמלען
און וועבן דעם מידבר אין גאָלדוועב אַריין."

ס'איז באַקאַנט, אַז אין דעם זאַמדיקן מידבר צעשפּילן זיך אָפט מיראַזשן, וואָס פאַרבלענדן און פאַרפירן דעם מידן וואַנדערער. באַשרייבונגען און פּאָעמעס פון

אַזעלכע פאַרבלענדענישן טרעפן מיר אָפט אין יעדער ליטעראַטור. נאָר אַזאַ האַרמאָניש קאָנצענטרירט בילד באַחנט מיט אַ פונק הומאָר, אַזאַ וויזועלע קלאָרקייט צווישן זאַמדיקן גאָלד און בלויקייט פון הימל, אַזאַ פאָעטישע גבורה, ספּעציעל אין דעם פינאַל, איז זעלטן צו טרעפן:—

„פלוצים צערייסט זיך אויף שטיקער אַ שטורעם
און שלעפט ביז דעם מידבר פון גאָלד־שלאָף אַרויס —
ווערט מידבר אַ קעמל מיט ריזיקע האָרבן
און מעסט אויס דעם הימל.
דער הימל איז גרויס."

ווער נאָך אין דער יידישער פאָעזיע האָט אַזאַ ליד געשריבן? אַזאַ בילד געמאָלן?

אַ שיין ליד, וואָס איז אויך ווייט אַריבער די ראַמען פון חורבן איז אויך זיין ליד „אַלטע לייט", וועגן צוויי מידע זקנים וואָס וויינען אויס בשותפותדיק זייער לעצט געוויין, מחמת זיי האָבן אין דער וועלט געהאַט אַ מקח־טעות. בלויז עטלעכע שורות פונעם ליד:

„זיי שעפן אויס / פון קוואַלן טיף־פאַרבאָרגענע / בורשטינען קלאָרע טרערן/און האַלטן זיי/פאַרבענקט/ אויף וויעס / פון די קינדערישע / אויגן."

אָט די צוויי לידער חסידס איז אפשר באַשערט צו בלייבן אין דער אייביקייט פון דער יידישער פאָעזיע. זיי זיינען וווּנדערלעך שיין. אַ לייכטער הומאָר פון דער אייביקער מענטשלעכער קאָמעדיע שמייכלט באַחנט פון זיי אַרויס. איינציק און אוניווערסאַל בלענדן זיי מיט זייער האַרמאָנישער קאָנצענטרירטקייט און פאָעטישער בילדלעכקייט.

דער מאָנענדיקער אומעט פון אונדזער גרויסן חורבן הענגט איבער די מערסטע לידער פון בוך. ס'איז שוין אָבער איצט אַ גאַנצער דור נאָכן חורבן. לויט די לידער איז אפילו ניט קלאָר צו מ. חסיד גופא איז טאַקע געווען דאָרט, אין פייער. דאָס וואָרט חורבן וואַרפט זיך ניט שטאַרק אין די אויגן. דאָך פילט מען דעם בראָך אין יעדן ליד, אין יעדן געזאַנג. און דער דיכטער וואָרנט אונדז טאַקע:

„איז מייד־זשע, פרעמדער, אויס די טויערן פון מיין ליד,
קיין אומגליק זאָל דיך דאָרטן ניט פאַרברענען.
נאָר אויב דו האָסט שוין אויך אַ וווּנד אין געמיט —
וועלן מיר זיך אפשר נאָך אַ מאָל דערקענען."

ניין, מ'טאָר ניט פאַרגעסן און מ'קען זיך ניט באַפרייען פון דעם חורבן קאָשמאַר. ס'איז אָבער אויך ניט קיין תכלית זיך שטענדיק צו ווייקן אין דעם קאָשמאַר. דער חוב פון יידישע פאָעטן איז פריער אָדער שפּעטער צו פאַרוואַנדלען דאָס קאָשמאַריקע, דאָס געשעענע אין אַ קוואַל פון נאַציאָנאַל־שעפערישער קראַפט לדור דורות. אין זיין איצטיקן בוך האָט מ. חסיד, וואָס אַן אמת, דאָס שוין באַוויזן צו טאָן. ס'איז דעריבער אַ טיפע טרייסט צו זען ווי ער אידענטיפיצירט זיין פערזענלעכן ווייטאָג און טרויער מיטן פאָלקישן; ווי ער קלייבט די טרערן, האַלט אין זיך איין דעם פיין און די לעצטע בליקן פון די קדושים כדי זיי צו פאַראייביקן מיט יראת הכבוד איידער זיי טריקענען אויס און איידער זיי לעשן זיך אויס. זיינע לידער שניידן זיך אַריין אין דער יידישער אייביקייט, באַהעפטן זיך מיט די פייערדיקע סימבאָלן פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע דורות און קומען אַרויס ווי געלייטערטע און געהייליקטע וואָרט־מאָנומענטן פון יידישער טראַגיק. זינגט ער אַזוי שטיל פון דער טיפעניש זיינע פשוטע צוויי־און דריי־זילביקע געזאַנגען:

„איך וויקל אויף / גאָר ברייט / די פאַרמעטן פון חומש — / לאָז פריי אַרויס פון דאָרט/די בראשיתדיקע/ טעג./דער ערשטער טוט אַ שפרונג/ אַריזן שפרונג / דער רויט־געפלעקטער/עשיו/און לויפט פאַרסאָפּעט/ אויפן שלענגלדיקן / וועג."

אָדער זיין ליד „אַרויפלייגן":

„זאָל איך אַלעס אַרויפלייגן / בורא/ אויף דיר און אויף מיר/און די ערד/ און די ערד איז ניט שולדיק/אונדז גאָר ניט?

. . . . . . . . . .

מיר זייַנען דאָך ביידע / אַליין /
און פאַרטריבן — /צי האָסטו / כאָטש
ערגעץ / אָט דאָרטן / העט־אויבן, /
די אמתע הימלען / די זיבן?"

פון דעם שלל גוטע לירישע לידער, וואָס מען האָרף דאָ לכל הפּחות דערמאָנען, ווי „בענקענדיקע פענצטער", „שוואַרצע רייטער", „אַן אייביקע מינוט", „דער שטראַלנדיקער טלית" און נאָך אַנדערע, מוז מען אַרויסהייבן צוויי וואָס זייַנען נאָענט צו דער פריער דערמאָנטער קאַטעגאָריע, און וואָס זייַנען אַ צירונג אין דעם דיכטערס קרוין. די צוויי זייַנען: „האָב איך געקענט?" און „יידישע ווערטער". דאָס ערשטע אין דעם דיכטערס אַן אַלט־פאַרבליבענער איינדרוק פון אַ פּסיכאָלאָגישן צוזאַמענשטויס צווישן פאָטער און יונגן זון. ס'איז וועגן דעם ריס אין דער תורה־טראַדיציע, וואָס דער פאָטער דערקענט ביים זון „ווען וואַקסן האָט ער מיך דערזען משונהדיק, צו להכעיס אין דער קרום":

„האָב איך געקענט פאַרשטיין
דאָס שמאָלער ווערן
פון מיין טאַטנס גרויע אויגן,
ווען חרוב איז געוואָרן חרוב
אים זיין וועלט?"

. . . . . . . . . .

נאָר איין מאָל האָבן אַלע זייַנע
זיבן הויטן
קאַלט אַ דראָזש געטאָן
ווי ביי אַן אַלטן בוים
און פונקען זייַנען פון די אויגן
ווילד אַרויסגעפלויגן
ווען וואַקסן האָט ער מיך
דערזען / גאָר וואַקסן /משונהדיק
צו להכעיס / אין דער קרום.
די בליקן אונדזערע
זיך האָבן ערגעצווו / צונויפגעטראָפן
און אָפּגעשפּרונגען באַלד
אין ווינטיקן אַרום."

די וויטערדיקע שילדערונג ווערט אַלץ שטייגנדיקער, שאַרפער, פּסיכאָלאָגיש שטאַרקער, אַנגעלאָדענער, און מיר דערזען און באַגרייפן דעם וווּלקאַנישן אויסברוך, וואָס אָט־אָט און די אַנגעלאָדענע, אָנגעגליטע שטימונג פון ליד עקספּלאָדירט. מיר בלייבן אָבער, ביים סוף, ביי דער עקבערנדיקער קשיא:

„וואָס האָט ער אין מיר / דעמאָלט /
אָנגעווווירן / וואָס ער האָט ניט
אָנגעווווירן / קיינמאָל / פריער?"

וויפל יידישע היימען פון אונדזער תקופה האָט אָט דער עמאָציאָנעל רייכער און אַזוי קינסטלעריש געשילדערטער „ריס פון דורות" אויסגעמיטן? מעגלעך אַז יעדער לייענער פון חסידס לידער קען זיך לייכט אידענטיפיצירן מיט אָט דעם אומפאַרמיידלעך־טראַגישן צוזאַמענשטויס צווישן דער אַלטער תורה־יידישקייט פון עלטערן דור און די נייע און באַגייענדיקע ווינטן פון יינגערן דור. וואָרעם אָט דער „ריס" האָט נאָך ניט אויפגעהערט. אַלטע פאַרהייליקטע טראַדיציעס ווערן אויסגעריסן מיטן וואָרצל און די כלומרשט נייע דרכים און פירונגען קענען ניט אַזוי לייכט פאַרהייליקט ווערן. די נייע תורות דאַרפן ערשט באַווייזן זייער כוח אויפצוהאַלטן אַ פאָלק אין נע־ונד. דעריבער דערפילן מיר אין דעם פינאַל פון ליד מיט דער גאַנצער קראַפט דעם שטורמישן אויפבורייז פון זיין פאָטער ווען „חרוב איז געוואָרן חרוב אים זיין וועלט." און דעם זונס פילאָסאָפישע קשיא, וואָס האָט ער אין מיר דעמאָלט אָנגעווווירן, וואָס ער האָט ניט אָנגעווווירן קיינמאָל פריער" בלייבט אַזוי פיינלעך הענגען אין דער לופטן.

אינעם אַנדערן ליד, „יידישע ווערטער", איז דער זון מסתמא שוין אַליין אַ פאָטער און דער איצטיקער אָנגעווייטיקטער „ריס" צווישן יידן איז גאָר אַן אַנדערער. דער חורבן האָט פאַרשניטן פיזיש און גייסטיק דעם טראַדיציאָנעל איינגעוואָרצלטן יידישן ישוב. די געראַטעוועטע זייַנען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. זיין קולטור און לשון זייַנען געבליבן אָפּגעשוואַכט און אָן אַ באָדן. אַ ציטער גייט דורך דורכן לייב ווען מען גיט אַ טראַכט דערפון.

דאָס ליד „יידישע ווערטער" אָטעמט מיט מיסטישע „לויטערע כיסופין" — גאולה גאַרונגען, בענקשאַפטן, איינגעהילט אין חסידישע סימבאָלן, וואָס נייטיקן זיך אין אַ ביסל פשט סדי צו באַנעמען זייער אינהאַלט. וואָרום דאָס יידישע לשון, די יידישע ווערטער, די יידישע מחשבה זייַנען דאָ אין ליד אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער היסטאָרישער וועלט־באַנעם

דורך אַלע דורות ייִדיש לעבן. איז דערייבער אפשר כּדאַי דאָ צו געבן דאָס גאַנצע ליד. ס׳איז שיין, בילדלעך, פול מיט ייִדישע אימאַזשן און מעטאַפאָרן. ס׳איז טיף און מיסטיש און דאָך קלאָר, ווען דער סוד פון די ווערטער ווערט אַנטפּלעקט, און די ווערטער זייַנען כּשרע ייִדישע ייִדישע ווערטער, ייִדיש־קודש ווערטער, ווי חסיד רופט זיי:

„איך וועל מיר מיטנעמען/אַ פערד און וועגעלע / און וועל אַרומפאָרן / פאַרשפּרייטן / אין מיין אייגן לאַנד/ לייַדבדיקע/ייִדיש־קודש / ווערטער. אין זייערע שפּאַלטן / האָבן גלות־ווינטן /לאַנג/אַרייַנגעבלאָזן שטויב/ פון מעבר־יבוק / ערטער.

אויף קרומע דערנערלעך/פון זייערע אותיות / געלופּטערט זיך / עס האָט אַ העמד / אַ העמד געשענקט דעם/ ייִד־הקדוש, / אַ העמד אַ פּראָסטס / מיט שבת־שטעך / אַלטמאָדיש, / באָר נעמען האָט עס / ווי אַ רייף / אַרומגענומען פעסט / מיין שוואַכן גוף/מיט גאולה־ברען/און לויטערע כּיסופין.

און נאָך אַ וואָרט / וועל איך פאַרשפּרייטן/ שטילערהייט/אָט דאָרט,/ אַ וואָרט וואָס האַלט אַלץ/ אין איין רופן: / עס רופט אי גאָט, אי לייט/ צום יום־הדין / און ווערט פון רופן/ ביז אויף קויל פאַרברענט.

וועל איך עס נעמען/אויף די הענט: און קוים דערטראָגן/צו פאַרקוילטע/ ברידער./און אָסור, צי עס וועט מיך/ אַרן גאָר / וואָס אַנדערש טוען דיכטער / היינט / פאַרשוואַרצן זייערע לידער."

פון אַ ריין קינסטלערישן קוק־ווינקל איז דאָס בילד, וואָס דער דיכטער האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאָלן גאַנץ, פאַרענדיקט, קלאָר און פּערפעקט. דעריבער ווערן אַלע אַנאַליטישע דערקלערונגען דאָ זייַן איבעריק. דעם אמתן זין און אינהאַלטכאַפּט דער געניטער לייענער דאָ אויף פון אַ ווונק, אַ רמז, אַ קליינע אַנדייטונג אָדער, נאָך בעסער, פון דעם דיכטערס שעפערישע פאַנטאַזיע, קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט און אינטעלעקטועלע גייסטרייכקייט, וואָס קומען צום אויסדרוק דורך אַ קלאָרן טראַדיציאָנעל־רייכן וואָרט־אוצר און טרעפלעכע אימאַזשן.

די שייכותן פון די באַזונדערע טיילן צום גאַנצן בילד זעט מען אין דער האַרמאָניע פונעם קלאַנג, פון דער פאַרבןרייכקייט, די וואַרעמע אַטמאָספערע און שטימונג. וואָרעם דער קינסטלער איז דאָך דאָ פאַראינטערעסירט בלויז אין דעם קינסטלערישן אמת, וואָס מען כאַפּט אויף אינטואיטיוו פונעם רמז. פאַרן ניט־געניטן לייענער איז אָבער דער רמז אַליין ווייניק כּדי צו באַנעמען דאָס גאַנצע בילד. דער רמז מיטן פערד און וועגעלע, מיטן ייִד־הקדוש, מיט דער העמד וואָס לופּטערט זיך אויף די קרומע דערנערלעך פון די ייִדישע אותיות רופט ביי אים אַרויס אַן אומבאַפרידיקטן שטאַרקן ניַיגער צו דערגרייכן אַריבער די שאָטנס, אַריבער די פּאָעטישע אימאַזשן. דעריבער איז אפשר נייטיק אַ קורצע דיגרעסיע פונעם קינסטלערישן דרך און באַלייכטן גענויער און דייטלעכער דאָס ווונדערלעך און דורות־אַלט בילד פון ייִדישער קולטור־שאַפונג, וואָס דאָס ליד איז כּולל.

דאָס בילד פון די לויטערע כּיסופין — גאולה גאַרונגען, משיח בענקשאַפטן, אהבת ישראל ליידנשאַפטן, באַפרייאונגס האָפענונגען — געפינט דאָ אויסדרוק אין דער געשטאַלט פון אַ מענדעלע מוכר ספרים־ניק, וואָס שלעפּט זיך אַרום מיט זיין פערד און וועגעלע אָנגעפּאַקט מיט ספרים, מעשה־ביכלעך און אַנדערע ייִדישע חפצים וואָס ייִדן קויפן ביי אים פאַר גראָשנס; אין דער געשטאַלט פון אַ נע־ונדניק, אַ בעטלער, וואָס פאַרמאָגט אפילו ניט קיין אייגן העמד אויפן לייב און וואַנדערט אַרום פון ישוב צו ישוב, פאַרשפּרייטן זיין חסידישע תורה איידער ער ווערט נתגלה, ווי דער ייִד־הקדוש, דער גרויסער חסידישער רבי, ר׳ בונעם פון פשיסכע; אין דער געשטאַלט פון יעקב אָבינו, וואָס וואַנדערט מיט זיין הויזגעזינד און סטאַדעס אין שרעק פאַר לבן הארמי, זיין שווער דער רמאי, פאַר זיין געשוואָרענעם שונא — דער ברודער עשיו — וואַנדערט אַהיים צוריק אין צוגעזאָגטן לאַנד כּנען און ווערט אויפן וועג ביים אַריבערפאָר מעבר יבוק פאַרהאַלטן פון אַ מלאך, וואָס ראַנגלט זיך מיט אים און זאָגט אים אָן, אַז

אויף ווייטער וועט זיין באַמען זיין ביט יעקב, בייערט ישראל — דער וואָס שטרייט מיט גאָט; און די זייטיקע עטלעכע שורות וועגן שטויב פון די גלות־ווינטן וואָס קומען מעבר־יבוק, פון דער פרעמד, וואָס רייסן זיך דורך די שפּאַלטן פון די יידיש־קודש ווערטער.

יידישע קינדער האָבן דורות־לאַנג געלערנט דעם חומש און אויסגעטייטשט אויף יידיש, אויף יידיש־קודש ווערטער, אָן די פרעמדע איינפלוסן. אויך דער דיכטער אַיין ווערט אַרומגענומען פון דער געשאַנקענער העמד, פון דעם גאולה־ברען, און די גאולה־בענקשאַפטן, וואָס דער חסידישער רבי פון אַ שטעטל אין פוילן האָט אַמאָל פאַרשפּרייט צווישן יידן אויף יידיש־קודש און ער, דער דיכטער, וועט דאָס איצט פון זיין וועגעלע פאַרשפּרייטן, ווי מענדעלע מוכר ספרים אַמאָל, צווישן יידן אין זייער אייגן לאַנד, אין ישראל.

און דאָס אַנדערע יידיש־קודש וואָרט, וואָס דער דיכטער וועט שטילערהייט פאַרשפּרייטן אַ וואָרט וואָס זועט ניט אויפהערן צו רופן אי גאָט אי לייט צום יום־הדין, צו אַ חשבון־צדק פאַר דעם אומרעכט וואָס גאָט האָט געלאָזט זיין פאָלק אַזוי אומרחמנותדיק פאַרברענט ווערן אין די קאַלכאָויוונס פון פוילן. מיט אָט דעם יידיש־קודש וואָרט וועט ער רופן אַזוי לאַנג ביז דאָס וואָרט וועט פון רופן אַזוי שטאַרק און הייס, אויף קויל פאַרברענט ווערן. דאַן וועט ער דאָס הייס־פאַרברענטע קויל אויף זיינע הענט נעמען און מיט די לעצטע כוחות זיינע דאָס דערטראָגן צו די פאַרקוילטע ברידער.

נאָר דאַן, ווען ער, דער דיכטער אַליין, וועט ווערן איינס מיט זיינע פאַרברענטע ברידער, זועט אים מער ניט קענען אַרן וואָס טייל דיכטער טוען אַזוי פאַרשוואַרצן זייערע לידער — געמיינט מסתמא יענע יידן, וואָס פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון יידיש, די שונאים פון יידיש, וואָס רודפן און דערשטיקן דאָס יידישע לשון, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען יידישע שונאים.

איצט, נאָך אָט דער קליינער דעגרעסיע, קאָנען מיר מיט מער זיכערקייט נאָך אַ מאָל לייענען דאָס ליד און באַנעמען די פולע טיפקייט פון די באמת פשוטע ווערטער און זיך איבערנעמען מיט דער שיינקייט און בילדלעכקייט פונעם לויב־געזאַנג צום יידישן לשון, וואָס ראַנגלט זיך אַזוי ווי יעקב־ישראל מיטן מלאך ביים אַריבערפאָר פון מעבר־יבוק אין צוגעזאָגטן לאַנד.

ווי מיר ווייסן האָט כמעט יעדער יידישער פּאָעט אַריינגעזונגען, אַריינגעוויינט זיין טרויער אין זיינע לידער וועגן אונדזער גרויסן חורבן. יעדער יידישער פּאָעט האָט אויך זיין ליבשאַפט און טרייקייט פאַרן פאָלק און זיין יידיש לשון אויסגעזונגען הויך אויפן קול אין זיינע לידער. אין די אַנטאָלאָגיעס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל גוטע לידער פון אונדזערע אָנגעזעענסטע פּאָעטן געווידמעט דאָס יידישע וואָרט, לשון יידיש. מיין איינדרוק איז אַז נאָך אַזאַ וווּנדערלעך טיף־יידיש ליד, אַזאַ שיין יידיש ליד ווי מ. חסידס „יידישע ווערטער" איז שווער, זייער שווער צו געפינען.

אין זיין נייעם בוך לידער האָט מ. חסיד דערגרייכט באמת נייע פּאָעטישע דימענסיעס. ס׳איז שטאַרק קאַנטיק אַז אַלע יידישע קולטור־קוואַלן שטייען אָפן פאַר אים און ער שעפּט פון זיי מיט קינסטלערישער עלעגאַנץ און חסידישן ברען. מען זעט אַז ער איז גאָר היימיש מיט רמז און סוד, די צוויי אותיות מיט זייערע „קרומע דערנערלעך" פון דעם אַלט קבלהיסטישן צווייבער־וואָרט „פּרדס". און דער גוטער לייענער, אַפילו ווען די רמזים און סודות זיינען אויף דער רגע טיילווייז ווייטלעך פון זיין זכרון, מוז ער לייענען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די שיין־קלינגענדיקע שורות וואָס נעמען אים אַרום מיט אַ צאַרטן טרויער און דערהייבונג. אַפילו אָן די אַנאַליטישע דערקלערונגען, אַפילו אַזוי ווי די לידער זיינען, דערפילט דער גוטער לייענער אינטואיטיוו אי זייער שיינקייט אי זייער טראַגיק — די טראַגיק פון אונדזער גרויסן חורבן, וואָס באַהאַלט זיך צווישן די שורות פון די לידער.

יעדעס ליד איז אַ באַזונדער איבערלעבונג און מוז געלייענט ווערן באַזונדער. דאָס גאַנצע בוך לאָזט איבער אַ שטאַרקן רושם אויפן לייענער — אַ רושם פון אַ קינסטלערישן געראַנגל מיט שאָטנס פון אַ טיף־פאַרוואָרצלט יידיש לעבן, וואָס איז אַזוי זינלאָז און אוממענטשלעך חרוב געוואָרן און וואָס טאָר בשום אופן ניט פאַרגעסן ווערן.

ס. שניאור

# אַן איבערדיכטונג פון ביבלישן עפּאָס

(„אין די געצעלטן פון אברהם", פון יעקב זיפּער, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1973)

ערגסטע דערציילונגען אויף ביבלישע טעמעס וועקן אויף אונדזער איינגעדרימלטן נייגער און אינטערעס צום בראשית פון וועלט און מענטש. זיי רופן אַרויס אַ יומטובדיקע, דערהייבענע שטימונג פון פאַרערלעכונג אין יידישטראַדיציאָנעלן גלויבן. מעגלעך אַז דער כלל: „דער אינהאַלט באַשטימט די פאָרם און סטיל" האָט אַ שטיקל שייכות מיט אָט דער אַרויסגערופענער שטימונג. וואָס די סיבות זאָלן ניט זיין, ס'איז גוט ווען אַ דערציילונג קאָן אַריינברענגען דעם לייענער אין אַ געהייבענער שטימונג. לייענט אָט דעם דאָזיקן אויסצוג און זייט מיינע עדות:

„געבענטשט איז געווען דאָס לאַנד,
וווּ אברהם דער עברי האָט זיינע געצעלטן אויפגעשטעלט. נאַכט אויף נאַכט האָט אַ געדיכטער טוי אַראָפּגעבידערט און פייכט געמאַכט די ערד.
און מיטן זון־אויפגאַנג זיינען די קעפּלעך פון די זאַפטיקע גראָזן געווען באַזעצט מיט בלישטשענדיקע דימענטן.
האָבן זיינע פאַסטוכער זיך געפּעדערט און אַרויסגעפירט די טשערעדעס, איז דער גאַנצער פּלוין פול געוואָרן מיט זייער בלעקעכצן און צופרידענעם מעקען. זיינען די שעפּסן געווען די פּעטסטע פון גאַנצן געגנט אַרום, און ס'האָבן זיך אַלע שכנים מיט אים געבענטשט און געזוכט זיין פריינדשאַפט."

מיר ווערן גלייך געפאַנגען פון דעם שיין־קלינגענדיקן, ריטמיש פליסנדיקן לשון, ווי עס שפּרייטן זיך גלייך באַלאַנסירטע זאַצן פון בלאַט צו בלאַט, פון ערשטן טאָוול ביזן לעצטן טאָוול פון יעקב זיפּערטס נייעם בוך „אין די געצעלטן פון אַברהם". אַ ליכטיק פרידלעכע שטימונג צווישן מענטש און נאַטור, צווישן פּאַסטוך און טשערעדע גייט אויף גלייך ביים אָנהייב פון אונדזער אוראַלטן שייכעם, ביבלישן עפּאָס, וואָס דער מחבר פּאָרמעסט זיך דאָ איבערצודיכטן געטריי צום תנ"ך פון דער מסורה. דער פּאָעטישער טאָן פון די לאַנגע פּראָזע־שורות שלענגלט זיך און גלעט אונדז מיט דער וואַרעמקייט און מתיקות וואָס טראָגט זיך פון דער גאַנצער דערציילונג, וואָס נעמט אַרום די ערשטע צען קאַפּיטלעך, די וווילבאַקאַנטע אָריענטאַלישע מעשה מיטן קליגערישן חשד און נאַיווער גוזמה, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק אין חומש, באַשיינט דעם שפּרודלדיקן דיאַלאָג מיט באַחנטן מאָניער:

„דיין צונג איז געשליפן ווי דער קיזלשטיין אין אונדזערע בערג."
„די רייד פונעם קיניג לייכטן ווי די זון
אין הימל."
„ס'קאָן די צונג נישט לויפן שנעלער
ווי דער קעמל אין מדבר."

דורות און דורות יידישע קינדער האָבן זיך דערצויגן אויף די חומש־מעשיות. אין כמעט יעדן דור זיינען געקומען שרייבערס, יידישע און ניט־יידישע, און האָבן פּרובירט אויפסניי איבערדערציילן אויף זייער אייגענעם שטייגער די זעלבע מעשיות פון חומש. מען לייענט זיי און אָפט מאָל דאַכט זיך, אַז די מעשיות זיינען אַלע די זעלבע און דאָך ניט די זעלבע. שרייבערס, וואָס זיינען געבענטשט מיט קלאָרקייט פון געדאַנק און וויסן ווי אַזוי זיך ניט צו פאַרפּלאָנטערן מיט טונקעלע שילדערונגען און אוממעגלעכע סיטואַציעס, האָבן שטענדיק געפונען ווונדערלעכן מאַטעריאַל פאַר זייערע קינסטלערישע שאַפונגען אין די האַרציקע און איינפאַכע מעשיות פון די אָבות. טאָמאַס מאַנס „יוסף און זיינע ברידער"; שלום אַשס „מעשהלעך פון חומש" און זיין לעצט גרויס ווערק „משה"; איציק מאַנגערס „חומש־לידער"; און נאָך מער דער רייכער אוצר פון מדרש און די כסדרדיקע שאַפונגען פון די אַלטע ציטן — דער חומש, ווי בכלל דער תנ"ך, האָט שטענ־

דיק געלאַקט די פאַנטאַזיע פון גרויסע קינסטלערס. און יעדער איינער האָט דאָרט געקאָנט געפינען וואָס ער האָט געזוכט.

האָבן די שאַפערס פון מדרש געזוכט גלויבן — גאָטספאַרכטיקייט געפאָרט מיט ערלעכקייט און גוטסקייט, איז יוסף געוואָרן אַ צדיק און אַברהם אַ ברייטער מכניס אורח; ישמעאל און עשיו — קריגערישע פעלד־יונגען, וואָס ווילן ניט לערנען בעת זייערע ברידער, יצחק און יעקב, גייען אין גאָטס וועגן, זיצן אין די געצעלטן און זיינען אַ צירונג פאַר גאָט און לייט. האָט איציק מאַנגער געוואָלט זיך אַ שפּיל טאָן אויף זיין פּאָעטישן שטייגער מיט די העלדן פון חומש, האָט ער עס לייכט און באַחנט געטאָן דורך אַריבערטראָגן די העלדן אין אונדזער אייגענער צייט און סביבה און זיי אידענטיפיצירן מיט די גוט־באַקאַנטע טיפּן פון שטעטל, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך במשך פון דורות און דורות לערנען, דעם צויבער פון די חומש־מעשיות.

ס'איז געווען אַ שיין אויסגעחלומטע, פאַנטאַסטישע וועלט פון יושר און שלום, וואָס האָט געדאַרפט לערנען דעם מענטשן צו גיין אין די אָנגעצייכנטע וועגן פון גאָט. די אמתע וועלט איז אָבער קיין מאָל ניט געווען קיין גן־עדן פאַר מענטשן. קאָנפליקטן צוליב פּאַשע־פעלדער און רייכע וואַסער־קוואַלן ברעכן אויס צווישן די האַרן און זייערע אייגענע ברידער אין נאָמען פון יושר און שלום, ווי דער חומש גיט איבער.

אַנדערע מאָטיוון, ווי למשל, איינגעבאָרענע עמאָציאָנעלע שוואַכקייטן, פּסיכאָלאָגישער געדראַנג צוליב ליבע און קנאה זיינען נאָך דאַן געווען פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס האָבן געבריזט אין זייערע הערצער און געזוכט אויסדרוק אָן אַ וואָקאַבולאַר, אָן ווערטער. עס איז אָבער נאָך ניט געווען קיין „פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס" וואָס זאָלן דערקלערן די אָפטע קאָנפליקטן, דעם אינערלעכן געראַנגל צווישן אברהמען און לוטן, שרה און הגרן, יצחקן און ישמעאלן. און עס זיינען גראָד אָט די קאַרגע אָנדייטונגען אין חומש וועגן אָט דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס לאָקערן אַזוי שטאַרק די פאַנטאַזיעס פון יונגע תלמידים און גרויסע שרייבערס פון יעדן דור.

מיר לייענען אין חומש ווי אַברהם און זיין ברודערס זון, לוט, וואָס האָט געוואַנדערט מיט אים, זיינען געווען רייך אין פי און געצעלטן. ברעכט אויס אַ קריג צווישן זיי צוליבן מאַנגל אין פּאַשע און וואַסער. זאָגט אַברהם צו לוטן: „תּאַל, איך בעט דיך, נישט זיין קיין קריג צווישן מיר און דיר, צווישן מיינע פּאַסטוכער און דיינע. מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן. דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פאַר דיר אָפן. שייד זיך אָפּ פון מיר. וועסטו גיין רעכטס, וועל איך גיין לינקס; וועסטו גיין לינקס, וועל איך גיין רעכטס. לאָמיר זיך נישט קריגן."

איז דאָס אַ גערעכטע טענה צוליבן פרומען ווונטש פון יושר און שלום — דאָס לאַנד איז צו ענג פאַר ביידע! ס'איז אַן עקאָנאָמישער קאָנפליקט. צעשיידונג, לערנט אונדז דער חומש, איז אַ יושרדיקער אויסוועג.

קומט יעקב זיפער מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד און אינטואיציון חוש פאַר דראַמאַטישער האַנדלונג און ברענגט דאָ אַריין אויך אַ פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט צווישן אברהמען און לוטן. קריגן זיך לוטס פּאַסטוכער מיט אַברהמס פּאַסטוכער, לויט זיפערס דערציילונג:

„אייער האַר איז אַ פאַרטריקנטער בוים.
ליידיק זיינען זיינע געצעלטן אָן אַ קינד.
וואָס טויגן אים די ברונעמער? ווער
וועט אים ירשענען?"

און לוט אַליין רייצט זיך מיט אַברהמען:

„דו גרייסט זיך מיט דיין נאָמען. ער וועט פאַרשווינדן, ווי ס'איז פאַרשווונדן דיין פאַרמעגן, ווי דו אַליין, אַ טרוקעבער וואָרצל אָן אַ שפּראָצונג! איך בין געבענטשטער פון דיר. מיינע ווייבער זיינען געבענטשט מיט זין!"

אַ דערשטוינטער פון אַזאַ אומדערוואַרטעטן פאַרוואורף איז אברהם אויף אַ וויל ווי פאַרגליווערט געוואָרן: „ס'קאָן די ערד ניט פאַרטראָגן אונדז ביידע צוזאַמען!" און איז גרייט אים צו שלאָגן פאַרן רייצן זיך מיט אים. דאָ האָט לוט מיט שרעק און חניפה גענומען זיך בעטן ביי אַברהמען: „ביסט שטאַרק אין דיין צאָרן, האַר. ס'האָט

געשטרויכלט מיין צונג, ווייל דער גומען איז פייכט געוואָרן מיט זיסן ווייַן פון קעל־טער. פאַרגיב אַ מדבר־קינד, וואָס ווייסט ניט וואָס גוט איז און וואָס שלעכט...״

פון יענעם טאָג אָן, דערציילט אונדז יעקב זיפער, ווען לוט האָט זיך אָפּגע־טיילט פון אברהמען, איז אַ טריבער אומעט געקומען אויף אברהמען. ער האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט שרהן, זיין ווייב. אַ נאָגנדער טרויער האָט אים געגעסן ווי מאָיל: „אַ טרוקענער בוים בין איך דאָך, מיט די וואָרצלען אין זאַמד. דאָס קול פון אַ קינד איז פאַרמיטן אין מיינע געצעלטן.״ און אויך שרה, דערציילט ער אונדז ווייטער, וויינט און קלאָגט: „ביסט דאָך איידל אין דיין גוטסקייט צו מיר. פאַרגיב־זשע, וואָס מיין פיין און שרעק האָט מיך געטריבן דיר נאָכצוקוקן ווען דו האָסט זיך דערווייטערט פון אַלעמען נאָכן אָפּשיידן זיך פון לוטן... אָט איז הגר, די דינסט וואָס דער קעניג פון מצרים האָט מיר געשענקט. נעם זי אַריין אין דיין געצעלט. נעם זי האַר, און זאָל דאָס פריילעכע קול פון אַ קינד קלינגען אין דיין געצעלט.״

שפּעטער, ווען הגר, די דינסט, איז טראָגעדיק געוואָרן פון אַברהמען, הייבט זיך אָן אַ נייער פּסיכאָלאָגישער געראַנגל צווישן דעם דרייעק: שרה־אברהם־הגר. ס׳איז צוליב קנאה און איפערזיכט: „איך בין שוין מער ניט דיין דינסט. איך בין די מאַמע אין דעם געצעלט. איך בין דעם האַרס און דער האַר איז מיין!״

און שרה קלאָגט זיך פאַר אַברהמען: „זאָל גאָט משפטן צווישן מיר און דיר. צו שאַנד און צו שפּאָט בין איך געוואָרן צוליב דיר און דער דינסט. איך בין גרינג און קליין געוואָרן אין אַלעמענס אויגן, און דו שווייגסט.״

פון יענעם טאָג אָן, דערציילט זיפער, איז אברהמס געצעלט געוואָרן פול מיט קריג און בייזע רייד.

עס איז דערביי לייכט זידי פאַרצושטעלן ווי טייל גוטע לייענערס אונדזערע, שטענדיק גרייט צו ווייזן זייער בקיאות און חריפות אין דעם טעקסט פון חומש, קומען אַרויס מיט האַרבע טענות: „סטייטש, ס׳איז דאָך פעלשונג! ניטאָ, ניט אין חומש און ניט אין מדרש אַזעלכע רייד. ס׳איז אַ פאַרשוועכונג פון געהייליקטע טעקסטן!״

אַזעלכע טענות וואָלטן געמוזט זיין אומגערעכט, פונקט ווי די טענות קעגן איציק מאַנגערס חומש־לידער זיינען בשעתו געווען אומגערעכט. דער וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון תנ״ך און איז ניט געבליבן אין אַן אָפּגעשלאָסענער וועלט, פאַרשטייט דעם ווערט פון עכט קינסטלערישער שאַפונג, באַנעמט דעם אייביק מענטשלעכן געראַנגל מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע אינסטינקטן, מיט דער אייגענער לוסט און קנאה צו זיינע מיטמענטשן — אַלץ איינס צי די קינסטלערישע שאַפונג שטאַמט פון דעם מענטשלעכן דראַנג זיך אַ שפּיל צו טאָן מיטן אייגענעם כוח, מיט זיך אַליין. צי עס שטאַמט פון דעם דראַנג אויסצוברייטערן און צו פאַרטיפן זיין לעבנס־דערפאַרונג כדי צו פאַרזיכערן זיין פערזענלעכן אָדער נאַציאָנאַלן קיום. אונדזערע פריערדיקע דורות האָבן געמעגט זען אין די מעשיות פון די אָבות בלויז גאָטספאָרטיקייט און טיפע מענטשלעכע עטיק. אין אונדזער צייט מעג דאָך דער קינסטלער אוודאי אויסברייטערן זיין שאַפונגס־געביט, זיין גייסטיקע וועלט דורך אַ טיפערן אַריינבליק אין דעם פּסיכאָלאָגישן געראַנגל פונעם יחיד. אַזאַ אַריינבליק קאָן ניט שטערן דאָס זוכן און אויסנוצן די נאַציאָנאַל־עטישע ווערטן, וואָס מוזן ליגן אין תוך פון אונדזער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פון אונדזער פאָלקישן עטאָס.

יעקב זיפער איז אין זיין קינסטלערישן עפּאָס, „אברהמס געצעלטן״, געטריי געבליבן דעם עטאָס, די נאַציאָנאַל־עטישע ווערטן פון חומש, וואָס ער דערהייבט דערהייבט דורך זיינע אידילישע צאַרטע שילדערונגען פון דעם נאַטירלעכן פּסיכאָלאָגישן געראַנגל צווישן די העלדן. אָן אָט די שילדערונגען וואָלט זיין בליק געווען בלויז אַ מאָנאָטאָנע איבערחזרונג פון אַן אַלט־באַקאַנטער מעשה. עס זיינען גראַד די שילדערונגען פון דער שטאַרק־עמאָציאָנעלן געראַנגל און די דראַמאַטישע דיאַלעקטן, וואָס מאַכן דאָס בוך אינטערעסאַנט און דערהייבן. ס׳איז אַ שיין קינסטלעריש ווערק צו לייענען און הנאה האָבן פון געלייענטן.:

# אונדזערע אבידות

שאול מאַלץ / ניו־יאָרק

## קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — דיכטערין פון גלויבן

אין חודש מערץ, 1975, איז נפטר געוואָרן די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. אַ פּאָר חדשים פריער איז נפטר געוואָרן איר מאַן, דער עסייאיסט שמחה לעוו. אויף זיי ביידן האָט מען באמת געקענט זאָגן: „נפשה קשורה בנפשו", ווייל נאָך דער פּטירה פון איר מאַן איז קאַדיע געווען אַ פאַרלוירענע. ער איז געווען דער גרעסטער אָנשפּאַר אין איר לעבן. ביידע האָבן צוזאַמען געחלומט די זעלבע חלומות, ביידע האָבן זיך געפרייט מיט דערהגרייכונגען אויפן ליטעראַרישן געביט; אָט איז אַ ניי־אויסגעחלומט בוך פון קאַדיען, אַ נייער נומער „סביבה" און זעט די מיטאַרבעטערס: אהרן ציִיטלין, י. באַשעוויס, רחל קאָרן, אפרים אויערבאַך, חיים גראַדע, א. לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, משה שטאַרקמאַן, און נאָך און נאָך — די זיילן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און, פאַרשטייט זיך, שמחה לעוו און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי ווי מכניסי אורחים, וואָס דאָס איז פאַרשטענדלעך. און הגם יעדער פון די אויסגערעכנטע שרייבערס האָט געהאַט ווו זיך צו דרוקן און אויך ווערן באַלוינט, פון דעסטוועגן האָבן אַלע צושטייער געגעבן פון זייער שאַפן, דערפאַר ווייל זיי האָבן געוואָלט זיין מיטבאַטייליקטע אין קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס גלויבן און זיך געוואָלט געפינען אין איר „סביבה".

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז טאַקע דורכגעגאַנגען דאָס לעבן מיט אַ סך גלויבן — גלויבן אין קיום פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור; גלויבן אין קיום פון מדינת ישראל און גלויבן אין סאָציאַלן יושר — אין פאַרברידערונג פון פעלקער. דאָס נביאישע וואָרט פון רחמנות צו דעם אָרעמאַן, צו דעם אונטערדריקטן, האָט געברענט אויף אירע ליפּן און איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן פילפאַכיק אין אירע לידער.

פון איר ערשטן בוך פּאָעזיע, „„חשוונדיקע נעכט", ביז איר לעצט בוך, „מאַרציפּאַנעס", ציט זיך איין קייט פון חלומות, און די חלומות בייטן זיך מיט דער צייט. אין דעם בראשית פון איר שאַפן איז זי געווען די רעוואָלוציאָנערקע. אין האַלבפאַשיסטישן פוילן איז אָבער געווען שווער צו שרייבן אויף רעוואָלוציאָנערע טעמעס, אָבער קאַדיע האָט זיך אַן עצה געגעבן. זי באַנוצט זיך מיט אַ סך סימבאָליזם און אַלעגאָריע כדי אויסצומיידן די צענזור. דאָס זעט מען בולט אין איר צווייט בוך: „דזשיקע גאַס", אין וועלכן זי זינגט אויף סאָציאַלע טעמעס אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, קעגן אַלע איבלען פון דעם לעבן אין דעם לאַנד פוילן:

„שוין לאַנג, נאָך מיט קינדערשע הענט
האָב איך אַ טורעם געבויט פאַר מיין
היים און מיין פרעמד.

זענען פרילינג ווינטן אָנגעקומען,
און איך האָב אַזאַ גרוס פאַרנומען:

ביי דעם טורעם הונגערט מען.
ס'איז ביי די קינדער געל די הויט,
און מען טאָר נישט אָנרופן זיך: ברויט."

אין ווייטערדיקע פערזן מאָלט זי דאָס גרויליקע בילד פון אַ תליה און אַ פאַרמשפּטן „פאַרברעכער" פאַר דער גרויסער זינד, וואָס ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן:

„אין לאַנד איז הונגער."

אַן ענלעך ליד געפינט זיך אין בוך „פריידקע" (וואַרשע, 1935) מיטן נאָמען „אַ לעפל רייז". אויך דאָ באַנוצט זיך קאַדיע מיט דער אַלעגאָרישער פאָרעם, כדי אויסצומיידן די צענזור. אויך פּרץ האָט דאָס געטאָן, ווען ער האָט געוואָלט אויסמיידן די צאַרישע צענזור. אין זיין

פרעמדן חופּה־קליד,״ זינגט אָדער רעציטירט די ערשטע מאָדיסטקע די אַלעגאָרישע פּאָעמע „די צוויי ברידער.״ ניטאָ קיין שטאַרקערער פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין דער פּאָעמע פון פּרצן. אויך קאַדיע, אין איר נאַראַטיווער פּאָעמע, „אַ לעפּל רייז״, טוט דאָס זעלבע. נאָר אַנשטאָט צו זאָגן, אַז אין פּוילן טאָר מען ניט פאָדערן קיין ברויט, פירט אונדז קאַדיע אַוועק קיין כינע און דערציילט אונדז, ווי דער אימפּעראַטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: אַלצדינג מעג מען זאָגן אין כינע, נאָר ניט קיין „לעפּל רייז״. גייען מענטשן אַרום הונגעריקע, פאַרשמאַכטע, אָבער זאָגן וואָס עס פעלט זיי טאָרן זיי ניט, ווייל פאַר דעם באַשטראָפט מען זיי מיט טויט. און ווען די מענטשן קומען צו דעם אימפּעראַטאָרס פּאַלאַץ אויסצודריקן זייער פּראָטעסט, איז דער אימפּעראַטאָר גנעדיג צו זיי. ער קומט אפילו אַרויס אויף דער שוועל פון זיין פּאַלאַץ זיך פרעגן וואָס זיי פאַרלאַנגען, אָבער קיינער דערוועגט זיך ניט אַרויסצוזאָגן — „אַ לעפּל רייז!״ אַזאַ אַלעגאָריע בלייבט אין דער ליטעראַטור לדור דורות.

דער מוסר השכל, וואָס מען לערנט פון אַזאַ פּאָעמע, בלייבט אַלע מאָל אַקטועל. אין אַלע צייטן קומען אויף אַזעלכע אימפּעראַטאָרן, מ׳קען זיי אויך אָנרופן דיקטאַטאָרן, וועלכע פאַרבאָטן צו זאָגן: „אַ לעפּל רייז״. אין אונדזער מאָדערנער צייט איז עס: „אַ שטיקל ברויט״...

אין דעם בוך „פּריידקע״ קומט אויך צום לעבן דער אויטאָפּאָרטרעט פון קאַדיען. זי, די קעמפערין קעגן סאָציאַלן אומרעכט; זי, די באַזינגערין פון נביאישן יושר, קען ניט שטיין און זיך גלייכגילטיק צוקוקן, ווי דער וואַרשעווער חסידישער באַלעבאָס פון דעם פאַבריקל וווּ זי אַרבעט, זאָל אויף אַזאַ אומרחמנותדיקן אופן, באַגזלען די אָרעמע מיידלעך, וועלכע שקלאַפן פאַר אים. נאָך אַ לאַנג־פאַרצויגענעם סטרייק, רייסט זי זיך מיט די סטרייקערינס אַריין אין דעם פאַבריקל, מאַכן פון אַלץ אַ תל און — קאַדיע מוז דערפאַר עוקר זיין פון פּוילן. די פּאָעמע איז געשריבן אין דער נאַראַטיווער פאָרעם אָבער אין די שענסטע פּאָעטישע פערזן.

קאַדיע האָט זיך אין דער פּאָעמע דערהויבן צו פּאָעטישער שלימות.

אויב קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס אָנהייב אין דער יידישער פּאָעזיע איז געווען פון אַ סאָציאַל רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט דאָס די צייט גורם געווען. דאָס איז געווען די צייט, ווען אויף די אייראָפּעישע הימלען האָבן זיך אָנגעהויבן פלאַקערן די פייערן פון די פאַשיסטישע שריפות, די צייט ווען מוסאָליני און היטלער, ימח שמם, האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן חלומען זייערע וויסטע חלומות. אַזאַ פיין־פילנדיקע דיכטערין ווי קאַדיע איז געווען, האָט ניט געקענט שטיין רואיק און זיך צוקוקן צו די אַלע אַכזריותן — דערפאַר איר יאָמערלעכער אויסגעשריי פון פּראָטעסט!

אין די שפּעטערע יאָרן איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געוואָרן מער פילזייטיק אין איר שאַפן. זי איז אויך געוואָרן די נאָוועליסטין, וועלכע האָט געשריבן דערציילונגען און ראָמאַנען. אין איר דערציילערישקייט האָט זי געמאָלן דאָס אידיליש יידישע לעבן פון דער אַלטער היים, וואָס איז, לדאבוננו, שוין מער ניטאָ. אירע דערציילונגען האָבן ניט פאַרמאָגט קיין פאַרוויקלטע אינטריגעס אָדער רציחות, פון דעסטוועגן האָט זי פאַראינטערעסירט דעם ראָמאַנען־לייענער, ווייל זי האָט אַרויסגעהויבן די שיינקייט פונעם יידישן לעבן. זי האָט ליב געהאַט דאָס פּשוטע יידישע לעבן און האָט עס געמאָלן אויף טויזנטער אופנים. אָבער אויך ביים שילדערן דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן, הייבט קאַדיע אַרויס די פרימיטיווע שיינקייט און אומעטום זעט מען איר צאַרטן מאַמע־שמייכל.

פאַר אירע דערציילונגען האָט קאַדיע זיך געשטעלט אַ ציל. לאָמיר לאָזן קאַדיען דערציילן, וואָס דער ציל איז — דאָס איז דער אַריינפיר צו איר בוך, „אַ שטוב מיט זיבן פענצטער״:

„די דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך, האָב איך געשריבן אין די לעצטע פופצן יאָר. פון אַ וועלט, וואָס איז אימהדיק פאַרשוווּנדן און לעבט אין אונדזער זכרון, דערוועקן זיך געשטאַלטן מיט זייער פרומקייט, מיט

זייער צניעות, מיט זייער יידישער מאָראַל. מען איז געשטאַנען מיט די פיס אויף אַן אָרעמער ערד און מיט דער נשמה איז מען געווען אין אַ העכערער וועלט פון מעשים טובים און מצוות. אָט די געשטאַלטן לעבן אין מיר און זיי קומען אויף אין אַ גרויסער טייל פון די דערציילונגען אין דעם בוך."

און ווי אַזוי קומט קאַדיע צו דעם אויספיר פון דעם ציל אירן? גאָר פשוט, אין דער דערציילונג, „אברהם דער שוסטער" שילדערט זי אַן ערלעכן, אָרעמען יידישן שוסטער, וועלכער פילט זיך אָפּגענאַרט, ווען דער גביר, ברוך אַגולניק, באַצאָלט אים צוויי רובל פאַר פאַרריכטן די שיכלעך פון אַלע תלמוד תורה ייִנגלעך. מאָלט אייך, אַז די צוויי רובל קענען גוט צו נוץ קומען. מ'קען פאַר זיי צוגרייטן דעם יום־טוב סוכות. אָבער פאַרקויפן אַזאַ גרויסע מצווה פאַר צוויי רובל? ניין! דאָס וועט ער מער ניט טאָן! איז קומענדיקן יאָר, פאַר די ימים נוראים, פאַרריכט ער די אָרעמע קינדערס שיכעלעך אויף זיין אייגענעם חשבון. קיינער קען ביי אים די מצווה מער ניט אָפּקויפן, און קאַדיע ענדיקט די דערציילונג אויף אַזאַ פיינעם יידישלעכן אופן:

„און אברהם לייב האָט געפילט, אַז ער איז אַ באַלעבאָס אין שטאָט. טראָגנדיק דעם זאַק פאַרריכטע שיך, איז ער געגאַנגען איבערן שמאָלן געסל און דעם ליידיקן פלאַץ ווו מען גייט אין שמעקנדיקן גאָרטן."

אָט אַזוי מאָלט זי דאָס טיף־מענטשלעך, יידיש לעבן. און אויב טאַקע האַלטן זיך ביי אַ ציל, איז ניטאָ קיין גרעסערער ציל, ווי צו פריידיקן מצוות און מעשים טובים, וואָס דאָס איז געווען דער תוך פון יידישן לעבן.

ווי געזאָגט, איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געווען אַ פיל־זייטיקע שרייבערין. נאָר באַזונדערס האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין דער ליטעראַרישער עסיי. אויף דעם געביט האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס ערודיציע, אַ סך וויסן. זי האָט געקענט, אין קלענסטן דעטאַל, אַנאַליזירן און מסביר זיין אַ ליטעראַרישן ענין אָדער קולטור־פּראָבלעם. אויף אַזאַ אופן האָט זי געלערנט מיט אונדז פשט. דאָס, וואָס זי און איר מאַן, דער עסייאיסט שמחה לעוו, האָבן זיך אַזוי אָנגעשטרענגט אַרויסצוגעבן דעם פערטל־יאָר שריפט „סביבה", וואָס האָט זיי ניט נאָר געגעבן אַ פּלאַטפאָרמע אויסצודריקן פריי זייערע געדאַנקען, נאָר האָט אויך געגעבן אַן אָרט צו דרוקן זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען און אַזאַ חשוב אָרט איז ניט געווען זינט עס האָט אויפגעהערט צו דערשיינען דער זשורנאַל „אין זיך".

מען קען ניט געבן קיין אָפּשאַצונג וועגן קאַדיען און איר צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און זיך ניט אָפּשטעלן באַריכות וועגן אירע קינדער־לידער. איר גרעסטע ליבע איז געווען דאָס יידישע קינד און דעם יידישן קינד טאַקע האָט זי געשאָנקען די שענסטע לידער.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס קינדער־ליד איז אַלע מאָל געווען אַ דערפרישונג. זינט איר ערשט קינדער־בוך, „גייען שיכעלעך אַוועק, ווו די וועלט האָט אַן עק", באַזינגט די דיכטערין דאָס לעבן פון דעם יידישן קינד, בעסער געזאָגט, פון דעם אָרעמען, פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד. זי האָט זיך געמיט צו ברענגען דעם יידישן קינד פרייד. אַ סך יידישע קינדער, באַזונדערס אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן, האָט געפעלט פרייד און גאַנץ אָפט אַ שטיקל ברויט און אַ מלבוש אויפן גוף.

אין איר לעצטן בוך „מאַרציפּאַנעס" (ארב. רינג פאַרלאַג, 1970) האָט קאַדיע געמאַכט אַן אָפּקלייב פון די שענסטע קינדער־לידער אירע. און וואָס זעט מען אַלץ ניט אין דעם בוך? דאָס איז די פּאָעמע „וווּנדער איבער וווּנדער", וואָס דערציילט אויף אַ נאַראַטיוון אופן די מעשה פון אַ באַליע, וואָס גייט פון שכן צו שכן וואַשן וועש. און אַזוי „גייענדיק" פון שטוב צו שטוב, באַקענט מען זיך מיט דעם פאַראומערטן לעבן פון די יידן אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן, ווו די נויט האָט געפייפט אין אַלע לעכער. און היינט די קינדער־פּאָעמעס: „אַ מאַנטל פון אַ טונקל געוואַנטל" און די פּאָעמע „מאַרציפּאַנעס" — די אַלע פּאָעמעס האָבן באַזונגען די יידישע אָרעמקייט. די גאָר פּאָפּולערע פּאָעמע „אַלקע מיט דער פּאַטראַלקע" שילדערט דאָס לעבן פון דעם געקריוודעטן קינד, אַלקע — אַ מויד פון זעקס יאָר, פאַרשפּילט זיך אַ מאָל מיט די חברטעס

ביים קנעטן זאַמד, שרייט די מאַמע, און
דער טאַטע, דער שמיד, העלפט מיט:

„גייט אין שטוב!
מען דאַרף דאָס ברודערל פאַרוויגן,
וואַשן טעפּ און קריגן,
מען דאַרף וואַסער ברענגען,
מען דאַרף העמדלעך שווענקען,
אַ ביסעלע לייענען,
אַ ביסעלע שרייבן,
געדענק, כ'וועל דיך פון שטוב
פאַרטרייבן."

פאַר אַלקען איז דאָס לעבן אַ שפּיל, אַ חלום, אָבער די מאַמע רייסט אַלע מאָל איבער דעם חלום.

אַזוי שפּינט די דיכטערין ליד נאָך ליד און מעשה נאָך מעשה, ביז די קינדער דערזען זיך אַליין אין די לידער און מעשות, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ דעם קינדס אייגן לעבן.

נאָכן אָפּזינגען וועגן דעם יידישן קינד אין פּוילן, האָט זיך קאַדיע מאָלאָדאָווסקי גיך אַקלאַמאַטיזירט אויפן אַמעריקאַנעם באָדן. דאָ הייבט זי אָן צו באַזינגען דאָס אַמעריקאַנער יידיש קינד. עס איז שוין אָבער, פאַרשטייט זיך אַן אַנדערע טעמאַטיק, ווייל אויך דאָס קינד דאָ איז אַנדערש און דאָס אַמעריקאַנער יידיש לעבן איז אַנדערש.

עס איז דאָ אַ סך הומאָר אין אירע אַמעריקאַנער קינדער־לידער, אָבער די אמתע קאַדיע מאָלאָדאָווסקי קען מען געפינען אין די לידער, וועלכע נעמען אַוועק דאָס קינד פון דער רעאַלער וועלט און פירן עס אַוועק אין אַ וועלט פון חלום און פאַנטאַזיע. אויב דאָס לעבן איז מיאוס, דאַרף מען פאַרן קינד אויסמאָלן אַ לעבן פון יום־טוב.

אויך די מאָטיוון פון ניסים ווערן אַ סך באַנוצט פון דער דיכטערין סיי אין ליד סיי אין דער באַלאַדע. דאָס אליהו הנביא געשטאַלט קערט זיך אום אין אַ סך פון אירע לידער. עס איז אַן אויסגעחלומטע וועלט, אָבער דאָס קינד דאַרף בייטיק האָבן דעם חלום.

אין דעם בוך „מאַרציפּאַנעס" איז דאָ אַ גאַנצע אָפּטײלונג פון לידער אויף ישראל מאָטיוון. דאָס קינד דאַרף אויך באַהעלט ווערן מיט דעם ישראל־חלום און קאַדיע טוט עס אויף דעם שענסטן אופן. די ישראל לידער זענען פון די שענסטע מתנות, וואָס די דיכטערין שענקט דעם קינד. אין דעם ליד, „אין ירושלים קומען מלאכים", זינגט די דיכטערין:

„אין ירושלים קומען מלאָכים
און עפענען טירן פון יידישע הייזער.
זיי לערנען די קינדער צו ליב האָבן
**תורה,**
צו שווייגן אין חכמה,
צו ווערן די שפּייזער."

אַזוי בינדט די דיכטערן מיט איר עכט געזאַנג דאָס יידישע קינד צו דעם יידישן שורש.

ווי שוין פריער געזאָגט, האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אָנגערופן איר ערשט בוך קינדער־לידער מיטן נאָמען: „גייען שיכעלעך אַוועק, ווו די וועלט האָט אַן עק." דער נאָמען איז אַזוי אידיאָמאַטיש צוגעפּאַסט צו דעם ליד, אַז ער זאָגט שוין אַלץ. דער נאָמען הייבט טאַקע אָן דאָס ליד פון דעם שוסטער, וואָס האָט געמאַכט צוויי שיכעלעך און שיקט זיי אַרום:

„גייען שיכעלעך נאָך ברויט,
גייען שיכעלעך נאָך זאַלץ,
גייען שיכעלעך אַרום
פאַרן שוסטער ברענגען אַלץ."

אָבער, ווען די שיכעלעך קומען אַריין אין אַ שטוב ווו, עס

„זיצט אַ קינד דאָרט אַליין,
באָרוועס, נאַקעט, ווינד און וויי.
דאָרטן בלייבן די שיכעלעך שטיין,
ווילן אין ערגעץ מער ניט גיין."

אָט אַזאַ סאָציאַל ליד מוז אַרויסרופן ביים קינד אַ מיטגעפיל צו דעם אָרעמאַן, צו דעם געקריוודעטן. אָט אַזוי זעען מיר קאַדיע מאָלאָדאָווסקין — אַ דיכטערין, וואָס גיט דעם קינד אַ חלום, פירט אים אַריין אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע, אין אַ וועלט פון גוטסקייט.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי וועט לאַנג געדענקט ווערן פאַר אירע צאַרטע לידער, פאַר אויסזינגען אירע שיינע ניגונים וועגן דעם יידישן לעבן.

ז. בן־אבֿרהם

# נייע ביכער

## (קורצע נאָטיצן)

דאָס היימלאַנד פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור איז חרוב. דאָס פֿאָלק, די לייע־נערס — אין די קאַלכאויוונס פֿאַרברענט. די מיט נסים געראַטעוועטע רעשטלעך זיינען צעשפּרייט אין קליינע גרופּעס אי־בער אַלע קאָנטינענטן. די אַסימילאַציע כוואַליעס און דער מלאך המות טוען זייער חלק צו פֿאַרטיליקן דאָס וואָס איז פֿאַר־בליבן. בלויז יחידים ראַנגלען זיך דאָ און דאָרט אָנצוהאַלטן זייער פֿאַרבינדונג מיטן נאַציאָנאַלן שטאַם און יידישן לשון. בלויז יחידים ווילן געדענקען. עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע וואָס ווילן שנע־לער פֿאַרגעסן דעם חורבן קאָשמאַר. זיי ווילן און — קענען נישט.

בענקען און געדענקען, חלומען און האָפֿן, האָבן אין זיך דעם היפּנאָטישן כוח צו סטימולירן און מאָטיווירן דעם אינער־לעכן נשמה־פֿאַרלאַנג צו קינסטלערישער שאַפֿונג. עס טרייבט צו פֿאַרמעסט און קינסטלערישן אויסדרוק. און יחידים מיט צאַפּל אין דער נשמה זוכן אויסדרוק צו זייערע שטאַרקע איבערלעבונגען, האָפֿע־נונגען און אַנטוישונגען.

### I

### „דער אַכטער הימל"
### פֿון חיים לייב פּוקס

ציק"א, ניו־יאָרק, 1974.

דאָס נייע בוך פֿון חיים לייב פּוקס באַ־שטייט פֿון „לידער, תּפֿילות, פּאָעמעס און מיין וועלט און פֿון מיין ארץ ישראל." דער דיכטער שטרייכט דאָ אונטער מ יי ן וועלט, מיין ארץ ישראל. און עס געלינגט אים צו פֿאַראינטערעסירן דעם לייענער אין זיין וועלט און אין זיין ארץ ישראל, וואָרעם:

„ווי לאַנג עס פֿרייט מיין האַרץ זיך מיטן
ליכט פֿון טאָג,
ווי לאַנג עס איז מיין וואָרט, דאָס גאָלד
פֿון מיין פֿאַרמאָג,
ווי לאַנג עס מאַכט מיך גליקלעך נאָך
דער שמייכל פֿון אַ קינד
— איך בין אַליין נאָך פֿרילינגדיק און
טענצלדיק און לינד."

טענצלדיק און לינד איז מסתמא ניט דעם דיכטערס גרונטלעכע שטימונג, ניט זיינע דאָמינירנדיקע טענער און מאָטיוון, הגם אַ שיינע צאָל לידער אין בוך זיינען צאַרט, ליריש און פֿול מיט ליבשאַפֿט, ווי אַ שטייגער:

„אין דיינע שטובן, ליכטיקע און העלע
זינגען אַלע זאַכן מיר אַ ליבע־ליד."

דער ניגון וואָס רייסט זיך אָפֿטער דורך און גייט אונדז נאָך פֿון די אַלט־אַלטע צייטן פֿון די בערג פֿון צפֿת בשעת זון־פֿאַרגאַנג, קומט גיכער פֿון אַזעלכע שורות ווי:

„פֿון דיינע ביימער אָנגעטאָן אין גאולה
פֿון שקיעה
שפּילן ווינטן מיר אַן אַלטן ניגון.
מיינע זיידעס האָבן אים אַמאָל דאָ
אויפֿגעזונגען
אויף די האַרפֿן־הערצער אָנגעצויגן—"

זיין אינערלעכער שטענדיקער אומרו טרייבט אים פֿון לאַנד צו לאַנד און זיין מיסטישע בענקשאַפֿט צו באַהעפֿטונג מיט ז יי ן ארץ ישראל, מיט זיין שטאַם, מיט זיין זיידעס, דעם „בית יוסף", אַלטע תּפֿילות, וואָס זיינען דורות שטיל גע־שלאָפֿן אינעם הר ציון, לעכצט אַרויס פֿון צווישן די שורות און דערגרייכט מסתמא ביזן אַכטן הימל:

„צי זאָל איך דיך, לאַנד מיינס, ליבן
פֿון ווייטן

. . . . . . . . .

צי זאָל איך מיין בענקשאַפֿט אין וואָרט
בלויז באַצירן,
די ליבשאַפֿט צערטלען אויף מיינע
פּאַפּירן?"

דער אַלטער ניגון און די הייסע בענק־שאַפט קענען אָבער ניט דערשטיקן דעם געשריי און ווייטאָג פון יידישע דיכטערס וואָס ווילן ניט קניען פאַראָבלט ביי די שוועלן פון זייער לאַנד—

„און מיר, וואָס אהבת ישראל איז
אונדזער איינציקער פאַרמעגן,
וועלן ביי אייך נישט, כנענים, בעטלען
און תחנונימדיק פרעגן —
צי מיין יידיש איז קודש . . . "

דאָס איז מסתמא די סיבה פון זיין אָפטן פאָרן און צוריקקומען פון יידישן לאַנד, פון זיין ארץ ישראל. עס ציט צו און עס שטויסט אָפּ — און עס ציט ווידער צו.

פאַר זיין איצטיקן בוך איז דער דיכ־טער חיים לייב פוקס באַלוינט און באַ־ערט געוואָרן לעצטנס מיטן נחום יוד פריז פאַר פּאָעזיע.

## II

## „פון מיין טיפן גלויבן"
## פון שאול מאַלץ

אַרויסגעגעבן פון ציק"אָ פאַרלאַג,
ניו־יאָרק, 1974.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 4 טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַרום די לידער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן פון 1948 ביז 1974, און דריקן אויס מאָטיוון פון קאַמף און ווידערשטאַנד, פון גלויבן און האָפענונג פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. די אַנדערע טיילן פון בוך זיינען אַן אָפּקלייב פון לידער געשריבן אין די פריערדיקע יאָרן פון 1930 ביז 1948.

אין משך פון די אַלע יאָרן איז שאול מאַלץ אַ לערער אין די אַרבעטער רינג שולן און איז אין פולן קאָנטאַקט מיטן טאָג־טעגלעכן יידישן קולטור־לעבן. עס איז, דאַכט זיך מיר, קאָנטיק אַז שאול מאַלצס דיכטונג איז שטאַרק באַווירקט פונעם נאָענטן קאָנטאַקט מיט שול־קינדער און די שטענדיקע זאָרג פאַר דעם נייטיקן דערציִונגס מאַטעריאַל אין אונדזערע יידי־שע שולן. זיינע לידער זיינען רייך מיט די פאַרשיידענע מאָטיוון גענומען פון עקאָ־נאָמישן קאַמף דאָ אין לאַנד בעת דעם שווערן קריזיס פון די דרייסיקער יאָרן; מאָטיוון פון דער אַלטער היים, פון ווייטן אַמאָל, פון חורבן; מאָטיוון פון תנ"ך און באַטירלעך אויך פון ישראל.

די לידער לייענען זיך לייכט, לאָזן זיך דעקלאַמירן און גיבן אונדז טיילווייז אַן אַריינבליק אין דעם שווערן גערא־נגל און טראַגישן גורל פון אונדזער פאָלק.

## III

## „דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער", פון משה שולשטיין

פּאַריז, 1974.

אַ ניי בוך לידער, שיין און מיט געשמאַק אַרויסגעגעבן, קלאָרער דרוק און אנגענעם צו לייענען. פול מיט דערינערונגען און בענקשאַפט נאָך דאָס פאַרגאַנגענע יידישע לעבן, וואָס איז מער נישטאָ. ביטער ווי דאָס לעבן איז דאַן געווען זיינען פאָרט איבערגעבליבן אין זיכרון און אין געמיט שוין אויף שטענדיק דער מאַמעס ניגון:

„כ'האָב הערן זיי געקענט שעה־אויס
שעה־איין
און כ'האָב דערפאַר געלאָזט זיך וויגן,
וויגן,
ביז ס'איז אויף שטענדיק שוין אין מיר
אַריין
מיין מאַמעס ליד, מיין מאַמעס ניגון."

אָדער דאָס ליד „מיין מאַמעס בילד":

„איך ווייס נישט ווו, איך ווייס נישט ווען
איז דיין געשטאַלט פאַרגאַנגען —
בין איך די ראַם
וואָס נעמט אַרום דיין בילד
אין אין־סוף אויפגעגאַנגען."

ווייל ער טראָגט אין זיך אַזוי פיל בענק־שאַפט און ליבשאַפט צו זיין היים, צו זיין טאַטע־מאַמע, צו זיין עבר, קען ער אַליין אויך אַזוי פיל פרייד געפינען אין אַן אַלט שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט מיט יאָרן שפּעטער אין פּאַריז געפונען אין שאַפע צווישן העפטן, טאָוולען, בלעטער — די ערשטע שריפט פון זיין טעכטערל — אַן אַלט פּאַפּיר, נאָר דער אַנטפּלעק אויף אים איז אַ שפּאָגל־נייער!

„עס כאַפּט מיין טעכטערל צום ערשטן מאָל אַ בלייער,
ווי משה האָט געכאַפּט די קויל פון פייער . . . . . . . . .
. . . . . . . .
אין שוואַרצן כאַאָס אָן אַ סדר, אָן אַ זינען,
וועל איך אין יעדן צייכן דאָ אַ שטראַל געפינען."

שוין אַ סך יאָרן ווי שולשטיין לעבט אין פּאַריז צווישן ייִדן. פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך אַריבער קיין תל־אביב, קיין ניו יאָרק אָדער אין אַנדערע ייִדישע ישובים, פרישט אָפּ זיין געמיט, שעפּט דערמוטיקונג און כוחות פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט פאַר זיין ווייטערדיקן קינסטלערישן שאַפן.

דאָס בוך איז איינגעטיילט לויט דער טעמאַטיק: מיין מאַמעס ניגון, די סען, מיין שפּיגל, אַ בוים אין ישראל, אַ שפּיטאָל אין בראָנקס, סאָנעטן און אַנדערע לידער. אַרום און אַרום איז דאָס אַ שיין בוך, מיט קרעפּטיקע היימישע לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס געמיט פון דער פאַרוואָרצלטער ייִדישער אינטעליגענץ, צעשפּרייט אין קליינע גרופּעס איבער גאָר דער וועלט.

## IV

## „אין גאַנג פון דורות"

### פון ד"ר יעקב י. מייטליס

ישראל־בוך פאַרלאַג, תל־אביב, 350 זז.

ד"ר יעקב י. מייטליס איז אַ באַקאַנטער ייִדישער וויסנשאַפטסמאַן, געבוירן אין פוילן, האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע אין דייטשלאַנד, ווו ער איז געווען, ביז דעם נאַצישן פּאָגראָם אין בערלין, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „יודישע רודשאַו". ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל ווערק אין דייטש און שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, האָט ער מיטגעאַרבעט אין ייִדיש־ענגלישע זשורנאַלן.

זינט 1920 האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין ייִדיש און זיינע עסייען ווערן פאַרעפנטלעכט אין „גאָלדענע קייט", „דווקא", „צוקונפט" און אַנדערע ייִדישע זשורנאַלן.

פאַר זיינע וויכטיקע ווערק האָט ער אין 1961 באַקומען די פּרעמיע פון פּאַריזער אָפּטייל פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

זיין „אין גאַנג פון דורות" איז אַ זאַמלונג פון היסטאָריש־תנכישע עסייען און אינעם צווייטן טייל פונעם בוך גייען אַריין אַ ריי אַרבעטן וועגן דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, פאָלקלאָר און אַ צאָל מאמרים וועגן העברעישע און ייִדישע שרייבערס — אַ שטייגער: חיים גרינבערג, שמעון ראַווידאָוויטש, שלום עליכם, ש. אַנ־סקי, ה. לייוויק, ברוך האַגער, יוסף חיים ברענער, מ. י. בערדיטשעווסקי און ז. פייערבערג.

ווי אַ סיום קומט אַ פאַרטראַכטע מחשבה אַרבעט „געדאַנקען וועגן גאולה".

ס'איז אַ וויכטיק טיף פאַרטראַכט בוך פון אַ טיפן ייִדישן דענקער. באַשטעלונגען פאַרן בוך ווערן אָנגענומען דורכן ל.א. ייִדישן קולטור־קלוב און דעם זשורנאַל „חשבון".

## תיקון טעות

אין דעם ספּעציעלן נומער חשבון לכבוד אַריה פאָזיס 80 יאָר זיינען צום באַדויערן אַרויסגעפאַלן די באַגריסונגען פון דעם

דאָלניק לייען־קריין
חוה און גרשון פרידמאַן
ליבע און מאיר טיילאָר
לאה און שמואל אָסטראָף (ברוקלין).



# דער אַלט-נייער קריזיס פון דער יידישער פרעסע

אין שייכות מיטן איצטיקן הילפסרוף פון פאָרווערטס דערמאָן איך זיך אַז נאָך מיט אַכט יאָר צוריק האָבן עטלעכע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס אין שרייבערס פון לאָס אַנגעלעס זיך געווענדט צו געוויסע יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס מען זאָל שאַפן אַ באַוועגונג צו דריקן אויף די צענטראַלע יידישן פאָנדן אַז זיי זאָלן העלפן אויסהאַלטן יידישע צייטונגען און צייטשריפטן.

דער שטויס דערצו איז געקומען פון אַ פריוואַטן שמועס וואָס איך האָב דאַן געהאַט מיטן רעדאַקטאָר פון טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ד״ר ש. מאַרגאָשעס ע״ה. איך זאָג פריוואַטן, ווייל מען האָט נאָך דעמאָלט ניט געטאָרט רעדן וועגן דעם עפנטלעך. שמואל מאַרגאָשעס, ווי אַן אינעווייניקסטער מענטש אין רעדאַקציע קרייזן, האָט מיר קאָנפידענציעל דערציילט אַז דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל ליידט גרויסע דעפיציטן. כל זמן דער אַרויסגעבער, מאָריס וויינבערג, לעבט, וועט די צייטונג אַרויסגיין. אָבער וויינבערג איז אַ ייד אַ זקן און אַז נאָך אים וועלן זיינע יורשים די צייטונג געוויס מער ניט אַרויסגעבן. מאַרגאָשעס האָט אויך דערמאָנט דעם פאָרווערטס, אַז ער עסט כסדר אויף די אָנגעזאַמלטע רעזערוון, און כאָטש דערווייל העלפט נאָך די ראַדיאָ דעקן די דעפיציטן, נאָר דאָס וועט זיך אויך באַלד אויסלאָזן.

אָט די אינפאָרמאַציע איז שוין דאַן אויך געווען ניט ניי. מיר אַלע האָבן דאָך שוין פון לאַנג געפילט די סכנה וואָס רוקט זיך אָן. נאָר אָט די רייד פון איינעם, וואָס איז גוט אינפאָרמירט, האָט אונדז דאַן אָנגערעגט עפעס צו טאָן וועגן דעם. האָבן מיר זיך געווענדעט צום אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס מיט אַ פאָדערונג אַז אויך יידישע קולטור־אַרבעט זאָל געשטיצט ווערן פון קהלשע פאָנדן, אַזוי ווי עס ווערן געשטיצט יידישע זשורנאַלן און צייטשריפטן אויף דער לאַנד־שפראַך; אַז עס זאָל אָפגעשאַפט ווערן די ביטול באַציונג צו יידיש און יידישע קולטור מצד די צענטראַלע פאָנדן, וואָרעם דאָס איז דאָך אַן ענין פון גאַנצן יידישן פאָלק.

די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַמאָל אויסגעווירקט אַז דער „דזשאָינט״ זאָל שטיצן יידישע קולטור אינסטיטוציעס אין פוילן. אפילו פון אַנטיסעמיטישע רעגירונגען פלעגן מיר פאָדערן צו שטיצן אונדזערע אינסטיטוציעס. און אפילו איצט פאָדערן מיר דאָך פון דער סאָוועטישער רעגירונג זי זאָל העלפן יידישע פובליקאַציעס. מעגן מיר דאָך אַוודאי פאָדערן אַז יידישע צענטראַלע פאָנדן פון אַ ישוב, וואָס זאַמלט הונדערטער מיליאָנען אַ יאָר, זאָל אויף זיך נעמען כאָטש אַ טייל פון דעם זאָרג פאַר נייטיקע יידישע אינסטיטוציעס ווי פרעסע און צייטשריפטן.

אַזוי טוען דאָך אונדזערע צענטראַלע פאָנדן אין ישראל. אויך די קאַנאַדער רעגירונג גיט סובסידיעס פאַר יידישע ווערק. און דער באַקאַנטער יידישער שרייבער, יצחק קאַהאַן פון אויסטראַליע, שרייבט מיר, אַז די דאָרטיקע רעגירונג האָט אויך באַוויליקט אַ סומע געלט אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן. טאָ פאַרוואָס זאָלן אונדזערע צענטראַלע פאָנדן דאָ אין לאַנד זיין אַן אויסנאַם?

מיר האָבן דאַן, מיט אַכט יאָר צוריק געשיקט אונדזער ווענדונג צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, מ'זאָל דאָס פאַרעפנטלעכן אין פאָלק און וועלט, דעם חודשלעכן אָרגאַן פון קאָנגרעס. ווי אַזוי די פירערס פון וועלט־קאָנגרעס און אפילו די פירערס פון אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן רעאַגירט אויף דעם איז אַן ענין פאַר זיך. איינעם פון אונדזערע אונטערגעשריבענע שרייבערס, אַברהם גאָלאָמבן, האָט מען באַשולדיקט אין פערזענלעכע כוונות, אַז ער זוכט רעקלאַמע אָדער אָרט ווו זיך צו דרוקן; טייל אַנדערע אונטערגעשריבענע האָט מען אויסגעלאַכט ווי פראָווינציאַלן. אָנפירערס פון צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק האָבן אפילו אויסגעמוסרט לאָס אַנגעלעסער אַקטיווע מענטשן, פאַרוואָס זיי האָבן געגעבן די הסכמה צו נוצן זייערע נעמען אויף דעם דאָזיקן רוף.

איצט אַז דער פאָרווערטס אַפעלירט נאָך הילף איז אפשר כדאי צו דערמאָנען יענעם

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## דער מזומן-קאַמפּיין פאַר יידישע נויטן

דער פאַראייניקטער יידישער וועלפער-פאָנד אין לאָס אַנדזשעלעס, אונטערן אויפזיכט פון דעם יידישן פעדעראַציע קאונסיל (קהילה) פירט איצט אַ קאַמפּיין צו שאַפן פינף מיליאָן דאָלער אין מזומן פאַר די עמוירדזשענסי נויטן אין ישראל און יידישע הצטרכותן איבער דער וועלט.

דער יערלעכער קאַמפּיין פאַר פאָנדן איז פאָרמעל פאַרענדיקט געוואָרן אין מאַי, אָבער די גרויסע נויטן אין ישראל צו דעקן דעם נאַציאָנאַלן דעפיציט וואָס איז לעצטנס באַזונדערס געוואַקסן (עס ווערט פאַרויסגעזען אַרום דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלער אונטערשייד צווישן דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט פון סחורות היינטיקן יאָר); די פרייזן אויף קאָנסומער-אַרטיקלען זייַנען געשטיגן אויף 56 פּראָצענט אין משך פון 1974 און אַ צוגאָב-העכערונג פון 18 פּראָצענט היינטיקס יאָר. דאָס לייגט אַרויף שווערע לאַסטן אויף יעדן איינוווינער און פאַרשטייט זיך אויך אויף די הילף-אינסטיטוציעס וועלכע באַדינען די באַפעלקערונג.

עס איז דעריבער געוואָרן נייטיק, לויט דער דערקלערונג פון אירווין ס. פילדס און אירווין גאָלדענבערג, די אָנפירערס פון דעם קאַמפּיין, צו זאַמלען צוגאָב-פאָנדן דורך די זומער-חדשים, סיי דורך אויפמאָנען אַלטע פאַרפליכטונגען און סיי דורך צוגאָב-סומעס אין דעם מזומן-קאַמפּיין פון די וואָס האָבן שוין פריער בייגעשטייערט צו די זאַמלונגען אין דער היגער געמיינדע. די וואָלונטירן וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמפּיין פון יידישן וועלפער-פאָנד, (אין אַנדערע שטעט ווערט עס גערופן דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל") וועלן איצט מוזן ווידער איינשפּאַנען זייערע ענערגיעס אויף פאַרצוזעצן זייער מי צו שאַפן די נייטיקע צוגאָב-פאָנדן.

פאַר די לייענער פון „חשבון" מחוץ לאָס אַנדזשעלעס איז כדאי צו באַריכטן, אַז אין דעם מערב-ראַיאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס נעמט אַרום 82 שטעט, איינשליסלעך לאָס אַנדזשעלעס, זייַנען לעצטן יאָר געזאַמלט געוואָרן איבער 83 מיליאָן דאָלער. דאָס איז איבער 15% פון דער אַלגעמיינער סומע וואָס דער „אַפּיל" האָט געשאַפן איבער גאַנץ אַמעריקע. אין פאַרלויף פון יאָר 1975 דערוואַרט מען צו שאַפן איבערן גאַנצן לאַנד 550 מיליאָן דאָלער. האָפנטלעך וועט דער חלק וואָס לאָס אַנדזשעלעס וועט בייטראָגן צו דעם אַלגעמיינעם קאַמפּיין ניט זיין קלענער ווי פאַראַיאָרן אויב ניט אַ סך גרעסער, לויט די נויטן פון דער צייט.

## די הילף-קאַמפּאַניע פאַרן „פאָרווערטס"

דער „פאָרווערטס", די איינציקע יידיש-נאַציאָנאַלע טאָג-צייטונג אין אַמעריקע, ראַנגלט זיך מיט אַ פינאַנציעלן קריזיס. אין דעם אַלאַרם-אויפרוף פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם כמעט אַכציק יאָר אַלטער טאָג-צייטונג, ווערט פּראָסט-פּשוט געזאָגט, אַז אויב עס וועט ניט געשאַפן ווערן אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע חדשים מינדעסטנס אַ פערטל מיליאָן דאָלער, דראָט עס מיט דער געפאַר אַז

---

אויפרוף, אפשר וועט עס געפינען מער פאַרשטענדעניש אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. און אפשר וועט אויך דער פאָרווערטס פון דעם עפּעס לערנען. כאָטש איצט איז ניט די צייט צו קריטיקירן, דאָך מעג מען האָפן, אַז ס'איז צייט צו באַרייכערן און פאַרטיפן דעם לייען-מאַטעריאַל און על כולם זען אַריינצוציען ייִנגערע שרייבערס און אַ פרישן גייסט, וואָס זאָל אויך אַפּעלירן צו אונדזער יונגן דור, צו די וואָס אינטערעסירן זיך אָדער וואָלטן געקאָנט זיך אינטערעסירן מיט יידישע ענינים.

אַלעקס ראָבין

דער „פאָרווערטס", וואָס האָט געהאָלפן בויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און הילף־אינסטיטוציעס, די לאַנדסמאַנשאַפטן — מיט איין וואָרט: דעם גאַנצן גייסטיקן פאַרמעגן פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע — זאָל חלילה אונטערגיין.

לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט מיט אָרגאַניזירן אַ הילף־קאַמפּאַניע פאַרן „פאָרווערטס"! אָבער די יידישע געזעלשאַפט אין אונדזער שטאָט קען אָט די פאַרשפּעטיקונג פאַרגיטיקן דורך אַן אינטענסיוון קאַמפּיין אין משך פון די קומענדיקע צוויי חדשים צו העלפן ראַטעווען דעם „פאָרווערטס" פון אונטערגאַנג. לייענער פון „פאָרווערטס" האָבן ביז היינט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויפן אַפּיל פון זייער טאָג־צייטונג. אגב האָבן אויך לייענער פון „פאָרווערטס" אין און אַרום לאָס אַנדזשעלעס געמאַכט זייער ביישטייער צום הילף־קאַמפּיין. איצט וואַרט מען אויף דעם אָפּרוף פון די גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען זייער איינפלוסרייך אין היגן יידישן געמיינדע־לעבן, בייצושטייערן גרעסערע סומעס, און וועלכע פאָרמען עס זיינען נאָר מעגלעך, ניט צו דערלאָזן די קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויב דער המשך פון „פאָרווערטס" זאָל חלילה איבערגעריסן ווערן.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן דער אַרבעטער־רינג, דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד און די מייסטע לאַנדסמאַנשאַפטן און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין דער שטאָט, האָט אַרויסגעגעבן אַ רוף צו אַלע זיינע מיטגלידער און פריינד פון יידישן וואָרט, צו קומען צו הילף דעם „פאָרווערטס". דער אויפרוף, אונטערגעשריבן פון ד"ר עזריאל נאַקס, פאָרזיצער, און חיים בעז, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר, פאַרענדיקט זיך מיט אָט די ווערטער: „מיר רופן אַלעמען צו קומען צו הילף דעם „פאָרווערטס" מיט דער ברייטער האַנט אין דער שווערער שעה פון סכנה. עס איז ניט מעגלעך קיין יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אָן אַ טעגלעכער יידישער צייטונג, וואָס שטיט אויף דער וואַך פון אונדזערע פאָלקס־אינטערעסן."

די רעדאַקציע פון „חשבון" שליסט זיך אָן דעם דאָזיקן רוף מיט דער האָפענונג, אַז אונדזערע לייענער און פריינד וועלן אין משך פון די נאָענטסטע טעג און וואָכן אַריינשיקן ברייטהאַרציקע ביישטייערונגען צו די „פריינט פון פאָרווערטס", 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, 10016.

## זאב יאַראָסלאַווסקי — נייער סיטי־קאַונסילמאַן אין לאָס אַנדזשעלעס

לאָס אַנדזשעלעס האָט דעם 27סטן מאַי דערווילט דעם 26 יאָריקן זאב יאַראָסלאַווסקי אַלס מיטגליד אינעם שטאָט־קאָונסיל. ער האָט געקראָגן 55 פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען אין די שטיך־וואַלן אין וועלכער עס האָבן פיגורירט צוויי קאַנדידאַטן. דער צווייטער קאַנדידאַט אין געווען פראַן סאַוויטש, אַ פרוי וואָס פאַרנעמט אַ זייער הויכן אַמט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אונטער מעיאָר ברעדלי און וועלכע איז אינדאָרסירט געוואָרן פון די אָנגעזעענסטע פּאָליטישע פירערס פון דער יידישער געמיינדע.

די וואַלן זיינען פאָרגעקומען אין דעם געדיכט באַפעלקערטן יידישן געגנט, אינעם 5טן דיסטריקט אויף דער וועסט־סייד, וואָס איז פריער געווען פאַרטראַטן פון עד עדעלמאַן, איצט איינער פון די פינף סופּערווייזערס אין ל. א. קאָונטי. די ליסטע פון מענטשן וואָס האָבן אינדאָרסירט פראַן סאַוויטש לייענט זיך ווי אַ רשימה פון די סאַמע אָנגעזעענסטע יידישע כלל־טוערס און אָרגאַניזאַציעס, אַחוץ דעם איז פראַן סאַוויטש אינדאָרסירט געוואָרן פון ביידע סענאַטאָרן פון קאַליפאָרניע, פון מעיאָר ברעדלי, פון דעם געוועזענעם גאָווערנאָר בראַון און פון די מיינסטע פירערס פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע. אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט משמעות רעוואָלטירט קעגן דער „עסטאַבלישמענט" דורך דערווילן אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אין זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קאַריערע זיך אָפּגעזונדערט פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט אין דער שטאָט און פון דער יידישער געמיינדע.

זאב יאַראָסלאַווסקי האָט צוזאַמען מיט סיי פרומקין אָנגעפירט מיט דעם „קאָונסיל פאַרן סאָוועטישן יידנטום", וואָס איז ניט אָנערקענט געוואָרן דורך דער „קאָמיוניטי ריליישאַנס קאָמיטע" פון דער יידישער פעדעראַציע אויף 590 נאָרד ווערמאָנט עווניו, וואָס ווערט באַטראַכט ווי די יידישע קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס. דער יידישער פעדעראַציע קאָונסיל האָט זיין אייגענעם קאָמיטעט וואָס פאַרנעמט זיך מיט ענינים פון סאָוועטישע יידן. אָבער יאַראָסלאַווסקי האָט צו פאַרדאַנקען די דערוויילונג צו זיין הויכן פאָליטישן אַמט, זיין אייגענער פאָפּולאַריטעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

לויט ווי עס דערציילט אונדז דער לאַנג-יאָריקער קולטור-עסקן, אַלעקס ראַבין, קומט דער ניי-דערוויילטער קאָונסילמאַן פון אַ היים פון ציוניסטישע אַרבעטער-טוערס און יידישע פאָלקס-מענטשן. זיין פאָטער, דוד יאַראָסלאַווסקי און זיין מוטער מינאַ, זיינען ביידע געווען לערערס אין די יידישע פאָלקס-שולן און זיי האָבן געווידמעט זייער געזעלשאַפטלעכע ענערגיע צו יידישע כלל-ענינים. ביידע זיינען געווען אַקטיווע טוערס אין דער פועלי-ציון אָרגאַניזאַציע. די מוטער איז געשטאָרבן ווען זאב איז נאָך געווען אַ יונגער ייִנגל. זאבס שוועסטער שמעונה האָט עולה געווען קיין ישראל. אַ שאָד וואָס די עלטערן האָבן ניט דערלעבט צו זען דעם נחת פון זייערע קינדער.

זאב יאַראָסלאַווסקי פלעגט אָפט אַרויסטרעטן ביי פאַרזאַמלונגען פון יידישע אָרגאַניזאַציעס צו ריידן וועגן פראָבלעמען פון סאָוועטישע יידן. מיט אַ צייט צוריק האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ סימפאָזיום וועגן יידיש-סאָוועטישער עמיגראַציע, אין יידישן קולטור-קלוב, אונטערן פאָרזיץ פון זלמן זילבערצוויַיג ז"ל.

די רעדאַקציע פון „חשבון" האָט דעם כבוד צו באַגריסן דעם ניי-דערוויילטן פאָלקס-פאַרטרעטער אין דער שטאָט און אים ווינטשן דערפאָלגרייכע דערגרייכונגען לטובת דער שטאָט און דער גרויסער יידישער געמיינדע אין לאָס אַנדזשעלעס.

# „ייווא-טאָג" אין לאָס אַנדזשעלעס

**זונטאג, דעם 3טן אויגוסט, 1975,** ה דער היגער ייווא-קאָמיטעט איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון יידישן קולטור-קלוב אַ „ייווא-טאָג".

דער פאָרזיצער פון ייווא-קאָמיטעט, פריינד אַלעקס ראָבין, טיילט מיט ביי דער דערעפענונג, אַז מיר וועלן דעם צוזאַמענטרעף אָנהייבן מיט באַערן דעם אָנדענק פון די יידישע שרייבערס, קולטור-טוער און אינטעלעקטואַלן אומגעבראַכטע אין ראַטן-פאַרבאַנד.

דער היגער פאָעט, משה שקליאַר ווערט פאַרבעטן ברענגען צום אויסדרוק אונדזערע אַלעמענס געפילן און שטימונגען אין שייכות מיט דער טרויעריקער דאַטע, וואָס פאַלט אויס אין חודש אויגוסט. פריינד שקליאַר דערמאָנט די נעמען פון די אומגעבראַכטע: דוד בערגעלסאָן, פרץ מאַרקיש, יצחק פעפער, זוסקין און פיל, פיל אַנדערע. אין דער זעלבער צייט האָבן אין די סאָוועטישע לאַגערן געשמאַכט טויזנטער אינטעלעקטואַלן, נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען געווען יידן. פריינד שקליאַר פאַרענדיקט מיט אַ פאָעמע פון זיינע אייגענע שאַפונגען: „אין טרויער טאָג".

אין שייכות מיט דער זייער וויכטיקער דאַטע „50 יאָר ייווא" האָבן מיר איינגעלאַדן צו אונדזער היינטיקן ייווא-טאָג דעם גאַסט דאָ אין שטאָט, ד"ר פסח מאַטענקאָ. ביי דער געלעגנהייט באַגריסט דער פאָרזיצער דעם אָנוועזנדן אברהם גאָלאָמב ווי איינעם פון די ערשטע גרינדער פון ייווא אין ווילנע.

ד"ר מאַטענקאָ גיט אַן אַלזייטיקן איבערבליק פון ייווא אין משך פון 50 יאָר עקזיסטענץ אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און פאָרש-אַרבעט. דער רעדנער שטרייכט אונטער דעם גרויסן ווערט פון דער רייכער ביבליאָטעק ביים ייווא, וועגן דעם

# צום קאָנצערט פון די פּערשקאָס אין לאָס אַנדזשעלעס

זונטאג, דעם 27טן אַפּריל, הייַנטיקס יאָר, איז פאָרגעקומען אין ווילשייר־עבעל טעאַטער דער קאָנצערט פון דעם קינסטלער־פּאָרל: שרה און חיים פּערשקאָ.

די דערמאָנטע קינסטלער זייַנען ביי אונדז ניט קיין פּנים חדשות; עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז זיי באַזוכן אונדז אַלע צוויי יאָר. זייער אויפטרעטן ביי אונדז רופט שטענדיק אַרויס גרויס באַגייסטערונג, און אויך דאָס מאָל האָבן זיי מיט זייער געזאַנג און פּיאַנאָ אַרייַנגעבראַכט אין דער לאַנדשאַפט פון יידישן לאָס אַנדזשעלעס יום־טובדיקייט און דערהויבנקייט. נאָך מער, דאָס מאָל האָבן זיי זיך אַליין איבערגעשטיגן, ברענגענדיק אַ מין באַנייאונג, אויפפירנדיק לידער און מוזיקאַלישע פּיעסן פון גאָר אַ הויכן קינסטלערישן פאַרנעם.

דער רעפּערטואַר איז געווען אַ רייַכער, אינטערעסאַנטער און אַ נייַער, צוגעפּאַסט צו דער צייַט און די אומשטענדן און צו דעם געמיט פון דעם יידישן מענטשן אין דער איצטיקער תקופה.

שרה מיטן זינגען און חיים מיטן אַקאָמפּאַנירן זי אויף דער פּיאַנאָ, שאַפן אַ וווּנדערבאַרע האַרמאָניע, און זייַנען משלים איינער די אַנדערע. חיים פּערשקאָ האָט געשאַפן אַ נייַע פּיעסע, אַ מין מוזיקאַלישן „עפּאָס" געווידמעט די גבורים פון דער יום־כיפור מלחמה, ווו ער פאַראייביקט סיי די שלאַכטן און סיי די האָפענונג, די העלדישקייט פון צה"ל שאַלן מיט גבורה פאַרן אויער; איר פילט ממש ווי דער יונגער העלד קעמפט ווי אַ לייב פאַר דער פרייהייט פון זיין לאַנד; ער באַוויינט די פאַרלוסטן, אָבער פאַרלירט ניט די האָפענונג און גייט אָן מיטן בויען דאָס היימלאַנד און זינגט ווייטער „עוד לא אבדה."

שרה, מיט איר זילבערנער לירישער סאָפּראַנאָ שטימע, איז די וווּנדערבאַרע אויסטייטשערין פון דעם יידישן ליד. מיט איר קלאַנג און קלאָריט, איר דיקציע און איר אייגנאַרטיקער אינטערפּרעטאַציע, ספּעציעל פון דעם פאָלקס־ליד, איז זי אוניק. דער יידיש באַקומט ביי איר אין מויל אַ וווּנדערבאַרן קלאַנג, קלאָר, ריין, קינסטלעריש, פאַרבנרייך און עכט. וואָס פאַר אַ מוזיקאַלישע וויטאַליטעט איר שטימע פאַרמאָגט.

וואָס פאַר אַ שלל פון אויסדרוק־פאַרמעג, פון מעגלעכקייט, פון סטיל דאָס אַריבערגיין פון איין ליד צו אַ צווייטן, פון גאָר באַזונדערע שטימונגען אין טעמאַטיק, פון אַ צאַרטן וויגליד, וואָס פאַרשלעפערט אַ קינד, צו אַ מעכטיקן פּראָטעסט־אויסדרוק, וואָס שטורעמט די היימלישע הייכן פאַר גערעכטיקייט צו פאָלק און מענטש — איז ביי איר פּשוט צו באַוווּנדערן.

די פּערשקאָס זייַנען הייַנט צו טאָג די איינציקע אויף דער יידישער גאַס, „די לעצטע מאָהיקאַנער" וואָס דערהויבן דאָס יידישע ליד צו די העכסטע שטופן.

דער רעציטאַל האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביים עולם, אויף וואָס עס האָבן עדות געזאָגט דער פולער זאַל און די שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. די צוהערער האָבן אויסגעדריקט באַגייסטערונג פאַר זייער גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט און קינסטלערישע דערגרייכונגען און אויך פאַר זייער שטאַרקן מאָראַלישן כוח איבערצוקומען אַלע שוועריקייטן. ניין, קיין טייוולאָנישער כוח איז ניט אומשטאַנד צו דערדריקן דעם מענטשלעכן גייסט.

די פּערשקאָס שטייען פאַר אונדז ווי אַ לעבעדיקער סימבאָל פון נצחון איבער די

---

ריזיקן און ממש אומשאַצבאַרן אַרכיוו פון ייוואָ.

דער איבערזיכט פון ד"ר מאַטענקאָ ווערט אויפגענומען דורך די אָנוועזנדע מיט אַ סך וואַרעמקייט.

נאָך דעם האָט פרייַנד שייע שיכאַטאָוו גערעדט וועגן די ווייטערדיקע אַרבעטן פון ייוואָ אין לאָס אַנדזשעלעס.

לויט דעם אָפּרוף פון די באַטייליקטע איז דער „ייוואָ־טאָג" געווען זייער אַ געלונגענער. עס האָבן זיך באַטייליקט אַ גרעסערע צאָל פרייַנד און סימפּאַטיקער פון ייוואָ.

**שייע שיכאַטאָוו**

פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר ייוואָ קאָמיטעט,
לאָס אַנדזשעלעס.

# יובילײ־פײערונג פון ציליע און שלמה צוקערמאַן

אין לאָס אַנדזשעלעס װוינען, קײן עין הרע, אַ סך ייִדן, וכן ירבו, און, װי נאַטירלעך, קומען פֿאָר צװישן זײ אַ סך יובילײ־פײערונגען פֿון געבוירנטעג און חתונות. איבער פֿאַרשטענדלעכע סיבות קענען די אַלע געשעענישן אין „חשבון" ניט פֿאַרצײכנט װערן. מיט אײנער אַזאַ פײערונג מאַכן מיר אָבער אַן אױסנאַם — און דאָס איז די טאָפּלטע יובילײ־פײערונג פֿון ציליע און שלמה צוקערמאַן: ס'איז געפײערט געװאָרן זײער בײדנס גאָלדענע חתונה און ציליעס דימענטענער געבוירנטאָג.

פֿאַר װאָס מאַכן מיר אַן אױסנאַם מיט אָט דער פײערונג — פּשוט דערפֿאַר װײל זײ בײדע צײכענען זיך אױס מיט זײערע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקײטן אױף אַלערלײ ייִדישע געביטן אין אונדזער היגן ייִדישן לעבן. ציליע איז אין משך פֿון אַ סך יאָרן געװען און פֿאַרבליבן טעטיק סײ צװישן די פּיאָנערן פֿרױען און סײ אין ייִדישן קולטור־קלוב, און שלמה האָט זיך אױסגעצײכנט מיט זײנע ניט װײניקער לאַנג־יאָריקע טעטיקײטן אין און אַרום ייִדיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד (איצט: פֿאַראײניקטע ציוניסטישע אַרבעטער געזעלשאַפֿט), דעם פֿאָלקס־אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער דערציִונג, און איבערהױפּט אין ל. א. ייִדישן קולטור־קלוב, װוּ ער איז אַלע מאָל געװען און פֿאַרבליבן אײנער פֿון זײנע טעטיקסטע און עיקרדיקסטע אָנפֿירערס.

און בכלל זאָל דערבײ פֿאַרצײכנט װערן, אַז שלמה צוקערמאַן איז אין די לעצטע יאָרן געװען דער דאָזיקער, װאָס האָט ממש געראַטעװעט דעם קולטור־קלוב פֿון אונטערגאַנג — ער האָט פֿאַרקױפֿט דעם אַלטן בנין פֿונעם קלוב (מחמת אין משך פֿון יאָרן האָט די לאָס אַנגעלעסער ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿאַרלאָזט יענעם געגנט װוּ עס האָט זיך געפֿונען זײן בנין) און האָט אױפֿגעבױט דעם נײעם פּרעכטיקן בנין װוּ דער קלוב געפֿינט זיך אַצינד.

די פײערונג פֿון דעם צוקערמאַן פּאָרפֿאָלק טאָפּלטן יובילײ איז געװען באמת גרױסאַרטיק, און פֿאָרגעקומען איז עס באַלד נאָך פּסח טאַקע אין דעם הױז פֿון די יובילאַרן, אַראַנזשירט פֿון זײערע צװײ געראָטענע טעכטער, עטל און מילדרעד, זײערע משפּחות און אַ גרױסע צאָל פֿון זײערע נאָענטסטע אינטימע פֿרײנד. ס'איז געװען צום עסן און טרינקען, װי מ'זאָגט, כיד המלך, באַגלײט מיט געזאַנג און מוזיק פֿון אונדזער באַקאַנטן מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר, חיזן הערעלד גרין.

לױט דער בקשה פֿון די יובילאַרן זײנען קײן סך באַגריסונג־רעדעס ניט געהאַלטן געװאָרן. אין נאָמען פֿון דער צוקערמאַן משפּחה האָבן זײ באַגריסט זײער אײדעם, נײטן סענענסיב און זײער מחותן מר. סענענסיב, און אין נאָמען פֿון זײערע פֿיל־צאָליקע פֿאַרזאַמלטע פֿרײנד האָט זײ באַגריסט חבר אריה פֿאָזי.

לײדער האָבן מיר ניט פֿאַרצײכנט דעם

שװאַרצע כוחות אין אונדזער ציניִשן הײנט און װי אַבֿרהם אָבֿינו איז אַרױס געלײטערט פֿון נמרודס ברענענדיקן קאַלכאױװן, אַזױ זײנען זײ אַרױס געשטאַרקט פֿון די היטלער רציחות. און װוּנדער איבער װוּנדער! אפֿילו נאָך אַזעלכע פֿיזישע פֿאַרלוסטן װאָס זײ האָבן געליטן, איז זײער גלױבן אין מענטשן ניט געמינערט געװאָרן, און אָפֿט זינגען זײ מיט טשערניכאָװסקין („אאמינה גם בעתים, אף אם ירחק זה היום"):

„יאָ, איך גלױב אױך אין דער צוקונפֿט,
כאָטש ס'איז יענער טאָג נאָך װײט."

ניט קײן װוּנדער, אַז זײ צײלן פֿיל טױזנטער פֿאַרערער און פֿרײנד אומעטום װוּ זײ טרעטן אױף.

בקיצור, זײער קאָנצערט האָט אַרײנגעבראַכט נשמה יתירהדיקײט אין אונדזער ישוב. עס קומט דערפֿאַר אַ גרױסער יישר־כּוח דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער דערציִונג, װאָס האָט גרױסמוטיק פּאַטראָניזירט דעם פּערשקאָ־קאָנצערט, און אָנערקענונג דעם קאָמיטעט, װעלכער האָט למעשה צושטאַנד געבראַכט די אונטערנעמונג.

**ש. ש. לײנער**

אינהאַלט פון די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון זייער אײדעם און מחותן, אָבער די רעדע פון אַריה פּאָזי, ווייל זי איז פאַרצייכנט און אויפגעהיט געוואָרן פון דעם מחבר אַליין, גיבן מיר איבער מיט איניקע קיצורים:

## די רעדע לכבוד די צוקערמאַנס פון אַריה פּאָזי

ביי יידן איז איינגעפירט אַז נאָך שאַרפע טעג פון טרויער קומען גלייך טעג פון פרייד.

אָט, למשל, גלייך נאָך תשעה באב קומט שבת נחמו;

ווי נאָר עס ענדיקט זיך יום־כיפור דאַרף מען טאַקע אין דער זעלביקער נאַכט אָנהייבן בויען די סוכה;

חתן כלה פאַסטן אין טאָג פון זייער חתונה, טרויערן, שלאָגן זיך על חטא בכדי צו פרייען זיך מיט דער גרויסער פרייד אונטער דער חופה.

דערציילט טאַקע די יידישע אגדה, אַז אין דעם טאָג וואָס דער שונא האָט פאַרוויסט און חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, אין זעלביקן טאָג איז געבוירן געוואָרן משיח.

אויף דעם סמך איז טאַקע זייער יידישלעך לויט דער יידישער טראַדיציע, וואָס נעכטן האָבן מיר אין אונדזער קולטור־קלוב געטרויערט דעם יום השואה דורך די דייטשן, ימח שמם וזכרם, זאָלן מיר היינט אָוונט פרייען זיך מיט דער טאָפּלטער שמחה פון אונדזערע בעסטע, ליבסטע און געאַכטעטסטע פריינד, ציליע און שלמה צוקערמאַן.

וואָס קאָן מען זאָגן און ווו קאָן מען געפינען אויסדרוק פאַר אַזעלכע שטימונגען און געפילן, וואָס, איך ווייס, אַז ביי אייך אַלעמען, ווי ביי מיר, ברוזין זיך היינט אין האַרצן—

אַ טאָפּלטע יובילײ־פייערונג פון אַזעלכע ליבע, גוטע, אינטימע פריינד, ווי ציליע און שלמה צוקערמאַן!...

פאַר מענטשן זיינען אָפט מאָל געגעבן אַזעלכע אינטימע געפילן, וואָס לשון האָט פאַר זיי קיין ווערטער ניט, וואָס דורך לשון קאָנען זיי ניט אויסגעדריקט ווערן.

קען מען דען דורך שפּראַך אויסדריקן די געפילן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן צו זייערס אַ קינד?...

אָדער — זיינען דען פאַראַן ווערטער, וואָס זאָלן אויסדריקן די געפילן פון אמתער טיפער ליבע פון צווישן אַ פּאָר פאַלק — ניט נאָר בעת זייער באַהעפטונג, נאָר אומאָפּהענגיק (איך באַטאָן: אומאָפּהענגיק) פון זייער געשלעכטלעכן פאַרקער.

פאַראַן פאַר דעם אַזעלכע געניצטע ווערטער ווי: ליבע, אַכטונג, איבערגעגעבנקייט, באַגערעקייט און אַזוי ווייטער און ווייטער. אָבער די אַלע ווערטער דריקן ניט אויס די טיפע אינטימע געפילן פון די אָנגעהעריקע מענטשן.

שרייבערס, ביי אַזעלכע געלעגנהייטן באַנוצן זיך מיט אַלערליי סימבאָלן, אָדער זיי גיבן זיך אַן אַנדער עצה: זיי רירן אָן דעם ענין טעמאַטיש און ווען עס גרייכט דעם סאַמע עצם, שטעלן זיי אַוועק דריי פּינטעלעך. ד״ה, דו לייענער, זיי זיך אַליין משער וואָס דאָס באַטייט. ער אַליין, דער שרייבער, האָט ניט קיין ווערטער פאַר דעם ווי דאָס אויסדריקן, ווי דער מאָלער האָט ניט פאַר דעם קיין פאַרבן, און, וואָס, אפשר — און טאַקע ניט מער ווי אפשר — האָט דער מוזיקער פאַר דעם געהעריקן ניגון און קלאַנג.

מיר אַלע פילן, און מיר אַלע זיינען היינט דאָ צוזאַמען געקומען בכדי אינטים אויסצודריקן אונדזערע געפילן פון פריינדשאַפט צו ציליע און שלמה צוקערמאַן. אָבער וואָס פאַר אַ שבחים מיר זאָלן וועגן זיי ניט איבערדערציילן, זיינען זיי דאָך אַלץ צו שוואַך לגבי זייערע מעשים און איבערהויפּט לגבי זייערע געפילן און איינגנשאַפטן, וואָס האָבן אין משך פון זייערע לעבנס זיי סטימולירט צו טאָן די דאָזיקע טואונגען וואָס זיי האָבן געטאָן.

סע וואָלט, למשל, געוועזן לחלוטין ניט גענוג צו קומען און אַרויסברענגען זייער אַן איינציקן טאַט, אַז שלמה, מיט דער דער גוטהייסונג און דערמוטיקונג פון ציליע, האָט זייער גרויסע פאַרדינסטן מיט דעם וואָס ער האָט אויפגעבויט דעם

איצטיקן בנין פון אונדזער קולטור־קלוב און האָט דורך דעם גערעַטעוועט דעם סאַמע קיום פון דער דאָזיקער אונדז באַליבטער קולטור־אינסטיטוציע.

געוויס איז דאָס אַ גרויסער אויפטו, גאָר אַ גרויסער אויפטו, אָבער ניט אין דעם איז דאָך דער סאַמע עיקר — דער עיקר איז דאָך אין דעם, וואָס איז פאַרהוילן אין דעם עצם פון צוקערמאַנס כאַראַקטער, וואָס האָט אים — מיט ציליעס קאָאָפּעראַציע און דערמוטיקונג — באַוויזן צו אונטערנעמען און צו דורכפירן אָט די גוטע אַרבעט.

און מיר אַלע ווייסן און געדענקען, אַז דאָס איז דאָך ניט די איינציקע גוטע אַרבעט וואָס זיי האָבן געטאָן. זייער גאַנץ לעבן איז דאָך געווען און פאַרבליבן אַ המשך פון גוטער טעטיקייט — אַ לעבעדיקער קוואַל, אַ מים־חיים, וואָס שעפּט זיך קיין מאָל ניט אויס.

איך וויל ניט אויסטיילן זיך פּערזענלעך און דערציילן ביי היינטיקער געלעגנהייט דעם טיפן געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער גוטסקייט, וואָס זיי האָבן אַמאָל — פונקט פאַר צוויי יאָרן — אַרויסגעוויזן צו מיר און בעלאַן פּערזענלעך, ווען זיי האָבן — איך וואָלט עס אָנגערופן: בצדקת לבבותיהם — אונדז דערמעגלעכט צו קומען אויף אַ באַזוך אין ישראל.

ניט מאַטעריעל אָדער פינאַנציעל האָבן זיי דאָס געטאָן, נאָר מיט טירחה, מיט פריינדשאַפט, מיט דערמוטיקונג, טאַקע בצדקת לבבותיהם האָבן זיי אונדז באַדינט אויף אַזאַ שטייגער, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו קומען קיין ישראל, וואָס צו דעם האָבן מיר געגאַרט און געגלוסט אַלע טעג פון אונדזער לעבן.

ווי געזאָגט, איך האָב ניט קיין ווערטער, וואָס זאָלן פּאַסיק קענען אויסדריקן אונדזערע — אונדזערע אַלעמענס געפילן און ליבשאַפט, אַנערקענונג און אַכטונג צו שלמה און ציליע צוקערמאַן. און היות מיר אַליין פעלן די דאָזיקע ווערטער, וועל איך עס פּרווון אויסדריקן אַלעגאָריש, ד״ה בדרך משל:

דער וועלט־באַרימטער גרויסער דיכטער, העַנריך היינע וואָס האָט געשטאַמט פון יידן און איז געווען אין יידישקייט פאַרליבט — ער האָט זיך אָפּט מאָל, בדרך משל באַרימט, אַז ער איז דער ערשטער מאַן פון 19טן י״ה, מחמת דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר פון דעם יאָר 1800 (וואָס, אגב, איז ניט אמת — ער איז געבוירן געוואָרן מיט 17 טעג פריער, דעם 13טן דעצעמבער, 1799).

נון, אויב אַזוי, קען אונדזער ליבע ציליע צוקערמאַן, וואָס איצט, אין 1975, פייערן מיר אין 75טן געבוירנטאָג — קען זי זיך באַרימען, און מיט רעכט, אַז זי איז די ערשטע פרוי פון 20טן י״ה, ווייל דערביי שטימט דאָך דער חשבון, אַז זי איז געבוירן געוואָרן ביים סאַמע אָנהייב פונעם יאָר 1900, ביי סאַמע אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט.

ניין, ניט איך וויל און ניט איך האָב בדעה צו פירן וועלכן עס איז פאַרגלייך אָדער וועלכע ניט איז אַנאַלאָגיע צווישן איר און דעם פּאָעט העַנריך היינע. סע באַשטייט ניט מער ווי אין דאַטעס אַסאָסיאַציעס. אָבער, און דאָס שאַץ איך ווי זיכער: וואָס שייך גוטסקייט און יידישקייט־שטימונגען און געפילן, שטייגט זי איבער און אַריבער היינען אין אַ סך פּרטים, און — וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ: — אין איר איבערגעגעבנקייט צו יידישקייט און אין אירע לייסטונגען פאַר יידישקייט!

אָבער היינט זיינען מיר זיך דאָ צוזאַמענגעקומען ניט נאָר צו פייערן איר, ציליעס געבורטסטאָג, נאָר אויך אירן און שלמהס קיילעכדיקן 50־יאָריקן חתונה־יובילײ, און דאָס איך דאָך אַן עיקר, און איז אונדז איצט מחייב צו ריידן און צו באַגריסן אויך אים, שלמהן, און ניט נאָר איז עס אונדז מחייב, נאָר ס'איז דאָך פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד, און אפשר טאַקע די גרעסטע פרייד!

שלמה!... — דער עצם נאָמען אינטריגירט... דער ערשטער שלמה פון גאָר און גאָר אַמאָל, איז דאָך געווען — נאָך משה רבנו — די וווּנדערלעכסטע און הערלעכסטע פּערזענלעכקייט אין דער ביבלישער יידישער געשיכטע: שלמה המלך!

האָט שלמה המלך, דערציילט אונדז די געשיכטע, ווען ער איז געווען יונג, געזונגען שיר השירים — דאָס שענסטע אויף

דער וועלט ראָמאַנטישע געזאַנג פון ליבע וואָס צווישן מאַן און פרוי.

אָבער שפּעטער, ווען אַנאַליז האָבן איבערוועלטיקט זיינע יוגנטלעכע ראָמאַנטישע געפילן, האָט ער זיך פאַרקערט צו חכמהדיקע אויפקלערונגען און פּאָעטישע איבערדענקונגען און ער האָט פאַר אונדז איבערגעלאָזט בירושה דאָס גרויסע וווּנדערלעכע ווערק: מ ש ל י!

און אָפט מאָל לייענענדיק דאָס דאָזיקע ווערק, משלי, פאַלט מיר איין אויפן געדאַנק, אַז אייניקע געדאַנקען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעבראַכט, פּאַסן זיך, בדרך משל, צו אונדזער אייגענעם שלמה — צו אונדזער שלמה צוקערמאַן.

אָט, למשל, לאָמיר ציטירן:

טרינק וואַסער פון דיין גרוב,
און לויפיקס פון דיין ברונעם.
דיינע קוואַלן וועלן זיך צעשפּרייטן
דערויסן,
אין די גאַסן — די בעכער וואַסער.

און ווייטער:

דיר אַליין וועלן זיי געהערן,
און ניט צו פרעמדע מיט דיר.
זאָל דיין קוואַל זיין געבענטשט,
און פריי זיך מיט דער וויַב פון דיין
יוגנט.
די ליבלעכע הינדין און די חנוודיקע
הירשין,
און צו איר ליבשאַפט זאָלסטו זיין
איבערגעגעבן. (משלי ה׳)

און פאַרענדיקן פאַרענדיקט זיך משלי מיט אַזעלכע געזאַנגען ווי:

אַן אשת־חיל ווער קען געפינען
און העכער פון פּערל איז איר ווערט.
דאָס האַרץ פון איר מאַן פאַרזיכערט זיך
אויף איר,
זי טוט אים גוטס און ניט שלעכטס,
אַלע טעג פון איר לעבן...

זעט ווי די אַלע משלים פון שלמה פון אַמאָל זיינען צוגעפּאַסט צו אונדזער שלמהן פון איצט און צו זיין ציליען.

און נאָך צירונגען געפינען מיר אין מ ש ל י פון שלמה המלך, וואָס זיינען ווי אָנגעמאָסטן און ווי צוגעפּאַסט צו די טעכטער און אייניקלעך פון אונדזער שלמהן פון איצט און זייערע טעכטער און אייניקלעך. און איך וועל ציטירן:

זייערע קינדער שטייען אויף און לויבן
זיי,
פילע טעכטער האָבן אויפגעטאָן בריה־
שאַפט,
אָבער זייערע טעכטער שטייגן זיי
אַריבער.

און ווייטער:

זיי האָבן זיך צוגעהערט צום מוסר פון
זייער פאָטער
און האָבן ניט פאַרלאָזן די לערע פון
זייער מוטער;
ווייל אַ קראַנץ פון זיין איז דאָך געווען
און געבליבן
פאַר זייערע קעפּ און האַלדזבענדער
פאַר זייערע העלדזער.

און נאָך ווייטער:

זיי האָבן אַנגענומען פון זייערע טאַטע־
מאַמע די ווערטער,
און זייערע געבאָטן באַהאַלטן זיי ביי זיך
און דאָס האָט צוגעלייגט חכמה צו
זייערע אויערן
און געניגט זייערע הערצער צו
פאַרשטאַנדיקייט.

געבענטשט זענט איר, שלמה און ציליע מיט אייערע קינדער און אָט דער זכות איז אייךביידן בייגעשטאַנען צו דעם גרויסן גליק און נחת, ווען איר און אייערע קינדער איז באַשערט געוואָרן, אַז איר זאָלט האָבן די גרויסע מזל וברכה צו פייערן אין ירושלים ביים כותל המערבי דעם בר־מצוה פון איינעם פון אייערע קינדס קינדער, און איצט — צו דערציען אייער אַן אַנדער אייניקל אין אוניווערסיטעט אין תל אביב.

ליבע שלמה און ציליע:

פון שיר השירים זייט איר — ווי ס'איז נאַטירלעך אין לעבן פון מענטש — אַריבער צו איבערלייגטן, אויפקלערישן, חכמה־דיקן און גוטהאַרציקן משלי. גאָט האָט אייך געבענטשט מיט וווּנדערלעכע, פאַרגעשריטענע, ליבע און צו אייך געטרייע און איבערגעגעבענע גוטע קינדער און קינדס קינדער. שיק איך צו אייך פון טיפן האַרצן מיינע אייגענע און מיין בעלאָס ברכות, און געוויס אויך די ברכות פון די

# אַ יאָר טעטיקייט פון יידישן קולטור קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס

### באַריכט פון אָשר קיפּניס

שוין קרוב צו פופציק יאָר ווי דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשע־לעס פירט דורך יעדן שבת אָוונט, אַחוץ אין די זומער־חדשים, קולטור־פּראָגראַ־מען צו וועלכע עס קומט אַ פיינער עולם. ספּעציעל זיינען די אָוונטן גוט באַזוכט זינט דער קלוב האָט זיך אַריבערגעצויגן אין זיין נייער היים, אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג.

ווי מ׳קומט נאָר אַריין אין זאַל, דער־פילט מען אַ דערהויבנקייט, אַ באַהער־שונג פון אַ נשמה יתירה. די ביבליאָטעק מיט די ביכער גיבן צו עפּעס אַ הייליקן געפיל. עס איז מער ווי אַ זאַל פאַר מי־טינגען. מען פילט אַ יראת הכבוד ווי מ׳וואָלט אַריין אין אַ בית־מדרש הערן אַ שיעור פון אַ בלאַט גמרא.

דער קלוב איז געבענטשט צו האָבן געטרייע איבערגעגעבענע מענטשן, ניט נאָר אין דער פירערשאַפט, נאָר אַלע מיט־גלידער זיינען ווי מ׳וואָלט זיי געקליבן און איבערגעקליבן. ווען מ׳דאַרף וועמענס הילף, פאַר וועלכן צוועק עס זאָל ניט זיין, זיינען זיי שטענדיק גרייט צו טאָן. איבער־הויפּט האָט מען זיך איבערצייגט ביי דער מלווה מלכה וואָס איז אויף אַזאַ פּראַכט־פולן אופן דורכגעפירט געוואָרן: מיט תורה פון אונדזער הענאָך בערמאַן, און נגינה פון דעם חשובן חזן העראָלד גרין. ווען דער וויצע־פּאָרזיצער, דער ליבער מענטש

יעקב קאַהאַן האָט געמאַכט אַן אַפּיל מ׳זאָל העלפן אָפּצאָלן אַ טייל פון חוב וואָס דער קלוב איז שולדיק, האָבן אַלע געעפנט די טייסטערס און געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. און אַ דאַנק דעם יובילייַ פון צוקערמאַנס 50 יאָריקע חתונה, האָט מען נאָך מוסיף געווען פון זייער כבוד וועגן, אויף דער שיינערביישטייערונג וואָס מ׳האָט געמאַכט פריער.

די מיטגלידערשאַפט געניסט ניט נאָר פון די קולטור־פּראָגראַמען, נאָר העלפט אויך שרייבערס אָנצוגיין מיט זייערע שאַ־פונגען, ממשיך צו זיין דאָס יידישע וואָרט דורך דער יערלעכער פּרעמיע וואָס דער קלוב האָט באַשטימט אויסצוצאָלן צו שרייבערס.

דער קלוב אין זיין נייער היים האָט געקראָגן אַ נייעם תיקון. דורך די גע־קליבענע קולטורעלע פּראָגראַמען וואָס די פירערשאַפט גרייט צו, האָט ער זיך דער־הויבן צו אַ גאָר הויכן ניוואָ. לאָמיר האָפן און שטרעבן אַז צום 50 יאָריקן יובל פון זיין גרינדונג, וואָס וועט בקרוב געפייערט ווערן, זאָלן מיר זוכה זיין פייערן דעם סיום מיט דעם זעלביקן עקסטאַז וואָס זיינע גרינדער האָבן געפילט און איבער־געלעבט.

## די רשימה פון די קולטור־אונטערנעמונגען אין משך פון לעצטן זמן

• שבת אָוונט, דעם 17טן אויגוסט, 1974, איז געפּראַוועט געוואָרן אַ מיטזומער שמחהלע, אַ מלווה מלכה, מיט אַ מאָלצייט און אַ פיינע פּראָגראַם. עס האָבן אָנטייל גענומען: משה כהן, דער חשובער כלל־טוער, אין אַ לעקציע וועגן ישראל־אַראַ־בישן שטרייט. משה מאַנדעלבוים — מיט אַ פאָרלעזונג, און סאָפי בערגער אין אַ ציקל לידער. פּאַזיצער: אַלעקס ראַבין.

---

אַלע דאָ איצט פאַרזאַמלטע אייערע און אַלע אונדזערע גוטע פריינד, אַז פאַר נאָך לאַנגע יאָרן זאָלט איר ניט אויפהערן צו היטן די געבאָטן, וואָס איר האָט אָנגע־האַלטן ביז איצט אין אייערע לעבן — מחמת אָט דאָס טאַקע איז דאָך דער גאַנ־צער מענטש! זאָלן אייערע קינדער און קינדס קינדער קיין מאָל ניט אויפהערן פרייען זיך מיט אייך און אַ פרייד זאָלט איר קיין מאָל ניט אויפהערן זיין פאַר אַלע אייערע פריינד און באַקאַנטע. אָמן!

• שבת אָונט, אָקטאָבער 12, איז געווען די דערעפענונג פון ביים זמן, מיט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם. עס האָבן אנטייל־גענומען: דער חזן העראַלד גרין, די זינ־גערין ניצי נימאַן, און חנה בעל מיט אַ פאַרלעזונג. עס האָבן באַגריסט די דער־עפענונג: נתן גראַוויץ, שלמה צוקערמאַן און סעם לעווין. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, אָקטאָבער 26, האָט דער קלוב אָפּגעגעבן דעם זאַל צום יערלעכן ייוואָ קאָנפערענץ. אַלעקס ראַבין האָט געעפנט דעם אָונט און פאַרגעשטעלט: יוסף טיליס, יעקב קאַהאַן, משה קאַפּלאַן, און אפרים, סעקרעטאַר פון ייוואָ.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר יעקב קאַהאַן פאַר אַ באַגריסונג. פּראָפעסאָר ברײַנדל קירשענבלאַט־גימלעט, האָט גע־האַלטן אַ רעפעראַט אד"ט: די ראָל פון ייוואָ אינעם המשך פון דער מזרח־אייראָ־פּעישער יידישער קולטור.

אין קינסטלערישן פּראָגראַם האָט ד"ר אברהם זיגלבוים פאָרגעלייענט. נתן גע־ראַוויץ האָט באַגריסט און געמאַכט דעם אַפּיל. דער עולם האָט זיך וואַרעם אָפּ־גערופן. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, נאָוועמבער 2 — אַ זלמן שזר יזכור־אָונט. עס האָט גערעדט דער געלערנטער ד"ר יהודה פּילטש. משה מאַנדלבוים האָט געלייענט פון שזרס כתבים. חזן יהושע מוסטער האָט געמאַכט אַ מלא רחמים. פאָרזיצער: משה קאַהען.

• שבת, נאָוועמבער 16 — אַן אָונט צו 900 יאָר פון רבי יהודה הלוי. ד"ר בער־נאַרד קאַהען האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אד"ט: „רבי יהודה הלוי, זיין פילאָסאָפיע, זיין צייט און זיין שאַפן." בעלאַ פאַזי, קול־טור־טוערין, האָט געלייענט פון יהודה הלויס לידער. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, נאָוועמבער 23 — אַ לעק־ציע פון בנימין הערסאַן, אד"ט: „יידיש לעבן אין אַמעריקע ווי אָפּגעשפּיגלט אין אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור." יצחק ראַטבלום, באַקאַנטער שוישפּילער און רעציטאַטאָר, האָט פאָרגעלייענט. פאָר־זיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, נאָוועמבער 30 — אַ רע־פעראַט פון מנחם קאַרסאַן אד"ט: „ברוך שפּינאָזאַ, זיין וועלט־באַנעם און דאָס יידישע פאָלק. איזאַבעל קעץ—אין אַ ציקל יידישע לידער. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, דעצעמבער 7 — אַן אָונט געווידמעט דעם אָנדענק פון מרדכי גע־בירטיק. עס האָבן אנטייל גענומען דער ליטעראַטור־קענער פּערגעי נוטקעוויטש. לידער פון געבירטיק האָט געזונגען בער־ניס אַשדאַן. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין

• שבת אָונט, דעצעמבער 14—אַ חנוכה־אָונט. ד"ר מנחם טאָור, פאָרשער פון תנ"ך, האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון חנוכה. חזן הערלאַד גרין האָט גע־זונגען חנוכה־לידער. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, דעצעמבער 21, האָט דער קלוב צוגעגרייט אַ ספּעציעלן אימפּאָזאַנטן יום־טוב לכבוד אריה פאַזיס ווערן אַ בן שמונים, און אים צוגעטיילט גרויסן כבוד און אנערקענונג ווי דעם רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון" און אַרויסגעבער פון אַ צאָל ביכער און עסייען. אַלעקס ראַבין, פאָרזיצער פון קלוב, האָט געעפנט דעם אָונט און באַגריסט דעם יובילאַר מיט לויב־ווערטער, ניט נאָר פאַר פאַזי דעם שרייבער, נאָר פאַזי דעם אידעלן מענטש, דעם עניו, וועלכער האָט פאַר יעדן איינעם אַ גוט וואָרט און זוכט שטענדיק צו ברענ־גען נאָענטקייט בין אָדם לחברו.

אַלעקס ראַבין גיט איבער אָנצופירן דעם אָונט צו מאָריס דייטש, וויצע־פאָר־זיצער פון קלוב. מאָריס דייטש באַגריסט דעם יובילאַר און זאָגט, אַז ער באַזיצט איינגעבוירענע ליבשאַפט צו מענטשן און דריקט אויס אַ ווונטש, אַז נאָך אַ סך יאָרן זאָל זאָל ער זיין טעטיק אין געזעלשאַפט און פּראָדוקטיוו אין זיין שאַפן.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר אַברהם געלאַמב, דעם באַרימטן שרייבער און יידיש־העברעישן פּעדאַגאָג, פאַר אַ באַגרי־סונג. אברהם גאָלאַמב אַנאַליזירט פאַזיס ביאָגראַפיע, זיין אָפּשטאַם, זיין געבוירן ווערן אין אַ טראַדיציאָנעלער היים, וואָס האָט געפורעמט דאָס געשטאַלט פון פאַזיס

שיינע מידות, פון ליבשאַפט צום מענטש. ער האָט געוווּנטשן פאַזין געזונטע אַריכת ימים, זאָל קענען וויטער אָנגיין מיט זיינע טעטיקייטן און שאַפונג.

דער פאַרזיצער שטעלט פאָר פאַזיס בת יחידה, דינה מעצקער. זי גיט איבער זיכרונות פון אירע קינדער־יאָרן, וואָס זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין איר זכרון; זכרונות פון פרייטאָג צו נאַכטיקע דיסקוסיעס ביים שבת־טיש מאָלצייט; די מעשהלעך וואָס איר פאָטער פלעגט איר דערציילן האָבן געפורעמט איר צוקונפטיקן דענקען, אַז ביט מאַטעריאַליסטישע געווינסן זיינען דער עיקר אין לעבן, נאָר מענטשלעכקייט, זאָרג פאַר דעם אונטערדריקטן און ליבשאַפט צו מענטשן. אָבער איבערהויפּט שאַצט זי אָפּ, וואָס אפילו אין אירע גאָר יונגע יאָרן האָבן אירע עלטערן רעספּעקטירט איר מיינונג אפילו ווען זיי זיינען נישט מסכים געווען מיט איר, האָבן זיי איר פאַרשטאַנען און רעאַגירט מיט גרויס דרך ארץ און ליבשאַפט. און זי האָט פאַרענדיקט מיט לייענען פון טאַטנס שאַפונגען.

דער פאַרזיצער שטעלט פאָר בעלאַ פאַזי, דעם יובילאַרס לעבנס־באַגלייטערין, פאַר אַ באַגריסונג. זי באַגריסט איר מאַן און ווינטשט אים געזונטע, לאַנגע יאָר, ער זאָל אָנגיין מיט זיין ליבשאַפט צו שאַפן, פון וואָס ער האָט גייסטיקע באַפרידיקונג. און זי האָט געלייענט איין פאָעמע פון פאַזיס בוך „יוסף".

שלמה צוקערמאַן באַגריסט דעם יובילאַר, זיין נאָענטסטן פריינד, וועלכער איז אַלע מאָל געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין פאַמיליע, און דערקלערט, אַז דער קולטור קלוב האָט באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר קולטורעלע צוועקן פון $300 און די ערשטע פּרעמיע וועט געגעבן ווערן אין פאַזיס כבוד.

דער יובילאַר באַדאַנקט אַלע באַגריסער פאַר די וואַרעמע ווערטער צו אים און צו זיין פאַמיליע.

דער אָוונט איז אויך באַשיינט געוואָרן מיט אַ מוזיקאַלישן פּראָגראַם פון דעם טאַלאַנטפולן פידל־שפּילער לעאָן פילד, וועלכער איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון געפאַקטן זאַל מענטשן.

● שבת אָוונט, דעם 4טן יאַנואַר, 1975, אַן אָנדענק־אָוונט צו 100 יאָר פון חיים ווייצמאַן ע"ה, ערשטן פּרעזידענט פון מדינת ישראל. מאיר עדעלבוים, מיטאַרבעטער פון חיים ווייצמאַן, האָט גערעדט אד"ט: „הונדערט יאָר חיים ווייצמאַן, זיינע גרויסע פאַרדינסטן און דערגרייכונגען." ניצי נימאַן האָט געגעבן אַ ציקל פון ישראל לידער. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, יאַנואַר 11 — אַ לעקציע פון ד"ר יהודה ראָזענמאַן, אד"ט: „גאָט, מענטש און ליידן אויף דער וועלט, לויט דער אויסטייטשונג פון קבלה, הרב קוק, ד"ר יהושע העשל, און ד"ר בערקאָוויטש." אין קינסטלערישער פּראָגראַם: דער חזן יהושע מוסטער, אין העברעישע און יידישע לידער. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, יאַנואַר 18 — אַ פאָרזעצונג צו דעם צווייטן טייל פון ד"ר יהודה ראָזענמאַנס לעקציע: „גאָט מענטש און ליידן." אין קינסטלערישער פּראָגראַם — מאַטל האָרוויץ, אין געזאַנג, מיט דער באַטייליקונג פון עולם. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, יאַנואַר 25 — אַ רעפעראַט פון מאיר עדעלבוים פון ישראל, אַ לאַנגיאָריקער ציוניסט, געוועזענער מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט — אד"ט: „ישראל און אַמעריקע." חבר גרשון פרידמאַן האָט זיך געזעגנט מיט מאיר עדעלבוים אין נאָמען פון די מעזריטשער און לוקאָווער לאַנדסלייט. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, דעם 1טן פעברואַר — אַ לעקציע פון ד"ר ראַבאַי בערנאַרד קאָהען, אד"ט: „דער אויפקום און די אויסווירקונג פון סאָציאַלע פאָרשונג ביי יידן", פון אַרטור רופּין, יעקב לעשצינסקי און ראַבערט דובאָוו. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, פעברואַר 8 — אַ פייערונג פון אַ יאָר קולטור־אַרבעט אין נייעם זאַל. אַ באַגריסונג און לעקציע פון שמואל סיגאַל, שרייבער און לעקטאָר. אין דער פּראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען: חזן הע־

ראַלד גרין, אין יידישע לידער, און ניצי גימאַן, אין העברעישע לידער. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, פעברואַר 15 — אַ לעקציע פון פּראָפעסאָר דזשאַנעט האַדאַ, לערערין פון יידיש אין קאַליפאָרניע אוניווערסיטעט, אד"ט: „יעקב גלאַטשטיין, ווירטואָז פון יידישער דיכטונג." חיהלע הענדל, זינגערין אינעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, פעברואַר 22 — אַ פּורים אָוונט. רחל דייטש, געוועזענע לערערין האָט אויף אַן אויספירלעכן אופן גערעדט וועגן דעם יום־טוב פּורים. אָשר קיפּניס האָט געלייענט די מגילה. משה מאַנדלבוים האָט געלייענט פּורימדיקן הומאָר, און חזן העראַלד גרין האָט געזונגען פּורים־לידער בציבור. פּאַרזיצער, אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, דעם 1טן מערץ — אַ לעקציע פון פּסח מאַטענקאַ, פון ברוקלין קאָלעדזש, אד"ט, „די יידישע שטודירנדיקע יוגנט אין אַמעריקע. פּאַרזיצער, אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, מערץ 8 — אַ לעקציע פון אַ חשובן ישראל־גאַסט, דוד שטאָקפיש, באַקאַנטער פּובליציסט, אד"ט, „דאָס שטעטל אין דער יזכור־ליטעראַטור." עס איז אויך געווידמעט געוואָרן אַ טייל פון אָוונט צו די שלושים פון דעם שרייבער יעקב שמואל טויבעס. מאָטל האַרוויץ האָט געלייענט פון זיינע שאַפונגען. אַלעקס ראַבין, פּאַרזיצער.

• שבת אָוונט, מערץ 15 — אַ לעקציע פון משה כהן, אד"ט: „חיים גרינבערג, זיינע געדאַנקען וועגן קלייניקייטן." אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם: די יונגע טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין, מאַרגאַ בערמאַן, אַן אייניקל פון הענעך בערמאַן. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת, מערץ 22 — אַ סימפּאָזיום מיטן אנטייל פון נתן גראַוויץ און זלמן שלאָסער, אד"ט: „לאַזונגען און לייזונגען אין אַמעריקאַנעם יידישן לעבן." פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, דעם 5טן אַפּריל — אַ י. ל. פּרץ אָוונט, צום 60טן יאָרצייט פון פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור. אריה פּאַזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון", האָט גערעדט אד"ט: „פּרץ, זיין שאַפונג און ווירקונג אויף די יונגע טאַלאַנטפולע שרייבערס." אין קינסטלערישן פּראָגראַם: יצחק רויטבלום האָט געלייענט מיט נוסח פּרצעס „מאָניש" און „באַנטשע שוויג", און אַ ליד פון אליעזר גרינבערג. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, אַפּריל 12 — איז דער אָוונט געווידמעט געוואָרן דעם פּאַרטיזאַן, זינגער און דיכטער שמערקע קאַטשערגינסקי. סערגיי נוטקעוויטש האָט גערעדט וועגן זיין לעבן און שאַפונג. די זינגערין בערניס אַשדאַן האָט געזונגען קאַטשערגינסקיס לידער. איידער דער פּאַרזיצער שטעלט פאָר דעם לעקטאָר, דערמאָנט ער דאָס אוועקגיין צו דער אייביקייט פון קאַדיע מאַלאַדאָווסקי. דער עולם האָט באַערט איר אָנדענק. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, אַפּריל 19 — אַ יזכור־אָוונט צום 32טן יאָר פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע העלדן פון די זעקס מיליאָן קדושים. ד"ר בערל שולגאַסער, פון דער קאָוונער געטאָ, האָט גערעדט וועגן דער ביכער־אַקציע, ווי די יידן האָבן אַליין פאַרברענט זייערע ספרים, כדי זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין רוצחישע הענט. סאָפיע בערגער, אַ געראַטעוועטע פון די לאַגערן, האָט געצונדן די 6 ליכט און געזונגען געטאָ־לידער. פּאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, אַפּריל 26 — איז געפּראָוועט געוואָרן די יערלעכע מלווה מלכה וואָס דער קלוב האָט איינגעפירט. אַ פיינער מאָלצייט איז סערווירט געוואָרן כיד המלך. חזן העראַלד גרין האָט געזונגען פאַסיקע ניגונים. הענעך בערמאַן האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון מלווה מלכה, דאָס ניט וועלן זיך שיידן מיטן שבת און איבערגיין צו וואָכעדיקייט. דער פּאַרזיצער שטעלט פאָר דעם וויצע־פּאַרזיצער פון קלוב, דעם חשובן כלל־

טוער, יעקב קאַהאַן, וועלכער גיט איבער אויף אַ מייסטער־אופן די שיינע קולטורעלע אוונטן מיט אַזוי פיל אינהאַלט, וואָס ווערן צוגעגרייט פון דער אָנפירערשאַפט. ער גיט גרויס אַנערקענונג אַלעקס ראַבינען פאַר זיין פּראַכטפולן אַריינפיר צו די אָוונטן. יעקב קאַהאַן דערמאָנט די צייט ווען דער קלוב אויף מאָנטראָ גאַס האָט זיך שוין געהאַלטן ביים אויפליזן, אָבער די עטלעכע קולטור־וועטעראַנען, ווי שלמה צוקערמאַן, אַלעקס ראַבין, און נאָך אייניקע, האָבן ניט גערוט און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דערמעגלעכט צו בויען די שיינע היים, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר ניט נאָר אין ל. א. נאָר איבערן לאַנד. אָבער דער חוב פון די צען טויזנט דאָלער וואָס דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן, דריקט שטאַרק אויף דער פירערשאַפט, און ער אַפּעלירט צום עולם מ׳זאָל העלפן אָפּצאָלן אַ טייל פון חוב.

יעקב קאַהאַן מאַכט אויך באַקאַנט צוקערמאַנס צווייפאַכיקע שמחה—50טער חתונה יובל, און צילי צוקערמאַנס 75טן געבוירנטאָג. צוליב צוקערמאַנס צווייפאַכיקן יום־טוב איז אין זייער כבוד בייגעטראָגן געוואָרן פאָנדן מיט אַ ברייטער האַנט. חזן הערעלד גרין האָט פאַרענדיקט דעם אָוונט מיט געזאַנג, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען „שמח וטוב לב.“ אַ פּאַרדרוס וואָס עטלעכע מענטשן האָבן ניט געקאָנט אַריינגיין צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. פּאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, דעם 3טן מאַי — אַן אַברהם גאָלאָמב אָוונט, שרייבער און דענקער, לכבוד דאָס דערשיינען פון זיין 41טן בוך. זלמן שלאָסער, באַקאַנטער עסייאיסט און לעקטאָר, האָט גערעדט וועגן נייעם בוך און זיין פּעדאַגאָגישע דערציונג פון דורות תלמידים. יצחק רויטבלום האָט געלייענט פּרצעס „בערל דער שניידער“, און „פישער“— פון יחזקאל בראָנשטיין. דער פּאָרזיצער ווינטשט מאָריס דייטשן אַ גליקלעכע רייזע קיין ישראל, אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער. פּאָרזיצער: הענעך בערמאַן.

• שבת אָוונט, מאַי 10— אַן אָוונט לכבוד משה שקליאַר צו זיין אַרויסגעבן דעם בוך לידער „אין דמיון פאַרזיגלט.“ דער פּאָרזיצער, אַריה פאָזי, פאַנגט אָן דעם אָוונט מיט באַגריסן אַלעקס ראַבינען צו זיין צוריקקער פון דער ייווא־קאָנפערענץ, און ער באַדאַנקט, ביי דער געלעגנהייט, אַלעמען וואָס האָבן אים באַגריסט אין „חשבון“ צו זיין 80טן געבוירן־יאָר.

סערגיי נוטקעוויטש רעדט מיט גרויס באַגייסטערונג און ליב וועגן נייעם בוך, און לייענט אייניקע פון די לידער. משה שקליאַר דאַנקט דעם פּאָרזיצער, נוטקעווינטשן, און דעם קלוב פאַר ווידמענען אים דעם אָוונט. דער דיכטער האָט געלייענט אַ צאָל לידער פון נייעם בוך.

• שבת, מאַי 17 — אַ שבועות־אָוונט. דער פּאָרזיצער דריקט אויס גרויס באַדויערן וואָס צוקערמאַן האָט געזאָלט זיין פּאָרזיצער און צוליב אַן אומגליקספאַל האָט ער ניט געקאָנט זיין אין זאַל. ער באַגריסט הערי שטערנפעלד צו זיין 75טן געבוירן־טאָג און ווינטשט אים אַ סך אַקטיווע, געזונטע יאָרן מיט זיין פרוי.

דער תנ״ך־פאָרשער, ד״ר מנחם נאור, האָט גערעדט וועגן מגילת רות, און חזן הערעלד גרין האָט געזונגען שבועות־לידער. פּאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, מאַי 24 — איז דער אָוונט געווידמעט דער באַשטימונג דורך דער יו־ען ווי אַ פרויען־יאָר. שרה ליינער האָט גערעדט אַד״ט: „דער סטאַטוס פון דער פרוי אין דער יידישער געשיכטע.“

אָט דעם פאָרטראַג האָט געמאַכט אַ באַזונדערן טיפן איינדרוק, ניט נאָר מחמת דער טעמע, נאָר איבערהויפּט דורך דעם אינהאַלט און עשירות פון וויסן און אינטעלעקטועלן באַנעם פון דער לעקטאָרין.

אַלעקס ראַבין איז געווען דער פּאָרזיצער אויך פון דעם אָוונט.

• מאָנטאָג, מאַי דעם 26טן, 2:30 נאָך מיטאָג, האָט דער קלוב געהאַט אַ לעקציע מיט ד״ר אַלעקסאַנדער מיטלמאַן, אַד״ט: „אַנוסים אַמאָל און היינט.“ עס זיינען געקומען איבער 70 מענטשן. פּאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָוונט, 7טער יוני—אַ קבלת פּנים פאַר חיים און פערל אָסטראָווסקי, איצטי־

קע איינוווינער אין ישראל. דער פאַרזיצער האָט באַגריסט צוויי מיטגלידער: סעם לעווין און משה מאַנדלבוים, וואָס זיינען געווען ניט געזונט און האָבן אויסגעפעלט אין קלוב, און ווינטשט זיי געזונט און אריכת ימים. פערל דערציילט וועגן יידיש לעבן אין ישראל. עס ווערט פּאָפּולער. מ'הערט טאָג־טעגלעך יידיש אויף דער ראַדיאָ און אין גאַס. חיים האָט געלייענט אַן עסיי פון ד"ר מאַרק שערמאַן, וועלכער האָט פאַרוויילט אין ישראל און זיין ווערן צוגעבונדן צום לאַנד; האָט געלייענט אַ חסידישע לעגענדע: „ר' זושע און ר' אלימלך טאַנצן"; אויך אַ דערציילונג פון שלום עליכם: „טוביה פאָרט קיין ישראל." פאַרזיצער: שלמה צוקערמאַן.

• שבת אָוונט, דעם 14טן יוני, 1975 — שלום־אָוונט פון זמן. דער פאַרזיצער אַלעקס ראַבין עפנט דעם אָוונט און דערמאָנט די ראשונים וועלכע האָבן געגרינדעם קולטור־קלוב. די אומפּאַרטייאישקייט וואָס פאַראייניקט אַלעמען, פון אָרטאָדאָקסישע ביז ראַדיקאַלן — אַלע וועלכע זיינען וויליק ממשיך זיין דאָס יידיש וואָרט וואָס וואַרעמט די נשמה, און דריקט אויס אַ האָפענונג, אַז דאָס יאָר 1976, וואָס וועט זיין דער יובל־יאָר פון קלוב, זאָל מען מיט פרישע כוחות נאָך פאַרשענערן די פּראָגראַמען.

ער באַדאַנקט אַלעמען וואָס האָבן געהאָלפן צוגרייטן די אָוונטן, און אַלע וועלכע האָבן אויפגעטראָטן אין לעקציעס, פאַרלייענער, זינגער, שפּילער, און די וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם זאַל. ער שטעלט פאָר חזן העראָלד גרין, וועלכער זינגט האַרציק העברעישע און יידישע לידער. דער פאַרזיצער שטעלט פאָר מאָריס דייטש, וויצע־פאַרזיצער, וועלכער גיט אַן איבערבליק איבער דער גרויסער אַרבעט פון די עטלעכע איבערגעגעבענע חברים, וועלכע האָבן, מיט שלמה צוקערמאַן בראש, אַדורכגעפירט דעם פּראָיעקט צו האָבן דעם שיינעם זאַל ער גייט דורך די אַלע אַקטיוויטעטן און די נעמען פון אַלע שרייבערס און לעקטאָרס, וואָס זיינען אויפגעטראָטן אין די פּראָגראַמען.

דער פאַרזיצער שטעלט פאָר יצחק רויטבלום, וואָס האָט געלייענט די „קאַמאַנדע" פון שלום הקטן, און „אַ חתונה אין שטעטל" פון א. לוצקי, געווידמעט לכבוד שלמה און צילע צוקערמאַנס 50 יאָריקן חתונה־יובילײ.

דער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט נגינה פון חזן העראַלד גרין, און דער עולם האָט זיך געווונטשן אַ געזונטן זומער.

---


שנת ברכה והצלחה צו אַלע אונזערע חברות, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל.

**דרורה צוויג פּיאָנערן פרויען**

עדינה פרידמאַן, פרעזידענט

---

**ווייצמאַן־זאַלצמאַן צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

דוד שרגא, פאַרזיצער
יצחק גיבערמאַן, פינאַנץ סעק.

---

האַרציקע באַגריסונג פון אַלע חברות!

**יהואָש לייען־קרייז**

ראָוז אַסטראָוו, פין. סעקרעטאַר

---

**ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז**

גאַסי סאַרטאַ, סעקרעטאַר

---

**סירקין קולטור־קלוב**

אָוקלאַנד, קאַליפאָרניע

---

**דר. דאַלניק לייען־קרייז**

ווינטשט זייערע משפחות אַ גוט יאָר.
אסתר סאָלאָמאָן — סאַשאַ האָפמאַן

---

**קראָפּאָטקין ברענטש 413**
**אַרבעטער רינג**

קאַרל העפּער, סעקרעטאַר

---

**עמנואל רינגלבלום לייען־קרייז**

יעטאַ גרעי, פין. סעקרעטאַר

---

**אַרבעטער רינג לייען־קרייז**

סיידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

✡

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

✡

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון

## „חשבון” און יידישער קולטור קלוב

שיקן זייערע האַרציקע לשנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטאַרבע־טערס און לייענערס, צו מדינת ישראל און כל ישראל בכל מקום שהם.

מיר ווינטשן אַלע אונדזערע פריינד אַ שנת ברכה והצלחה און לאָמיר זוכה זיין אינעם יאָר תשל״ו צו אַן אמתן שלום אויף דער וועלט, נאָך מער אויפשוואונג פון מדינת ישראל, אַ סך נחת פון איר ושלום בכל גבולותיה ומנוחה בכל מושבותיה, און אַ סך גליק פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיר ווילן האָפן, אַז דאָס נייע יאָר וועט אויך ברענגען גליק און פרייד דאָס שווער־געפּרוווטע יידנטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר וועלכע מיר זיינען אַלע מתפלל —

תחל שנה וברכותיה!

באַגריסונג פון

# ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

## צום נייעם יאָר תשל״ו... לשנה טובה תכתבו ותחתמו

### אַ יאָר פון שלום אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט!

צום נייעם יאָר שיקן מיר אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו די חברות און חברים פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, צו דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און צו אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט.

מיר סאַלוטירן די רעגירונג פון ישראל, דעם גאַנצן ישוב און אונדזערע חברים אין דער הסתדרות, אַז דאָס יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון שלום און פון ווייטערדיקן אויפבוי.

אונדזערע הייסטע תפילות באַגלייטן די יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד און מיר פאַר־זיכערן זיי, אַז מיר וועלן שטענדיק געדענקען זיי און אומאויפהערלעך פאָדערן זייער רעכט זיך אויסצולעבן יידיש גייסטיק און קולטורעל און ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק.

## פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

ד״ר יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט — יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

---

**מיר ווינטשן שנת שלום, ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל**

### שלום עליכם צווייג נומ. 305 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טעאָדאָר כּץ, פּרעזידענט
ד. סידראָוו, וויצע־פּרעז.
חיה ניומאַן, פּראָט. סעק.
וועלוול אָרטנשטיין, פין. סעק.

### באָראָכאָוו פינסקי צווייג נומ. 122 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

אברהם טענער, פאָרזיצער
מ. האָפמאַן, פין. סעק.

### הירשביין - רויזענבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פיליפּ בראָדי, פּרעזידיום
ראָבערט טעמפּער, פין. סעק.
מאיר קעסטל, פּראָט. סעקרעטאַר

### אויפבוי גרופּע

יוסף גאָלדבערג, פּרעזידענט
משה מאַנדעלבוים, סעקרעטאַר
הערי אבראַמס, פין. סעקרעטאַר

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

☆ ☆ ☆

מנחם קאַרסאָן

---

יידישע קולטור פעדעראַציע
(דרום אַפריקע)

---

ליובע און שמואל בריינין

---

שרה און שמחה ליינער

---

ציליע און שלמה צוקערמאַן

---

אָסקאַר און מיני סיגעל

---

גדליה ראָזענבוים
(דעטראָיט)

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

אַמאַן, סאָניע
אָרטענשטיין, פייגל און וועלוול

בערמאַן, איוואַ און העניך
בלום,ביילקע (בערטאַ)

גאָלדפאַרב, לילי און מענדל

גאָלאָמב, אברהם, רבקה און משפחה
לשנה טובה און לשנים טובות אַלעמען

דייטש, רחל און אלימלך

וואַנאַמייקער משפחה
און רחל סלאַבאָדקין

ווייס, פלאָראַ און שמואל

ווינער, באָריס

וויינטרויב, לילי און מאיר

וויינמאַן, דזשעני

וויינבערג, אברהם מ.

טויבער, בען און פרוי
טיילאָר, ליבע און מייער
טעמפער, פערל און ראָבערט

כץ, דאָראַ און טוביה

לעווין, אסתר און הערי
לעווין, דאָראַ און סעם
לעווין, פעני
לייקין, שמואל בער (דעטראָיט)
לעוו, רבקה און זיגמונט

הרב מ. ד. מרגלית
מאַרקוס, מלכה און יצחק
מלחי, בצלאל און פרוי
מען, עטל און אירווינג

נאַדעלמאַן, בעקי און משה
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
ניומאַן, עליע (דעזערט האָט ספּרינגס)

סלוצקי, רחל און מענדל
סעלצער, מרים און טוביה

פּאַטער, האַוואַרד און פרוי
פּריפּענט, סאַל און פעני (פּיטסבורג)
שיקן זייערע ברכות צו חברים און משפחות

פישער, לוסילע און ד״ר בערנאַרד
פאַזי, בעלאַ און אריה
פרימאָסט, דזשעני און טשאַרלי

צימרינג, ראָוז און באָריס

קאַהאַן, רעי און דזשעק
קאָהן, ראָוז און אברהם יצחק
קאַפּלאַן, משה
קאַפּלאַן, ראַקעל און דוד
קרוק, מרים און יחזקאל

ראָבין, אַלעקס
רומאַק, מאַקס און פרוי

שרגא, רבקה און דוד
שאַר ווילי (וועלוול)
שולגאסער, ד״ר בערל און פרוי
שטיינבערג, קלאַראַ, דזשעק
און משפחה
שלאָסער, נעכע און זלמן

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אָפּמאַן, פּאַליאַ און יאַשקע
אָסטראָף, לאה און שמואל
(ברוקלין, נ. י.)
אַפּטייקער, אסתר

באַדין, לואיס
באַלאַט, ראָוז
BAKER'S FISH MARKET
בוגין, יעטאַ און זרח
בוירק, ציליע
בלעווים, חנה און מענדל
ברוקס, לואיס
בלושטיין, שרה און נחום
בראָדי, פּיליפּ
בריים, טילי און תנחום
בעקער, רות און לייזער
(פיניקס אַריזאָנאַ)

גובערמאַן, אסתר און יצחק
גילדער, שמחה
גרעי, יעטאַ און שמחה
גליקמאַן, סיליאַ און בערנאַרד
גאַן, בעלאַ (עלסינאָר)
געדאַנקע, סעם
גיבערמאַן, אסתר און יצחק
גרינשטאַט, טילי און יצחק
גרעי, יעטאַ און שמחה (דזשאַן)

האָפּשטיין, פּעני און מאיר
העלפּער, קאַרל

ווייַנמאַן, דזשעני

טראַמבקאַ, חוה און יוסף
טייטלבוים, שרה
טילעס, ראָוז און יוסף

כאַזאַנאָוו, פייע און אליהו

לאָסאָס, טוביה
לייזאַק, מערי און יוסף
לינזער, סילוויע און דשוליוס
לעווין, עטל און אייזיק

מינץ, בעסי און בערל
מאַנדלבוים, עטל און משה
משרת, סאָניע און הערשל
מאַרקוס, אידיט און אַרטור

נאָרמאַן, ראָוז (עלסינאָר)
ניומאַן, חיה און יצחק
נאַדלער, לאָרא

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

סאַפּיאַן, פּעי
אין אָנדענק פון מיין מאַן יצחק

סייפער, טשאַרלס און גילדאַ

סאָלאָמאָן, אסתר

סטענואָר, גיטל און איזידאָר

פּאַניק, פּייגעלע און יוסף

פינקלשטיין, סיידי

פינקלשטיין, ראָוז (עלסינאָר)

פעלדריים, גיטל

פרידמאַן, חיה און גרשון

פרידמאַן, עדינה

צוקערמאַן, טשאַרלס

קאַוונער, אַגאַ

קוליק, עטל און חיים

קופּערמאַן, לאה און מאַקס

קעסטל, מאיר

קיפּנים, מרים און אָשר

קאָזאַק, סאָפּי און הערשל

קענטאָר, רבקה

ראָזמאַן, מערי און משה

ראָזענשטיין, גאָסי

רויטבאַרד, יוסף און משפּחה
(מילוואָקי)

ראָוויטש, ראָוז

שולוויים, גוטשע און משה

שטיין, אפרים און משפּחה

שאַפּיראָ, שושנה

שטערנפעלד, סאָפּי און הערי

שלאָסער, נעכע און זלמן

שערמאַן, גאָסי